STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04275

GEKLIBENE DERTSEYLUNGEN

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

געקליבענע דערציילונגען

בוך I

צווייטער טייל

ווינִיפּעג, קאנאדע

תש"ב 1942

פארלאג־געזעלשאפט

"פון קוואל"

I. L. PERETZ

Selected Stories

Published by

FUN KVALL

1942

Printed by the Israelite Press Ltd.

Winnipeg Canada

אינהאלט

דער בעל־שם פֿירט אוים א שידוך — — — — — — — — — — 5

ניסים אויפֿן ים — — — — — — — — — — — — — — 30

ס'אי' גוט — — — — — — — — — — — — — — — 40

דער הינטישער סדר — — — — — — — — — — — — 46

די תאַווה צו קליידער — — — — — — — — — — — — 52

בײַם גוסס צוקאָפּנס — — — — — — — — — — — — 61

דרײַ מתנות — — — — — — — — — — — — — — 71

פארלאג און שער־בלאט געצייכנט
ה. גוטקין

דער בעל שם טוב פירט אויס א שידוך

געווידמעט אנ—סקי, דעם זאמלער

האט

אין אַ שטעטל בײַם ברעג פֿון בוג געלעבט אַ פּאָר־פֿאָלק. וואָס זײַן ליבער נאָמען האָט מיט קינדער נישט געבענטשט. און דאָס פּאָר־פֿאָלק — שמואל וזוגתו טרײַנע־מירל — האָבן אַפֿילו קיין קלער נישט געטאָן וועגן אַ גט, און אַלץ ווײַטער און ווײַטער געלעבט ווי אונטער דער זון.

און די שטאָט האָט נישט געמורמלט און דער בית־דין־צדק — נישט געוואָרט. מען האָט געוווּסט, אַז נפֿשו קשורה בנפֿשה און אַזוי פֿאַרקערט, און זיי זײַנען איינס מיט אַנאַנדער אַזוי פֿאַרבונדן און פֿאַרקניפּט, אַז ריידן פֿון אַ גט וואָלט געהייסן צוגיין מיט אַ חלף.

פֿאַר דאָס איז דער שמואל — אַ דאַנציגער סוחר — אַ גרויסער מוצלח געווען אין זײַנע עסקים. און מען ווייסט אַפֿילו, פֿון ווען אָן די הצלחה האָט זיך אָנגעהויבן, פֿון וואַנען זי שטאַמט און אָן וואָס זי האַלט זיך.

איינמאָל, שמואל איז נאָך אין די פֿעדערן נישט געווען, טרײַנע־מירל איז נאָך אין עזרת־נשים בײַ דער קראַטע נישט געשטאַנען, קיין בריליאַנטענע ענגל־אויערינג נישט געטראָגן, — געהאַנדלט מיט אַ

קליין ביסל געהילץ, צוגעבונדן צוויי דרײַ טראַטוועס צו אַ גרעסערן סוחרס טראַנספּאָרט; און אַ קליין הײַזל געהאַט אויף הילצערנע פּיסלעך אונטער אַ שטרויען דעכל. — טרעפט זיך אַ מעשה, ערב שבת, דער בעל שם פאָרט איבערן שטעטל אַהיים, און פּונקט — ווי עמיצן איז באַשערט! — פּונקט פאַר שמואלס טיר צעברעכט זיך אַן אַקס. שמואל און טרײַנע־מירל זײַנען אַרויס פאַר דער טיר, אַרײַנגענומען דעם בעל שם — נישט ווייסנדיק אַפילו, ווער ער איז, נאָר גלאַט אַ ייִד! — צו זיך; געשיקט נאָך אַ סטעלמאַך, צו פאַרריכטן די אַקס. איידער וואָס, איידער ווען — נאָך צוועלף, דער בעל שם בלײַבט שוין אויף שבת. און אַ מכניס אורח איז שמואל פון אייביק אָן, און טרײַנע־מירל האָט אויך אַ גוט אויג און אַן אָפן הארץ פאַרן אורח, — האָט זיי טאַקע פון דאַמאָלט אָן אָנגעהויבן צו שײַנען דער מזל. און אַזוי ווי עס איז שוין געוואָרן אַ מינהג, אַז ווען דער בעל־שם פאָרט דורכן שטעטל, שטעלט ער זיך אָפּ בײַם פאַר־פאָלק, האָט טאַקע דער מזל געשײַנט וואָס אַמאָל שענער . . . וואַקסט די צאָל טראַטוועס, וואָס שמואל שיקט קיין דאַנציג, פון יאָר צו יאָר, און אַזוי די צאָל פּערל פון טרײַנע־מירלס האַלדז; און עס וואַקסט דאָס הויז, צוגעבויט אַ שטוב נאָך אַ שטוב, און צוויי שטיבער פאַרן גרויסן אורח — פאַרן בעל־שם אָפּגעשטעלט, און דאָס שטרוי פון דאַך אויף שינדלען פאַרביטן, און אַ הויז געוואָרן — אַ פולער בעכער. און עס ווימלט דאָס הויז פון סוחרים. און גייט אָפּ דער שני, קומען זיך צוזאַמען פון די שטעטלעך אַ מנין שאַפּערס און פון די דערפער כהנה וכהנה, להבדיל, פּליסאַקעס; און פול די קאַמערן צידה לדרך, און פון הויף שלעפּט מען און מען שלעפּט באַלקן און שוועלער צום ברעג . . . און דער טײַסטער בײַ שמואל אין בוזעם־טאַש וואַקסט און דער דיק — אַז אויף זײַ געהילץ האָט דאָס וואַסער בײַ דער גרעסטער פאַרפלייצונג קיין שליטה נישט, דער גרעסטער ווינט צערײַסט די טראַטוועס נישט; און שיקט מען שפּעט אַרויס, און עס האָט זיך אַ פריער ווינטער געשטעלט, קירעווען זיך עס עפּעס אַליין דורך צווישן אײַז און עס קומט אָן בשלום . . . און אונדזער שמואל קויפט אַלץ גרעסערע וועלדער. און האָט שוין

שאַפּער — אַנגעשטעלטער אין וואַלד, כמעט אַלע מאָל אַ ייִד.
פּליסאַקעס — די וואָס פירן די טראַטוועס, פּליטן, איבער די טײַכן. על פּי רוב — נישט־ייִדן.

געלט ביי לייט, ביי דער מזרח־וואַנט — אַ שטאַט, טרײַנע־מירל אין עזרת־נשים — ביי דער קראַטע . . . און קומט דער בעל־שם, זיצט ער אַפּ מיט דעם שמואל גאַנצע שעהן אין חדר און מען שמועסט פּה אל פּה . . .

הויבט שוין אָן צו נעמען אַ וואונדער:

— פון וואָס רעדט דער שמואל מיטן בעל־שם? מן הסתם פון זײַנע עסקים . . . קיין גרויסער למדן און קיין מקובל איז ער נישט . . . ווי בעט עס נישט אַ ייד וועגן בנים?

און זיכער איז מען, אַז ווען ער ברענגט נאָר די פּאָרע פון מויל אַרויס, וואָלט אים דער בעל־שם נישט אָפּגעזאָגט. אַ גרויסע זאַך ביי אים אַ ברכה צו געבן? . . אלא וואָס? — טראַכט מען — דער ייד איז אַזוי פאַרטאָן אין זײַנע עסקים, אַז ער פאַרגעסט גאָר, ווו ער האַלט . . . הויבט אָן צו פאַרדריסן. וואָס איז? ער איז דאָך שוין קיין יונגער מאַן נישט. און ווען מען גיט אַ רוף, קאָן קיינער נישט וויסן. גיט מען אים אָנצוהערענישן. אין בית־המדרש, צווישן מנחה ומעריב, כאַפּט אים אַמאָל אָן אַ גוטער פרײַנד אין מאַרק בײַם עק לאַץ: היתכן? און אַז שמואל פאַרשווײַגט און דרייט זיך אויס מיט עפּעס אַ מאָדנע אומעטיק שמייכעלע אָדער פאַרדרייט מיט עפּעס אַנדערש, קומט מען אַהיים און מען דערמאָנט דערפון אין שטוב: מנע, וואָס אַ ייד קאָן . . . הערן די ווײַבער. "טאַקע נישט גלײַך", נעמען זיך די ווײַבער צו טרײַנע־מירלען. מען טרעפט זיך אין דער ווײַבערשער שול בײַם דאַווענען, אויף אַ רומפּלען, בשעת גוט־יום־טוב ביטן, — שוין אַ ווײַבערישער "היתכן" . . . מילא, אַ מאַנספאַרשוין אין אַ מאַנספאַרשוין — פאַרנומען און פאַרגעסט ווו ער איז אויף דער וועלט. אָבער זי, טרײַנע־מירל! און מען גיט איר צו פאַרשטייך, אַז איביק לעבט מען נישט, און נישט איביק איז אַן אשה יונג, און חן ביי אַ מאַן איז אויך נישט קיין איביקע זאַך; און וואָס שפּעטער ער וועט צום אמתן שׂכל קומען, איז אַלץ פאַר איר ערגער. האָט טרײַנע־מירל איר מאַנס טבע: שמייכלט און שווײַגט, אָדער פאַררעדט מיט עפּעס אַנדערש . . .

רומפּלעז — אויף מאַרגן נאָך דער חופה.

און נישט אומזיסט שווייגט זי און שמייכלט. זי ווייס, וואָס זי איז פֿאַר איר מאַן שמואל — "אַ טעפּל מיט אַ שטערצל"... אין האַרץ דאָך, פֿאַרט אַן אשה, הויבט אָן צו פּיקן: אַ קינד, אַ ייִנגעלע, אַ קדישל... און עס פּיקט זיך אויס אַ בענקעניש און אַ שטיל האַרץ־ווייטיק נאָך אַ קינד, און ס'הויבט זיך אָן אַלץ מער און מער גלייַך מיט אַלע צו וווּנדערן, ווי איז עס איר שמואל אַזאַ עולם־הזהניק געוואָרן און רעדט אַלץ מיטן בעל־שם וועגן עסקים און עסקים, וועגן "קיי־און־שפּיי" און קלערט נישט וועגן אַ תּכלית?

זי, פֿון איר זייַט, וואָלט אים אוודאי מוחל געווען די פּערל מיט די אוירינגלעך מיטן שטערן־טיכל און ברוסט־טיכל און דאָס גאַנצע צירונג וואָס ער קויפֿט איר, וואָס אַ יאָר מער און טייַערער... זי האָט טאַקע ליב איר מאַן שמואל. ער איז איר בעסער, ווי צען זיך, אָבער אַוועקגיין פֿון דער וועלט, ווי אַן אָפּגעגאַנגענער שאָטן, ווילט זיך פֿאַרט נישט, אַ מאַמע זייַן גלוסט זיך...

זי וועט שוין אַמאָל מיט אים אַ שמועס טאָן, מיט גוטן, ווי זי קאָן... האָט זיך אָבער קיין געלעגנהייַט נישט געמאַכט. זי וועט דאָך נישט אַרויס דערמיט פֿון דער העלער הויט.

טרעפֿט זיך אַמאָל, שמואל דאַרף קומען פֿון בית־המדרש, פֿון שחרית, זי גרייט צום טיש אויף אָנבייַסן, וואַרפֿט פֿאַרבייַגייענדיק אַ בליק אין שפּיגל אַרייַן און דערזעט זיך עפּעס נישט ווי נעכטן און אייערנעכטן. זי גייט צו נענטער, קוקט זיך בעסער צו: יאָרן שטייען נישט; דאָס פּנימל שוין נישט אַזוי פֿריש, די אויגעלעך נישט אַזוי גלאַנצנדיק, און אונטער די אויגן קנייטשט זיך עפּעס... זיפֿצט זי אָפּ. גייט אַוועק פֿון שפּיגל פֿאַרמרה־שחורהט און זעצט זיך בײַם טיש און פֿאַרטראַכט זיך.

שמואל קומט מיטן טלית־ותּפֿילין זאַק; ווי זייַן שטייגער איז:

— גוט מאָרגן!

טרייַנע־מירל שטייט אים נישט אויף אַנטקעגן, ענטפֿערט שלאַבעריק "גוט־מאָרגן — גוט־יאָר", גיט אַפֿילו נישט אַ שמייכל.

— וואָס דיך! — און עפּעס נישט איר קול.

פרעגט ער עפעס אומרו׳יק:

— ס׳איז דיר עפעס, טרײַנע־מירל?

זי ענטפערט נישט און לאָזט די אויגן אראָפּ.

טראַכט ער: מאַלע וואָס! וואַשט זיך, זעצט זיך צום טיש; טרײַנע־מירל נעמט כמעט נישט אין מויל אַרײַן...

— טרײַנע־מירל?

זי קוקט נישט אויף׳ן. די ברעמען אַראָפּגעלאָזט, פון אונטער די ברעמען קײַקלען זיך טרערן איבער די באַקן... איז דאָך עס נישט פּראָסט. שטייט ער אויף, גייט צו צו איר שטול, הויבט אויף די האַנט און וויל זי גלעטן איבער דער האָר־באַנד; מײַן טרײַנע־מירל גליטשט זיך אַרויס פון אונטער דער האַנט:

— לאָז מיך געמאַך...

און הויבט זיך אויף און לויפט צו דער קאַנאַפּע און גיט זיך א וואָרף אויף דער קאַנאַפּע און — מיטן פּנים צו דער וואַנט.

בלײַבט שמואל שטיין צעמישט אינמיטן שטוב; צוגיין האָט ער מורא. ער איז גאָרנישט געוווינט צו אַזאַ אויפפירן און ווייסט נישט, וואָס דאָס באַטײַט:

טרײַנע־מירל, דו ביסט נישט בקו הבריאות? שיקן נאָכן רופא? זאָג... דיר פעלט דאָך עפּעס...

דרייט זיך טרײַנע־מירל איבער כמעט מיט א כעס:

— און דו ווייסט נישט וואָס מיר פעלט? און דיר פעלט נישט וואָס מיר פעלט?

און צעוויינט זיך;

— ווי איז עס א ייִד אַזוי פאַרפלאָמט אין עסקים, ווי האָט מען עס אַזאַ תאווה צו געלט!

שטוינט שמואל:

— איך?

— ווער דען, איך ?

און קערט זיך ווידער אפּ און טענהט שוין מכלומרשט צו דער וואנט :

— א ייִד זאָל האָבן אזא תאווה צו געלט ! אויף א ייִד זאָל דער יצר־הרע צו געלט אזאַ שליטה האָבן . . .

— עס קומט א בעל־שם . . . אז מען האָט שוין די זכיה . . . און מען זיצט מיט א בעל־שם שעהן לאַנג אין חדר פאַרשלאָסן . . . און ער לאָזט זיך בעטן, אוודאי לאָזט ער זיך . . . רעדט א ייִד נישט א וואָרט וועגן תכלית . . . יאָרן שטייען דאָך נישט . . . א ליידיקע, א שטומע שטוב . . . קיין זכר פון א קינד . . . און ער וואָס בעט ? נאָר געלט און געלט, רעדט נאָר פון זיינע עסקים . . . פון זיין געהילך, פון זיינע טראַטוועס . . .

גיט זיך שמואל א רייב ביים שטערן, קוים פאַרשטאַנען.

גייט ער נעענטער צו, זעצט זיך נעבן טריינע־מירלען, נעמט איר האַנט אין זיינע און זאָגט :

— זיי וויסן, זוגתי טריינע־מירל, אז איך האָב נאָך מיטן בעל־שם הקדוש וועגן מיינע עסקים קיין וואָרט נישט גערעדט !

זעצט זיך טריינע־מירל אויף מיט אן אָפן מויל.

— גלויבסט מיר, טריינע־מירל ? בהן שלי זאָג איך דיר !

איר מאַן גלויבט זי . . . מויערן צו שטעלן אויף שמואלס וואָרט.

— פון וואָס דען רעדסטו ?

— איך מוז דאָך דיר שוין זאָגן, — ענטפערט שמואל, — פון פרעמדע עסקים . . . איך בעט טאַקע, אָבער נישט פאַר מיר — פאַר אַנדערע ! ווייסט דאָך, אן אָרעמע שטאָט, אן פרנסה, און עס פעלן נישט קיין אונטערגענג, קיין חולאתן, רחמנא לצלן . . . און ד ע ר ייִד האָט א מיידל תתונה צו מאַכן, און י ע נ ע ר דאָס און נאָך איינער יענעם . . .

לייכטן אויף טריינע־מירלס אויגן מיט שטאָלץ אויף איר שמואלן . . .

— אַזוינער, — שטאַמלט זי, — ביסטו גאָר ! . . און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף זײַן האַרץ — און רוקט זיך באַלד צוריק אָפּ :

— אָבער אַ קינד, — זאָגט זי, — וויל איך !

— אַ גאָט זאַך, טריינע־מירל . . .

— איז דערויף דאָ אַ בעל־שם . . .

— איך וויל אים נישט דולן דעם קאָפּ מיט אַזוינע זאַכן . . .

— דו מוזסט !

— איך מוז ?

— ווײַל איך וויל . . . דײַן טריינע־מירל וויל . . .

און אַזוי ווײַטער און ווײַטער . . . און דאָס פּאָר־פאָלק איז אַזוי פאַרנומען און פאַרטיפט מיט זיך און מיטן ענין, פון וואָס מען רעדט, אַז עס הערט נישט, ווי מען פּאַרפּאַרט פאַר דער טיר, ווי עמיץ גייט אין פאַדער שטיבל . . . און אומגעריכט גיט זיך אָן עפן די טיר, דער בעל־שם בכבודו ובעצמו באַווײַזט זיך . . . מוז מען דאָך אים שוין זאָגן וועגן וואָס עס איז דאָ געגאַנגען . . .

ווענדט זיך דער בעל־שם מיט זײַן זיס־אומעטיק קול צו טריינע־מירלען :

— ווילסטו דווקא, אשה ?

קוקט אויף איר שמואל צעטראָגן. און זי :

— איך וויל, רבי, איך וויל !

— און ער אויך ! — טײַטלט זי אויף שמואלן, וואָס שטייט שוין צעמישט.

— אַזוי ? דו, שמואל, אויך ? — צעשמייכלט זיך דער בעל־שם, — נו, קום־זשע מיט מיר אין חדר אַרײַן . . . גייען זיי, שמואל גייט נאָך דעם בעל־שם און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. טריינע־מירל, מיט האַרץ־קלאַפּעניש פאַר שרעק און פרייד, שטעלט זיך שטיל אויף

די נעגל צו צו דער טיר, און קאָן זיך נישט איינהאַלטן און עפּנט שטיל אויף אַ שמאָלער שפּאַרע די טיר: זי קאָן זיך בשום אופן נישט איינהאַלטן! און לייגט צו אַן אויער און הערט אונטער. הערט זי, ווי דער בעל־שם, אַז ער האָט זיך געזעצט און געהייסן שמואלן זיצן, זאָגט צו איר מאַן מיט די ווערטער:

— זיי וויסן, שמואל, — זאָגט דער בעל־שם, — אַז פון הימל פאַר דיר האָב איך נאָר איין ברכה באַקומען. מיטן כוח פון דער ברכה האָב איך דיר געגעבן עשירות... ווילסטו גאָר בנים... און אויב בנים איז אויס עשירות...

— איך האָב, רבי, קיינמאָל גאָרנישט געוואָלט קיין עשירות... זייט מיר מוחל, רבי...

"מיין טייערער שמואל", קלאַפּט מיט פרייד אין טריינע־מירלס האַרץ...

מאַכט דער בעל־שם:

— אויב נישט עשירות, איז אָרעמקייט...

— איז אָרעמקייט! — באַשטייט שמואל, און טריינע־מירלס האַרץ הינטער דער טיר וואַקסט...

— אָרעמקייט איז דלות...

— איז וואָס, רבי?

— קאָנסט ווערן, לא־עליכם, אַ מחוסר־לחם... אויסשטעלן די האַנט...

— כ'נעם אָן פאַר ליב...

טוט שוין טריינע־מירלען אַ צופּ ביים האַרץ: איר שמואל וועט חלילה אויסשטעלן אַ האַנט נאָך אַ מתנת בשר־ודם...

— עס קאָן, לא־עליכם, פעלן ברויט אין מויל אַריין... דיר, דיין ווייב...

שמואל כאַפּט אַ ציטער... זיין טריינע־מירל!

— ווילסט ?

פאַרגעסט זיך טרײַנע־מירל און פאַלט אַרײַן :

— ער וויל, רבי, עה וויל !

— יאָ ? — ווענדט זיך דער בעל־שם צו שמואלן — אפילו ווערן נע־ונד, לאָזן זיך אין דער וועלט אַרײַן ? . .

— ווי טרײַנע־מירל באַשטייט !

— איך באַשטיי, איך באַשטיי !

— ועט אַזוי זײַן ! — שטייט אויף דער בעל־שם, און טרייסט זיי באַלד : — ביז גאָט וועט זיך מרחם זײַן . . .

און אַזוי איז געווען.

נישט אויסגעגאַנגען אַ יאָר — אַ קינד אין וויג, אַ יינגעלע. און שײַנען שײַנט עס, זאָגט טרײַנע־מירל און אַלע זאָגן, ווי די זון . . . מען זאָל נאָר דערהיטן, ריבונו של עולם, פאַר עין הרע . . .

און עס האָדעוועט זיך דאָס קינד און וואַקסט . . . עס האָט אָפּגעפּאַקט און אָפּגעמאָזלט און וואַקסט ווידער . . . פון וויג צום דרדקי־מלמד, פון דרדקי צום גמרא־מלמד. פון חדר אין בית־המדרש אַרײַן . . . און אַן עילוי וואַקסט, אַ צירונג און אַ שײַנדל פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר דער קהילה און פאַר דער וועלט . . . אָבער מיט דודלס וואַקסן — אַזאַ נאָמען האָט מען דעם קינד געגעבן, — אי שמואלס אי טרײַנע־מירלס פאָטער האָבן געהייסן דוד ! — צוזאַמען מיט דודלס וואַקסן פאַלט דער מסחר . . . אינגאַנצן דאָס רעדל זיך איבערגעדרייט !

אָנגעהויבן האָט זיך עס באַלד בײַם ברית . . .

דאָס געהילץ שוין אויף דער ווײַסל, אין שטוב — נכבדים; אַ שימחה, אַ גדולה, מזל־טוב, מזל־טוב ! דער קוואַטער גיט שוין צוריק איבער דאָס קינד, אַרײַנצוטראָגן צו דער יולדת. קלאַפּט מען אָן אין פענצטער. קומט מען אַרײַן אין טיר.

א בשורה רעה פון וואסער:

— א ווינט — די טראטוועס צעריסן, דאס וואסער — דאס געהילץ צעיאגט . . . קיין שריד ופליט געבליבן.

הויבט אויף שמואל די אויגן צום הימל:

— גאט האט געגעבן, גאט האט גענומען!

— געלויבט זאל זיין זיין ליבער נאמען! — ענטפערט אפ די יולדת פון איר שטוב.

און צו וועקן דעם פארשטיינערטן עולם, מאכט שמואל:

— נאך דא אביסל געהילץ אין וואלד, נאך אביסל געלט ביי לייטן . . . מאכט ברכה, יידן . . .

די לייט זיינען במשך פון א קורצער צייט אויך יורדים געווארן; א גראשן נישט אפגענומען; געבליבן נאר דאס ביסל געהילץ . . .

קומט די צייט, וויקלט שמואל איין זיין דודלען אין טלית און טראגט אים דאס ערשטע מאל אין חדר אריין צום דרדקי־מלמד. טריינע־מירל שטייט אין פענצטער און קוקט נאך, מיט א נחת־שטראלנדיק פנים צו דער שויב צוגעקלעפט. שוין נישט די גאנצע טריינע־מירל, אבער די אויגן לייכטן.

באגעגנט שמואל, דודלען איבערן מארק טראגנדיק, א ייד פון וואלד, א באקאנטן ייד, א שרייבער אין וואלד. גיט ער אים אין פארבייגיין "שלום"; פארהאלט אים אבער דער ייד . . .

— אוי, שלעכט, שמואל, שלעכט . . . גאר ביטער . . .

— וואס איז? — שמואל מיינט, דעם ייד אליין איז עפעס.

— גערעגנט, — זאגט דער ייד, — און גערעגנט; וועגן — גריבער און לעכער; ווו א שטיקל שאסיי — איבערגעקערט . . . אויף די שליאכן צעווארפן געהילץ, צעבראכענע רעדער און אקסן . . . אין וואלד פוילט . . . דיין געהילץ אויך, שמואל . . .

שמואל קומט אהיים נישט פריילעך. טריינע־מירל פאלט ביי זיך נישט אראפ:

—ווייסטו וואָס, שמואל ? נעם און פֿאַרקויף מײַן צירונג און דאָס ביסל זילבער פֿון שטוב אַרויס, מאַך צו געלט און האַנדל . . .

— און ווייסטו וואָס, שמואל ? פּרוּוו תּבֿואה . . .

פֿאָלגט ער. האַנדלט מיט אַביסל ווייץ, מיט אַביסל קאָרן, לאַנגזאַם, באַהיטזאַם; ער זעט — דער מזל האָט זיך אָפּגעטאָן . . . שפּילן מיטן וואַסער וועט ער זיך אַוודאי נישט אונטערשטיין . . .

הויבט דערווײַל דודל אָן חומש . . .

פֿאַרגעסט מען אַלץ, אַ שׂימחה, אַ גדולה ! אַ סעוּדת מצווה . . . אַ קניפּ אין באַק, און עס שטייט די פֿאַרב : טרײַנע־מירל דעקט אַ טיש מיט כּל־טובֿ — איבערן שטאַנד . . . אַרום טיש — דער פּער פֿון דער קהילה. שטייט שוין דוד און זײַן חבֿר. דער אויספֿרעגער, אין דער מיט אויפֿן טיש . . . ליגט אים שוין דער חבֿר, דער אויספֿרעגער, דאָס הענטל איבערן קעפּעלע :

— וואָס לערנסטו, דוד ?

און ווי דודל וויל ענטפֿערן, ווערט פּלוצלונג טונקל אין שטוב, חושך — אין דרויסן. אַ שוואַרצע כמאַרע אַנגעפֿלויגן, און אַ ווינט האָט זיך ווי פֿון אַ קייט אָפּגעריסן . . . און אַ האָגל שלאָגט, שלאָגט די שויבן אויס . . .

פֿון שמואלס ביסל תּבֿואה וואָס ער האָט בײַ פּריצים אויפֿן פֿעלד אויף אייגן אַחריות געקויפֿט, איז — קיין שׂריד וּפּליט געבליבן . . . קוים דאָס ביסל שטרוי פֿאַרן פּריץ.

נאָך אַלץ אָבער קיין סכּנת נפֿשות נישט. פֿאַראַן נאָך אַ הויז און דער שכן דער אינו־ישׂראל האָט אָן אויג דערויף. פֿאַרקויפֿט מען אים דאָס הויז, מען דינגט בײַ אים צוריק אַ דירה מיט אַ געוועלב און מען פֿאַרלייגט אַ שניט־קראָם. מאַטערט מען זיך נאָך עטלעכע יאָר... קומט ווײַטער אַ שׂימחה — דודל הייבט אָן תּפֿילין צו לייגן . . . ער וועט אַ דרשה זאָגן . . . אָט שטייט ער אין בית־מדרש אויפֿן באַלעמער. די עדה ייִדן קאָן פֿון אים קיין אויג נישט אָפּרײַסן. טרײַנע־מירל, הינטערן פֿאָרהענגל אין עזרת־נשים, ציטערט פֿאַר עין־הרע . . . אָבער

דודלס קול פֿאַרשיכורט זי מיט פֿרייד . . . ווי עס קלינגט זײַן קולכל ! . .

פֿאַלט אַרײַן אַ ייִד :

— עס ברענט ! ר׳ שמואל, אײַער געוועלב ברענט . . .

באַלד קלינגט דער גלאָק פֿון קלויסטער, גויים מיט עמערס און העק לויפֿן ראַטעווען דאָס הויז. — שמואל פֿון דירה און געוועלב איז אַרויס מיט גאָרנישט . . .

נעמט מען אַלץ אָן פֿאַר ליב. אַ דירה קריגט מען. שמואל נעמט זיך צו לופֿט־שנאַפּן אין גאַס, שטופּט זיך אַמאָל צו צו אַ מעקלערײַ, גייט אַפֿילו אַמאָל אין שליחות . . . טרײַנע־מירל לאָזט זיך אויך אַראָפּ און כאַפּט אַ כשרע מציאה אין מאַרק . . . אייער, אַ הון אַ פּעטע און פֿאַרקויפֿט שכנות . . . לאָזט זיך נאָך טיפֿער אַראָפּ— קויפֿט אײַן אויף באַשטעלונג פֿאַר בעל־הביתטעס און צעטראָגט אין די הײַזער . . . אָרעם, קרוע, בלוע, פֿאַרשוואַרצט דאָס פּנים, נעבעך. אָבער נחת אין די אויגן שטראַלט . . . אַזוי ביי איר, אַזוי בײַם אָפּגעמאַטערטן שמואל.

דודל קיין עין־הרע, וואַקסט. שוין איבערגעגאַנגען אין בית־המדרש אַרײַן. און ער שמט — אַ מתמיד, אַן עילוי שבעילויים . . . און אַ זײַדן קינד, אַ פֿרום קינד . . . מאַמעס בענטשן זיך מיט אים . . . שדכנים ווײַזן זיך, שדכנים האַקן שוין אָפּ די שוועל . . . אַ לאַנד־שדכן געקומען, מיטן בערדיטשעווער פּרנס אַ שידוך גערעדט. דער בערדיטשעווער פּרנס, אַ ייִד אַ למדן, אַ מיוחס און אַ גביר, שיקט אַראָפּ אַ דיין פֿון שטאָט דעם חתן צו פֿאַרהערן. און אָט — געקומען דער דיין, אַ ייִד מיט ברילן גרויסע, אַ ווײַסער באָרד אַ לאַנגער. אַ חשובֿער ייִד, אַביסל אַ צעטראָגענער . . . און עס איז ערבֿ ראש־חודש, וועט עסן סעודת ראש־חודש. טרײַנע־מירל קאַשפּערט ערגעץ אוים אַ הערינג און קוילעט . . . די מענער — דער אורח, דער מאַן שמואל און דודל — געוואַשן זיך, זעצן זיך צום טיש . . . טרײַנע־מירל שטייט בײַם אויוון און וואַרט אויף נחת . . . זי זעצט זיך שוין נישט צום טיש מיט אַזאַ ייִד . . . און אָט ווישט זיך אָפּ דער דיין דאָס מויל. שמואל דערלאַנגט אַ גמרא, דער דיין עפֿנט, רוקט צו דודלען :

— דאָס קאָנסטו ?

— כ׳קאָן, — קלינגט דודלס קול . . .

— קוק נאָך אַמאָל דורך.

— כ׳דאַרף נישט . . .

שמואל וואַרפט אַ בליק צו טרײַנע־מירלען, טרײַנע־מירל רויטלט זיך און ענטפערט מיט אַ פאַרבאָרגענעם שמייכל. נעמט דער דיין צוריק די גמרא צו זיך און פרעגט אַ קשיא, אפנים זייער אַ האַרבע קשיא . . . טרײַנע־מירל האָט ביטחון אין איר קדישל . . . און אָט פירט ער מיטן העלטעלע איבערן גלאַטן שטערנדל, דאָס פנימל רויטלט זיך, אין די אויגעלעך צינדן זיך ליכטלעך אָן, אַרום די ליפלעך שפילט אַ זיס שמייכעלע. און אָט עפנט ער דאָס כשרע מײַלעכל אויף, באַלד וועט אַ זילבערן תאווה־גלעקעלע קלינגען . . .

אָבער פון דודלס מײַלעכל איז נאָר אַ פּאָרע אָרויס !

דודל האָט פּלוצלונג דאָס לשון פאַרלוירן !

— —

מילא, דלות—אויסגערעדט; די צרה איז אין די תנאים נישט געשטאַנען. דער בעל־שם קומט נישט, נעמט שמואל טרײַנע מירלען זײַן ווײַב און דודלען זײַן קינד און לאָזט זיך צום בעל־שם; ער וועט זיך מיט אים אויסטענהן. וואָס איז עס פאַר אַ פינצטערער צולאָג ?

שמייכלט ער, דער בעל־שם.

— אַזוי, — זאָגט ער, — דאַרף זײַן . . . ביז עס וועט — אונטערקומען די צײַט.

און הייסן הייסט ער אַזוי טאָן :

טרײַנע־מירל, בײַ וועלכער ער איז שוין אַזויפיל מאָל געווען אַ גאַסט, זאָל בלײַבן בײַ אים אין שטאָט — זײַן טאָכטערס גאַסט; עס וועט איר, ברוך־השם, גאָרנישט פעלן. דודל זאָל אויך בלײַבן און זעצן זיך בײַ אים אין בית־המדרש לערנען.

— זאָל ער דערווײַל לערנען אָן לשון . . .

הערט מען: "דערוויַיל", אַטעמט מען שוין אָפּ.

— און דו, — ווענדט זיך דער בעל־שם צו שמואלן, — מוזסט זיַין אַ ציַיט נערונד. האָסט פֿאַרלוירן דיַין מזל אויפֿן וואַסער, מוזסטו עס צוריקבערענגען פֿון וואַסער. מיטן ברעג פֿון וואַסער, נאָכן שטראָם, זאָלסטו גיין. פֿון קהילה צו קהילה ... און הער, שמואל, — קומסטו אין אַ קהילה אַריַין און דו זעסט — מען קען מיך, מען האָט מיַין נאָמען געהערט, אַז דו זאָגסט "בעל־שם", ווייסט מען וואָס טיַיטש, גיי וויַיטער ... וועסטו אָבער קומען צו אַן אָרט, וווּ מען וועט עפֿענען מויל און אויערן, נישט אַנהויבנדיק צו וויסן, ווער און וואָס איך בין,— דאָרט, שמואל, וועסטו אויפֿגעריכט ווערן ...

און ער איַילט אים צו:

— שטיי נישט, שמואל! איך האָב דאָך דיר געזאָגט: "ווּעסט אויסשטעלן אַ האַנט". גיי דיר אויף אַ טאָרבע, נעם אַ שטעקן און גיי!

— מיטן בוג גיי, דערנאָך מיט דער וויַיסל, — גיט ער צו, אַפּגייענדיק אין זיַין חדר אַריַין.

— —

אַז דער בעל־שם הייסט, פֿאָלגט מען; געזעגנט מען זיך.

בליַיבט טריַינע־מירל ביַים בעל־שם אין הויז; זיַין טאָכטערס גאַסט. זעצט זיך דודל לערנען אין בעל־שמס בית־המדרש, "דערוויַיל" אַן לשון. און שמואל גייט זיך און הענגט זיך אַ טאָרבע איבער די אַקסל און לאָזט זיך ביַים ברעג, מיטן וואַסער ...

גייט ער. וווּ ער קומט אין אַ קהילה אַריַין — עס קלינגט מיטן בעל־שם. חולאים אויסגעהיילט, מיט קינדער געבענטשט, געפּאַלענע אויף די פֿיס אויפֿגעשטעלט ... עס ריידן דערפֿון אַלע מיַילער, עס לויבן און ווערן נישט מיד לויבנדיק אַלע צונגען ...

איבערגעקומען דעם ברעג פֿון בוג, גייט ער מיטן ברעג פֿון דער וויַיסל ... ווידער דאָס זעלבע ... נישט ליַיכט צו געפֿינען אַן אָרט, וווּ מען ווייסט נישט פֿון דעם בעל־שם; אין פֿאַרוואָרפֿנסטע העק! גייט ער און גייט ביז ער קומט צו אַ גרעניץ. קיין פּאַס האָט ער

נישט; דער בעל־שם האָט געהייסן גיין, — פּעקלט ער זיך דורך און קומט בשלום אַריבער . . . גייט ער שוין, און די ביינער ברעכן, און פֿאַלט ממש פֿון די געשוואָלענע פֿיס. אויף יענער זייט גרעניץ. עס שרעקט אים נישט אָפּ. ער מוז צוריק ברענגען זיין מזל און דודלען זיין לשון. קומט ער אַמאָל, פֿרייטיק, שוין אויפֿן טאָג, אין א דייטשער שטאָט אַריין. עפּעס אין אַ שמאָל געסל אַריינגעפֿאַלן; די פֿיס טראָגן נישט ווייטער. שטעלט ער זיך צו צו אַ מויער, שפּאַרט זיך אָן מיטן אַקסל, און הויבט די אויגן צום הימל אַרויף: ריבונו של עולם, וווּ איז דאָ אַ מרחץ? וווּ אַ מקום קדוש? און וווּ וועט ער האַלטן שבת?

עפֿנט זיך אין דער זעלבער רגע פֿון אַ הויז קעגנאיבער אַ פֿענצטער, שטעקט אַ דייטש אַרויס דעם קאָפּ. אַן אַלטער דייטש, אַפֿילו נישט קיין גלוח, אַפֿילו מיט אַ יאַרמולקע איבערן קאָפּ, אָבער אַ פּנים פֿון אַן אמתן דייטש, דאָס בערדל פֿיין פֿאַרקעמט, און די יאַרמולקע איז גאָרנישט קיין יאַרמולקע. וואָס שמואל קאָן, נישט שפּיציק, עפּעס קאַנטיק . . . אַ דייטשע יאַרמולקע . . .

כאַפּט שמואל אַ ציטער, ער וועט אוודאי אָנשרייען, וואָס ער שטייט דאָ, וואָס ער שפּאַרט זיך אָן אין מויער. דער דייטש אָבער בייזערט זיך נישט און רופֿט צו אים אַריבער עפּעס גאָר ייִדישלעך, דייטשמעריש, אָבער מיט אַ ייִדיש האַרץ:

— זי זינט יודע?

שמואל שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ; "אַ שאלה דאָס איז?" טראַכט ער.

— דאַן קאָמען זי גיטיגסט נעהער . . .

גייט שמואל קווער אַריבער דער גאַס, עפֿנט זיך אַ הויז־טיר, קומט אַרויס אַ דינער, זאָגט, דער הער בעט אַרויף . . . פֿירט ער אים איבער געוועקסטע און מיט דיוואַנעס באַלייגטע טרעפּ. שמואל גייט אויף די שפּיץ־קנאָפּל, וואָס וויניקער צייכן איבערצולאָזן. קומט מען אויפֿן שטאָק אַרויף, שטייט שוין דער דייטש, און הינטער אים אַ דייטשקע, אין דער אָפֿענער טיר. שטרעקט אים דער דייטש אויס די האַנט:

— שלום־עליכם!

אויך אביסל דײַטשמעריש. די דײַטשקע זאָגט:

— איין גאַסט אים הויזע — גאָט אים הויז...

די שטימען זײַנען עפּעס נישט קיין פֿרײלעכע, אָבער עס שמעקט מיט אַמתער הכנסת־אורחים. מען פֿירט אים אין שטוב אַרײַן. מען גיט אים עפּעס לײַכטס טועם צו זײַן. דער דינער, וואָס איז אוועקגעגאַנגען, קומט באַלד צוריק און מעלדעט:

— פֿערטיק!

ווײַזט זיך אַרויס, אַז פֿאַרטיק איז פֿאַר שמואלן אַ וואַנע. גייט ער אַרײַן, וואַשט זיך אָפּ לכבוד שבת, גייט אַרויס, ווישט זיך אָפּ מיט האַנטיכער, וויל אָנטאָן די מלבושים, — קוקט זיך אום: דער משרת, אַפּנים אַרויסגייענדיק, האָט אים זײַנע מלבושים צוגענומען... פֿאַר דאָס ליגן אויף אַ שטול — אַ פֿריש העמד מיט אַ טלית־קטן מיט אַלע אַנדערע זאַכן... כאַפּט ער אויף זיך דאָס העמד מיטן טלית־קטן. וואָס אַנבאַלאַנגט דער רעשט, בלײַבט ער שטיין: אפשר שעטנז?

קלאַפּט אָבער אָן דער בעל־הבית:

— מײַן הער, אײַלן זי גיטיגסט צו... צײַט צו גיין צו קבלת שבת... און ווײַטער עפּעס גאָרנישט קיין פֿרײַע שטימע.

אָבער "קבלת־שבת" — אוים פּחד פֿאַר שעטנז... ער טוט זיך אָן. מען גייט דאַווענען, אַ דײַטשע שול, אָבער אָן אָן אָרגל, אַ כאָר, אָבער אָן נשים... און מען דאַוונט, עפּעס דײַטשמעריש, אָבער פֿון סידור אַרויס... מען קומט צוריק אַהיים: שלום־עליכם, קידוש... און אַ געדעקטער טיש — אויף אַלע ייִדן געזאָגט. עס בליצט פֿון די זילבערנע לײַכטער און כלים און אַלערליי קריסטאַל און גלאָז־וואַרג... בײַם עסן זינגט מען זמירות... בײַם בענטשן — די דײַטשקע נעמט אַ סידור און בענטשט אויך; דאָס טעכטערל, ער באַמערקט זי ערשט, אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר פֿופֿצן — בענטשט אויך... נאָכן עסן — מען פֿירט אים אין אַ באַזונדער חדר אַרײַן שלאָפֿן. זינט ער לעבט, האָט ער נאָך אַזאַ בעט נישט געהאַט...

—אָבער אין שלאָף טראַכט זיך אים: וואָס קאָן עס זײַן? אַזאַ עשירות — און קיין שמייכל אויפֿן פּנים. שבת, און אַז מען פֿאַרגעסט זיך אַ ווײַלע זיפֿצט מען. אַזוי ער, אַזוי זי, אַזוי דאָס טעכטערל... דער שלאָף אָבער איז גובֿר. אינדערפֿרי — אין שול אַרײַן, דערנאָך עסן און ווידער אָפּרוען אין באַזונדערן חדר.

— פֿילײַכט וואָלן זי אײַן ספֿר?

— אדרבא!

דערלאַנגט אים דער בעל־הבית אַ מדרש.

ער עפֿנט און פֿאַרגעסט זיך און טראַכט ווידער וועגן דעם, וואָס עס קאָן פֿעלן דעם דײַטש, און דרימלט אײַן. דאָס זעלבע בײַם שלוש־סעודות... שפּעטער בײַ דער הבֿדלה... נאָך הבֿדלה ווערן די פּנימער עפּעס גאָר חושך... מען שווײַגט, און אַז מען רעדט אַרויס אַ וואָרט, איז עס, ווי פֿון אַ קבֿר אַרויס...

מילא, פֿרעגן וועט ער דאָך נישט. אַן אורח מישט זיך נישט. און דערבײַ האָט ער דאָך זײַנס אין זין. גיט ער אַ טאָפּ דעם דײַטש נאָך ויתן לך, — דאָס ווײַב מיט דער טאָכטער זײַנען אַרויס:

— קענט איר נישט, בעל־הבית לעבֿ, דעם בעל־שם?

— ווי?

זאָגט ער שוין דײַטלעכער:

— בעל־שם!

— וואָס איז־צו זײַן געשעפֿט?..

גיט שמואלן אַ פֿריילעכן קלאַפּ אין האַרץ.

און דער דײַטש זאָגט:

— אײַן אומבאַקאַנטע פֿירמאַ!

און גיט צו:

— נימאַלס געהערט!

שפּרינגט שוין שמואל אויף דערפֿרייט:

— דער מאַן איז קיין פירמאַ, — זאָגט ער, — ער פירט קיין געשעפטן נישט ... חס ושלום!

זעט ער אָבער, אַז דער דײַטש הערט אים שוין נישט. זיצט טיף אַרײַנגערוקט אין פאָטעל, פאַרטראַכט, די אויגן אין אויער אַרײַן...

— נעבעך, עפּעס אַ שרױ בצער! — טראַכט שמואל און שאַרט זיך אַרויס צו זיך אין חדר אַרײַן אויף די נעגל, און וואַרפט זיך אין בעט אַרײַן. שלאָפן אָבער קאָן ער נישט. ליגט ער אַזוי און ליגט, ביז עס ווערט גאָר שפּעט. די גאַס ווערט שטילער און שטילער און גאָר שטיל. מען לעשט אין גאַס די לאָמפּן אויס. אין דער פינצטערער שטילקייט הערט ער, ווי די דײַטשקע קומט צום דײַטש און רופט אים זייער שטיל שלאָפן. באַלד קומט די טאָכטער:

דער דײַטש רירט זיך אָפּנים נישט ... שטייען זיי אָדער זעצן זיך נעבן אים. עפּעס הייבט מען אָן זייער שטיל צו ריידן, מער — שטיל צו זיפצן ...

דערנאָך צעווײנט זיך דאָס מיידל אויף אַ קול און גייט אַרויס; צעווײנט זיך די מוטער און גייט איר נאָך. און דער דײַטש — דער פאָטער, קרעכצט! — שטעלט זיך אויף:

— אָך, גאָט, גאָט! אָך, דו ליבער גאָט! — און גייט נאָך.

אינדערפרי, טראַכט שמואל, וועט ער זיך, בײַם געזעגענען, דורכריידן מיטן דײַטש ... דאגה בלב איש — ישיחנה ... און שלאָפט ווײַטער אײַן ...

אינדערפרי, ער וויל זיך געזעגענען, מען בעט אים בלײַבן אויף פרישטיק, די דײַטשקע מיט דער טאָכטער גייען אַרויס, וויל שמואל ריידן. וועט ער דאָך נישט צוטרעטן מיט אַמאָל צו דער זאַך, הויבט ער אָן פון אַ זײַט:

— האָט איר, ווירקלעך, דײַטש־לעב, נישט געהערט פון בעל־שם? ..

ענטפערט דער דײַטש נאָכאַמאָל:

— ניע פאָן דער פירמאַ געהערט: גאַנץ היער אומבעקאַנט ...

— אזוי! — מאכט שמואל מיט נאך א לײַכטערן הארץ.

— עס איז אבער, — זאגט ער ווײַטער, — דײַטש־לעב, בעל־הבית־לעב, קיין פירמע נישט . . . עס איז א ייִד . . .

— א יודע? — פרעגט איבער דער דײַטש שוין מער פאראינטערעסירט, און הויבט, אפשר דאס ערשטע מאל, די ברעמען אויף.

— א יודע, — זאגט שמואל נאך.

— און א ייִד, — זאגט ער, — מיט תורה ועבודה, מיט מצוות און מעשׂים טובֿים, און א הימל־מאן.

— וואס?

— א געטלעכער מאן!

— זא? — ענטפערט דער דײַטש עפעס נישט זײַער גלויביק און וויל ווײַטער פארזינקען אין זײַנע מחשבות . . .

— איך וויל אוועקגיין, רב דײַטש . . .

— זא, זי אײַלן?

— איך וויל מיך געזעגענען . . .

— זא . . . — און שטרעקט אים אויס א האנט; ער וויל נאך רופן די פרוי און די טאכטער.

— אבער, — זאגט שמואל, — יאָגט אײַך נישט אזוי, רב דײַטש; עס זאל אײַך נישט פארדריסן, איך וויל אײַך עפעס בעטן . . .

— אך, זא . . . זייער גערן . . . פארצײַען זי, דאס איך עס פערגעסן האב . . . איך בין, לײַדער, זא . . .

און שטעקט שוין די האנט אין טאש ארײַן . . .

— ניין, ניין, דײַטש... נישט דאס האב איך אצינד געמיינט... עפעס אנדערש וועל איך אײַך בעטן . . . איר זײַט דאך א ייִד!

— מיט לײַב און זעל!

— איך אויך . . . זאָגט מיר ,וואָס אײַך פֿעלט ?

בלײַבט דער דײַטש דערשטוינט . . . באַנוצט זיך דערמיט שמואל:

— עפּעס דריקט דאָך אײַך אויף דער נשמה, אײַך, אײַער ווײַב, אײַער טאָכטער . . . זאָגט, וואָס . . . עפֿנט דאָס הארץ פֿאַר אַ ייִד, אַ ייִד אַ ייִד העלפֿט אַמאָל . . . קוקט נישט אויף מײַן אָרעמקײַט . . .

— דאָס ניכט, — ענטפֿערט דער דײַטש, — אַבער אונדז קאָן נימאַנד העלפֿן . . .

און ער פֿאַרציילט אים: בײַ די גרעסטע דאָקטוירים געוועזן . . . בײַ די גרעסטע פּראָפֿעסאָרן.

— אַ חולאת, לא־עליכם ?

— וואָס ?

— אַ קרענק ?

— אַ קראַנקהייט . . . יאַ, אַ געהיימע . . . אײַן אומגליק . . .

— איז דאָ, — פֿאַלט אים אַרײַן שמואל אין די רייד, — איינער וואָס העלפֿט . . .

— יאָ, דער הער גאָט !

— גיכער אין זײַן נאָמען דער בעל־שם . . .

און דער דײַטש לאָזט עפּעס צו זיך ריידן, און שמואל פֿאַרציילט אים פֿון בעל־שם פֿון זײַנע ניסים ונפֿלאות. און דאָס הארץ בײַם דײַטש הויבט זיך און הויבט זיך, און דאָס פּנים לײַטערט זיך צוביסלעך, און די אויגן קלערן זיך ביסלעכווײַז, און ער זאַפּט אײַן שמואלס רייד. — אַלע מאָל איבערפֿרעגנדיק, אַז ער פֿאַרשטייט נישט. — ווי אַ שוואָם זאַפּט זיי, ווי אַ נחת, ווי אַ בשורה אַ גוטע . . .

— פֿאָלגט מיך, — ענדיקט שמואל, — איך וויל נישט און דאַרף נישט וויסן, וואָס, וועמען בײַ אײַך אין הויז עס פֿעלט. נאָר פֿאָלגט מיך, הייסט אײַנשפּאַנען אַ בויד און לאָזט אײַך פֿירן צום בעל־שם . . .

וואַקלט זיך דער דײַטש . . . און נאָך אַ ווײַלע:

— יאַ . . . איך מוז אָבער מיט מײַנער פֿרוי אונד טאָכטער שפּרעכן . . .

שרײַט אוים שמואל מיט פֿרייד:

— גייט מיטן רעכטן פֿוס און שפּרעכט, און גאָט וועט העלפֿן.

האָבן אָבער אַלע ווײַבער, זעט אוים, איין טבֿע: די דײַטשקע איז הינטער דער טיר געשטאַנען, צו דער רעכטער מינוט אַרײַנגעקומען, דאָס טעכטערל הינטער איר . . . זי זאָגט, אַז פֿרוון דאַרף מען . . . אין אַ פּאָר שעה אַרום — די בויד געשפּאַנט, מען זעצט זיך אײַן, מען פֿאָרט גאַלאָפּ. מען פֿאַרהאַלט זיך נאָר בײַ דער גרעניץ . . . דאָ וועט שוין געדויערן; שמואל האָט דאָך קיין פּאַס נישט . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איידער זיי וועלן אַריבער די גרעניץ, וועל׳מיר זען, וואָס דערווײַל בײַם בעל־שם טוט זיך.

זיצט ער איינמאָל, דער בעל־שם, און צעשמייכלט זיך און זאָגט צום שמש.

— גיי, רוף מיר יונה דעם שנײַדער.

גייט ער און ברענגט אים.

— זאָג נאָר, יונה, קאָנסט נעמען אַ מאָס מיטן אויג, און יענער זאָל אָגרנישט וויסן, ווי דו נעמסט פֿון אים אַ מאָס?

— אַזוי טו איך דאָך מיט אײַך, רבי . . . אײַער טאָכטער, זאָל לעבן, הייסט נייען, קום איך און וואַרף אַן אויג . . .

— און פֿאַר נשים אויך אַזוי?

— אַלץ איינס, רבי!

— און ווילסט עפּעס טאָן פֿון מײַנעטוועגן?

— עד חצי המלכות, רבי!

— איז גוט. דרייט זיך דאָ בײַ מיר אין שטוב אַרום אַ פֿרעמדע ייִדענע . . .

— אהא, טרײַנע־מירל, מײנט דער רבי.

— יאָ. און איר זון, דודל, לערנט בײַ מיר אין בית־המדרש. גײ, און נעם פֿון בײדע אַראָפּ מיטן אויג אַ מאָס . . .

— אויף וואָס פֿאַר אַ מלבושים, רבי ?

— שטעל דיר פֿאָר, יונה, ווי עס וועט זײַן מיט דודלען תּנאים. דאַרף ער מלבושים און די מוטער מלבושים . . . און — בעל־הבתּישע.

— און סחורה, רבי ?

— נעם די בעסטע, אויף מײַן חשבון, יונה . . .

— גוט, רבי !

— נאָר עס זאָל זײַן פּונקט פֿון הײַנט אין אַ חודש אַרום.

— נישט אַ שעה לענגער, רבי . . .

פֿאַרנאַכט אין אַ חודש אַרום, ברענגט דער שנײַדער די מלבושים. זיצט דערבײַ דעם בעל־שמס טאָכטער, זאָגט ער צו איר :

— נעם די מלבושים און גײ אַרײַן צו דײַן גאַסט טרײַנע־מירל, און זאָל זי זײ אָנטאָן. איך האָב געהײסן. און זי זאָל נישט אַרויס פֿון שטוב און וואַרטן דאָ אין דײַן צימער, ביז מען וועט זי רופֿן . . .

פֿרעגט זי נישט איבער קײן וואָרט, נעמט די מלבושים און גײט.

— און דו, — זאָגט דער בעל־שם צום שמש, — נעם דודלס מלבושים און טראָג אין בית־המדרש אַרײַן. זאָג, איך האָב געהײסן, ער זאָל זיך אָפּוואַשן און אָנטאָן, און אַרײַנגײן און זיצן מיט זײַן מאַמען ביז איך וועל זײ רופֿן.

וויל שוין דער שמש גײן.

— און דערנאָך, — זאָגט נאָך דער בעל־שם, — זאָלסטו מיר תּיכף ומיד אהער רופֿן אונדזער שכן דעם דיין און דעם סופֿר און רוף מיר אַרײַן אַ מנין ייִדן, נאָר באַלד . . .

קומען באַלד אַלע גערופֿענע, בעת זײ דער בעל־שם זיצן, און דעם צוריקגעקומענעם שמש הײסט ער אַרײַנגײן צו דער טאָכטער און הײסן אָנגרײטן כּיבוד.

— וואָס פאַר אַ כּבוד, רבי ?

— ווי אויף תּנאים . . . ווי אויף אַ געהויבענע תּנאים.

גייט דער שמש, זאַמט זיך אַ ווײַלע און קומט צוריק :

— גרייט !

— אַצינד ברענג אַרײַן ליכט, מער ליכט.

טוט ער אַזוי, דער שמש. און ווי ער ברענגט אַרײַן לײַכטער מיט ליכט און צעשטעלט אויפֿן טיש, פֿאַרפֿאַרט פֿאַר דער טיר אַ בויד. קריכט אַראָפּ פֿון דער בויד שמואל און דער דײַטש און די דײַטשקע און דאָס טעכטערל, און קומען אין שטוב.

שטעלט זיך אויף דער בעל־שם :

— שלום־עליכם, אַבֿרהם !

און דערלאַנגט דעם דײַטש די האַנט.

— ס׳קאַצל־קומט, נשים ! זעצט אײַך.

ווערן זיי ניבֿהל ונישתּומם און זעצן זיך; די דײַטשקע מיט דער טאָכטער, פֿאַרשטייט זיך, בײַ אַ באַזונדער טיש.

— און אַצינד, דײַטש־לעב, — שמייכלט דער בעל־שם, — אמונה, זע איך אין אײַערע אויגן, אין מיר האָט איר שוין . . . פֿאַרציילט־זשע אונדז פֿריער פֿאַר אַלעם — ווי אַזוי איר זײַט רײַך געוואָרן. און דו, שמואל, עפֿן אַביסל די טיר, — שמייכלט צו אים דער בעל־שם, — מאַך אַ שפּאַרע, דאָרט זיצט זוגתך טרײַנע־מירל, און זי האָט ליב צו הערן דורך אַ שפּאַרע.

שמואל פֿאָלגט גאַנץ גערן, און דער דײַטש אַבֿרהם פֿאַרציילט, דײַטשמעריש, אָבער מען פֿאַרשטייט אים.

מיט יאָרן צוריק איז ער געווען אַ גאַנץ אָרעמער דײַטש . . . געהאַט עטלעכע טאָלער און פֿורכט געהאַט געשעפֿטן צו מאַכן. איינמאָל בײַנאַכט, ער קאָן נישט שלאָפֿן פֿאַר זאָרג, קלאַפּט עמיץ אָן אין פֿענצטער . . . זומער־צײַט. שטייט ער שטיל אויף פֿון בעט, ער זאָל דאָס ווײַב נישט וועקן, און עפֿנט דאָס פֿענצטער. אַ באַקאַנטער געווען פֿון הינטער דער שטאָט, בײַ דעם אויסגוס פֿון ים . . . זאָגט אים

יענער אַזוי: אַ פֿאַרפֿלייצונג האָט אַנגעבראַכט געהילץ ... פּויערים האָבן עס אַרויסגעצויגן מיט אײַזנס, און מען מען קאָן עס קויפֿן כמעט אומזיסט ...

— הערסט, שמואל? — מאַכט דער בעל־שם צו שמואלן, וואָס האָט שוין נישט אָפּגעטראָטן פֿון דער טיר מיט דער שפּאַרע, — דײַן געהילץ!

— איך הער, רבי, איך הער! — ענטפֿערט שמואל און ווענדט זיך פֿאָרט פֿון שפּאַרע נישט אָפּ.

און דער דײַטש מיינט, ער דאַרף זיך פֿאַרענטפֿערן, און גיט צו פֿאַרשטיין, אַז על פּי דין איז אַזאַ געהילץ הפקר ... און פֿאַרציילט ווי ביליק ער האָט דאָס האָלץ געקויפֿט ... און וויפֿל ער האָט פֿאַרדינט דערינען ... אַ שפּאַר ביסל געלט.

— און געלט, — שלאָגט אים איבער דער בעל־שם, — גייט שוין צו געלט ... און באַלד איז דיר די בת־יחידה געבוירן געוואָרן ... קיין עין־הרע אַ בתולה נאה ... אַ מיידל, ווי מען זאָגט ביי אײַך, ווי אַ גאָלד ... שוין אַ כלה?

—דאָס איז דאָך, געטלעכער מאַן, — פֿאַרברעכט דער דײַטש די הענט, — מײַן אומגליק ... זי קאָן ניכט פֿערלאָבט ווערן!

— פֿאַרוואָס?

פֿאַרציילט דער דײַטש, אַז מען האָט זײַן טאָכטער גערעדט די שענסטע און די בעסטע שידוכים, איז זי אָבער אַ קראַנקהײַט באַפֿאַלן. אַזוי ווי מען ווײַזט איר אַ חתן, ווערט איר איבל, נישט גוט, און אַז מען פֿירט זי נישט שנעל אַרויס, פֿאַלט זי אין אָנמאַכט.

— אַזוי ווי איר זעט, געטלעכער מאַן, געזונט און פֿריש ... און קוים דערזעט זי אַ חתן — חלשט זי ...

ער איז שוין געווען מיט איר און גערופֿן צו איר די בעסטע דאָקטוירים, די גרעסטע פּראָפֿעסאָרן ...

— אַזוי? — שלאָגט אים דער בעל־שם איבער מיט אַ שמייכל,
— דאָס איז אינגאַנצן דײַן צער און דײַן צרה? און איך, זעסטו,

אַבֿרהם־דײַטש, װעל איר װײַזן אַ חתן, און נישט נאָר זי װעט נישט חלשן, עס װעט איר נישט איבל װערן, — זי װעט אים אנטקעגן לויפֿן מיט פֿאַרשפּרייטע הענט!

— שמואל, לאָז אַרײַן דײַן װײַב און דײַן זון.

לאָזט אויף זיך טרײַנע־מירל נישט װאַרטן און בלײַבט שטיין, װי צוגעשמידט צום אָרט לעבן מאַן, קומט נאָך איר אַרײַן — דודל... און דאָס יינגל מיטן מיידל דערזעען זיך, און דערשרעקן זיך, איינס אויף אַנדערן קוקנדיק, אוּן װערן בלאַס און באַלד רויט... און נישט װילנדיק מאַכן דאָס יינגל מיטן מיידל עטלעכע שריט זיך אנטקעגן, און בלײַבן שטיין צעמישט, פֿאַרשעמט, און רײַסן קוים אָפּ איינס פֿון אַנדערן די אויגן מיט גוואַלד און לאָזן די קעפּ אַראָפּ, צעמישט.

— נו, מיידל, — פֿרעגט דער בעל־שם, — נישט איבל? ד ע ם חתן װילסטו?

ציטערט זי און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ...

— און דו, דודל, װילסט די כלה?..

און געבּיט אים:

— ענטפֿער, דודל!

ענטפֿערט דודל בפֿירוש:

— יאָ, רבי!

— און דו העסט נאָך, — זאָגט דער בעל־שם, — אַ דרשה זאָגן. סופֿר, שרייב תנאים...

— —

אין די תנאים האָט דער בעל־שם געהייסן אײַנשרײַבן, אַז אַבֿרהמל־דײַטש גיט זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אָפּ נדן דער טאָכטער... און הן אבֿות החתן ווי אבֿות הכלה וועלן עסן א י י ב י ק ע ק ע ס ט בײַ די ק י נ ד ע ר.

ניסים אויפן ים

אין דער מדינה האלאנד, אין א האלב איינגעזונקען הייזל ביים ברעג פון ים האט געוואוינט אויך א שטומע נשמה — א יידישער פישער מיטן נאמען "סאטיע". אפשר נאך אן עלטער־זיידן סעדיה; נאר פון דעם האט ער נישט געוואוסט. ער האט בכלל זייער ווייניק געוואוסט פון יידישקייט. פון אבות־אבותיו א פישער. פארברענגט טעג און יארן אויפן ים, געלעבט — איין איינציקע יידישע משפחה צווישן ניט־יידן, וואס זאל ער וויסן? סאטיע כאפט פיש, דאס ווייב זיינס שטריקט נעצן און פירט די שטוב, די קליינע קינדער וואלגערן זיך אין זאמד און זוכן בורשטין . . . און אז סאטיע גייט אויפן ים און עס מאכט זיך א שטורעם־ווינט, עס ווערט סכנת־נפשות, האט — נישט ער אויפן ים, נישט דאס הויזגעזינד אין שטוב,—נישט געקאנט אפילו קיין שמע־ישראל מתפלל זיין . . . האט סאטיע געקוקט שטום אין הימל אריין; דאס ווייב זיינס שלאגט זיך אין קאפ אריין, אדער שליידערט נאך אפשר א בייזן בליק צום בייזן, פינצטערן הימל ארויף, און די קינדער ווארפן זיך אויפן זאמד און רופן גלייך מיט אנדערע קינדער: סאנטא מאריא, סאנטא מאריא!

און פון וואנען האבן זיי געזאלט וויסן מער? צופום גיין אין קהילה אריין — איז וויים, פארן האט די ארעמע פאמיליע, וואס האט

קוים פּרנסה געהאַט, נישט געקאָנט, און, אַ חוץ דעם, לאָזט דער ים נישט אַוועק. סאַטיעס פֿאָטער, סאַטיעס זיידע און עלטער־זיידע זײַנען אומגעקומען אויפֿן ים. נאָר אַזאַ כוח האָט ער שוין, דער ים: ער איז דעם מענטשנס געפֿערלעכסטער שונא. און גאַנץ אָפֿט אַ פֿאַלשער שונא, און — ליב האָט מען אים, און ציען ווערט מען צוגעצויגן צו אים ווי מיט צוואַנגען . . . און מען קאָן זיך פֿון אים נישט אָפּרײַסן, ווײַל מען לעבן אויף אים און אונטערגיין אין אים . . .

נאָר איין ייִדישער מינהג איז אין דער משפּחה געבליבן — יום־כּיפּור!

ערבֿ יום־כּיפּור אינדערפֿרי האָט מען אויסגעקליבן דעם גרעסטן פֿיש, און די גאַנצע משפּחה איז געגאַנגען מיטן פֿיש אין שטאָט אַרײַן, און אָפּגעגעבן האָט מען דעם פֿיש דעם קהלשן שוחט, בײַ וועלכן מען פֿלעגט פֿאַרפֿאַסטן און עסן נאָכן תּענית.

איבערן מעת־לעת פֿלעגט די משפּחה זיצן אין האָלענדישן מקום קדוש, צוהערן זיך ווי דער כאָר זינגט, ווי דער אָרגל שפּילט, ווי דער חזן זאָגט אויף זײַן אופֿן און שטייגער . . . פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט האָט מען נ י ש ט. געקוקט האָט מען נאָר צום אָרון־קודש, צום פּרעדיקער אין דער גאָלדענער יאַרמולקע. האָט זיך די גאָלדענע יאַרמולקע אויפֿגעהויבן, האָט מען זיך אויך אויפֿגעשטעלט; האָט זיך די גאָלדענע יאַרמולקע אַראָפּגעלאָזט, האָט מען זיך צוריק געזעצט. טיילמאָל פֿלעגט סאַטיע פֿאַר מידקייט אײַנדרימלען, האָט אים אַ שכן מיט אַן עלנבויגן צום אויפֿשטיין געוועקט . . .

אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער יום־כּיפּור. אַז עס איז אַ יום־הדין, אַז אַ פֿיש אין וואַסער ציטערט, און וואָס אין הימל טוט זיך, — פֿון דעם האָט סאַטיע נישט געוווּסט. עס איז בײַ אים אַ מינהג געווען יום־כּיפּור צו הערן כאָר און אָרגל א ו מ ג ע ג ע ס ן, און אַז נאָך "נעילה" (ער האָט אַפֿילו נישט געוווּסט, אַז עס הייסט "נעילה") גייט מען צום שוחט אויף וועטשערע . . . אַ סך מער האָט דער שוחט אַליין אפֿשר אויך נישט געוווּסט . . . האָלאַנד!

און באַלד נאָכן שוואַרצן קאַפֿע, פֿלעגט סאַטיע מיטן ווײַב און מיט די קינדערלעך זיך אויפֿהויבן, געזעגענען זיך מיטן שוחט און זײַן הויזגעזינד, און אָנווינטשעווען זיך, און אַוועקגיין און וואַנדערן אַ גאַנצע נאַכט צום ים. נישט "אהיים" פֿלעגט מען זאָגן, נאָר — "צום ים".

און אויפֿהאַלטן לאָזט מען זיך נישט.

— סטײַטש, — טענהט דער שוחט מיט דער שוחטקע, — איר האָט דאָך אַפֿילו די שטאָט נישט געזען.

פֿאַרקרימט זיך סאַטיע:

— די שטאָט!

קיין בעל־דברן איז סאַטיע נישט; דער ים לערנט שווײַגן, נאָר די שטאָט האָט ער פֿײַנט. ענג, אָן לופֿט און אָן הימל. אַ פּאַסיקל צווישן דאָך און דאָך . . . אויפֿן ים אָבער — אַ רחבות . . . עס אָטעמט זיך . . .

— עס איז דאָך אײַער שונא . . . אײַער טויט! — טענהט מען צו אים.

— אָבער אַ גוטער טויט!

ער וויל האָבן זײַן פֿאָטערס און זײַן זיידנס סוף — אײַנגעשלונגען ווערן געזונטערהייט פֿון ים, נישט קרענקען און גוססן אַ צײַט לאַנג אויף אַ בעט . . . הערן ווי מען וויינט . . . און דערנאָך באַגראָבן ווערן . . . אין דער האַרטער ערד . . . בררר!

קאַלט ווערט אים, אַז ער דערמאָנט זיך פֿון אַזאַ קבֿורה . . .

און מען גייט צופֿוס אהיים, צום ים . . .

און אַז מען גייט צופֿוס איבער נאַכט, און עס הייבט אָן גרויען דער טאָג, און מען דערזעט דעם גאָלדענעם אָפּגלאַנץ פֿון זאַמדיקן ברעג, און דערנאָך בליצט־אויף דער שפּיגל פֿון ים, — דערפֿרייט מען זיך, פּאַטשט מען מיט די הענט . . .

א חתן מיט א כלה פֿרייט זיך נישט אזוי . . .

און אזוי גייט עס פֿון יאָר צו יאָר . . .

עס בײַט זיך דער פֿישער, זעלטענער — דער שוחט; מינהג בלײַבט מינהג.

און דער מינהג איז אַ סכום הכולל פֿון פֿאַסטן, כאַר און אָרגל, אויסגעמישט מיטן גרויסן פֿיש צו דער וועטשערע נאָך נעילה בײַם שוחט, מיטן געזעגענען און אָנווינטשן זיך . . .

דאָס אַלץ צוזאַמען איז דער איינציקער פֿאָדעם, וואָס בינדט צו סאַטיען צום כלל־ישׂראל . . .

ויהי היום, איינמאָל פֿאַרטאָג, קוים געררויטלט האָט זיך דער מיזרח, שטיל וועקט זיך אויף דער ים, קוים ער אָטעמט, קוים עס הערט זיך זײַן ברומען, ער ציט זיך, פֿויל און נאָך פֿאַרחלומט אוים, און ציט זיך אײַן . . . ווו־נישט־ווו פֿלאַטער אין דער בלויער לופֿט אַ ווײַסע פּאָר פֿליגל, שרייט־אויף אַן עוף . . . און ווײַטער שטיל . . . שטילע גלאַנצן פֿליען איבערן ים, גאָלדענע פֿלעקן גליטשן זיך איבערן געלן זאַמד, פֿאַרמאַכט זײַנען די שיפֿער־שטיבלעך איבערן ברעג, נאָר אַ טיר סקריפּעט, — סאַטיע גייט אַרויס . . .

ערבֿ יום־כּיפּור איז הײַנט. פֿרום און ערנסט איז זײַן פּנים, שטיל לויכטן אים די אויגן: ער גייט טאָן א מצווה, כאַפּן אַ פֿיש אויף יום־כּיפּור!

און ער גייט צום שיפֿל צו און נעמט אַן די קייט, מיט וועלכער עס איז געווען צוגעבונדן צום באָרט. די קייט קלינגט, און קולות דערהערן זיך רעכטס און לינקס:

— ניטע, ניטע!

דאָס רופֿן צו אים שכנים, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פֿון די קליינע פֿענצטערלעך.

רויִק און שטיל ליגט ווײַט און ברייט אויסגעגאָסן דער ים, צוזאַמענגעגאָסן מיטן זוים פון פריש־מאַרגנדיק לאַכנדיקן, פריילעכן הימל . . . קוים ער אָטעמט, דער ים, קוים ער רונצלט זיך ביַים ברעג, און ווי ביַי אַ גוטער באָבען, טאַנצן ליכטיק־גלאַנצנדיקע שמייכלען צווישן די רונצלען . . . און עפּעס מורמלט ער, אַ באָבע־מעשׂה דערציילט דער ים די צעוואָרפענע, מיט לאַנגע וואַסער־פּלאַנצן, ווי מיט האָר באַוואַקסענע שטיקער פעלזן, און ער גלעט זיי איבער די האָר שמייכלענדיק, שפּילנדיק — דער פישער אָבער קען בעסער דעם ים, און ער גלויבט אים נישט.

— ניטע . . .

דער ים וויגט זיך און וועט זיך צעוויגן, און פּלאַצן וועט דער ליכטיקער שפּיגל, און פון שפּיל וועט ווערן אַן ערנסט, פון שטילן ברומען — געשריי און געפּילדער, און פון רונצלען וועלן אויפשטיין וואַלן, וואָס וועלן שלינגען שיפלעך און שיפן, ווי קליינע פישלעך דער לויתן . . .

— ניטע . . .

און אַ באָרוועסער אַלטער מאַן, מיט אַ פּלאַטערנדיקן גרויען קאָפּ אָן אַ היטל, מיט אַן איַינגעשרומפּטן פּנים, ווי דער ים, נאָר אָן זיַין פאַלשן, זיסן שמייכל, — קומט אַרויס פון אַ שטיבל, גייט צו סאַטיען צו און לייגט אים אַרויף די האַנט אויפן אַקסל:

— זע!

און ער וויַיזט אים אַ קליין שוואַרץ פּינטעלע, וואָס נאָר אַ פישער־אויג קאָן דערזען, אויפן זוים פון הימל.

— פון דעם וואַקסט אַרויס אַ וואָלקן . . .

— כ׳וועל פריער צוריק אין דער היים זיַין, — ענטפערט סאַטיע, — איין פיש וויל איך נאָר כאַפּן.

און ערנסטער ווערט דאָס פּנים ביַי זיַין אַלטן שכן:

— האָסט וויַיב און קינד, סאַטיע!

— און אַ גאָט אין הימל ! — ענטפֿערט סאַטיע מיט בטחון. ער גייט זײַן מצווה טאָן . . . און ער שטופּט אָפּ דאָס שיפֿל און שפּרינגט אַרײַן . . .

און לײַכט ווי אַ פֿעדער טראָגט זיך סאַטיעס שיפֿל איבערן ים, און דער ים וויגט עס אַרום, זיס־ברומענדיק, אַזוי ליבלעך, און זוימט עס און וויקלט עס אַרום מיט די שענסטע פּערל, וואָס ער פֿאַרמאָגט — און דער אַלטער פֿישער שטייט אויפֿן ברעג און מורמלט:

— סאַנטאַ מאַריאַ, סאַנטאַ מאַריאַ !

לײַכט טראָגט זיך סאַטיעס שיפֿל איבערן ים, — געשיקט וואַרפֿט סאַטיע אַראָפּ זײַן נעץ, און שווער און שווערער ווערט די נעץ, און מיט אַלע כוחות ציט ער זי קוים־קוים אַרויס און געפֿינט אין איר וואַסער־פֿלאַנצן, ים־שטערן, — נאָר נישט קיין איינציקן פֿיש . . .

דער אַלטער פֿישער אויפֿן ברעג האָט דאָס שיפֿל שוין פֿאַרלוירן פֿון אויג. סאַטיע ציט שוין צום דריטן מאָל און צום פֿערטן מאָל אַרויס די נעץ. נישט לײַכט איז זי אַרויסצוציען, אַלערליי וואַסער־פֿלאַנצן האָבן זיך אין אירע אויגן פֿאַרפֿלאָכטן — נאָר קיין איינציקער פֿיש . . .

און דער ים וויגט און צעוויגט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער, און אויפֿן הימל איז שוין אַרויפֿגעשוווּמען די זון. נאָר פֿײַכט איז איר גלאַנץ — אַ פֿאַרוויינטע זון; און דאָס שוואַרצע פֿינטעלע אין עק הימל האָט זיך אויסגעצויגן אונטערווײַלעכץ אונטער דער זון, ווי אַ ברוינע שלאַנג, און ווערט טונקעלער און טונקעלער, און רוקט זיך צו דער זון . . .

עס איז שוין האַלבער טאָג, און סאַטיע שווימט און שווימט, פּרוּווט און פּרוּווט דאָס מזל.

— גאָט, טראַכט ער, וויל נישט, איך זאָל דאָס יאָר מקיים זײַן די מצווה, מען מוז צוריק ! און טרויעריק ווערט אים אויפֿן האַרצן: ער האָט געמוזט עפּעס זינדיקן קעגן גאָט, וועלכער באַוויליקט נישט הײַ־יאָר זײַן קרבן. און ער נעמט דעם רודער פֿעסט אין דער האַנט אַרײַן און וויל שוין אויסדרייען דאָס שיפֿל צוריק. נאָר אין דער

זעלבער רגע באַקומט ער אַ שפּריץ אין פּנים אַרײַן, און ער דרייט זיך אויס און דערזעט, ווי אַ גרויסער גאָלדענער פֿיש וואָרפֿט זיך שפּילנדיק איבערן ים און שפּריצט מיטן ווידל איבערן וואַסער.

ע! דעם פֿיש מוז ער כאַפּן, דעם פֿיש האָט אים גאָט באַשערט, גאָט, וואָס האָט זײַן עגמת־נפֿש געזען, זײַן בענקען, מקיים צו זײַן די מצווה. און ער דרייט צוריק אויס, און יאָגט נאָך דעם פֿיש...

און דער ים איז שוין צעוויגט, כוואַליעס הויבן זיך העכער און העכער... אַ האַלבע זון איז שוין מיט אַ וואָלקן באַדעקט, בונטע ווײַסע שטראַלן רײַסן זיך קווער אַהער פֿון הינטערן וואָלקן, און דער פֿיש שווימט איבער די פֿליצעס פֿון די כוואַליעס, און סאַטיעס שיפֿל נאָך, נאָך... און פֿאַרשווינדן ווערט פֿלוצלונג דער פֿיש, צווישן אים און סאַטיעס שיפֿל הויבט זיך אויף אַ וואַל, אויפֿגעבלאָזן, אויפֿגעיאָגט פֿון ווינט...

— עס נאַרט מיך, עס בלענדעט מיר די אויגן! — טראַכט סאַטיע און וויל ווײַטער אויסדרייען דאָס שיפֿל און שווימען צוריק. אין דער זעלבער רגע לייגט זיך אָבער די כוואַליע, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל אײַנגעזונקען געוואָרן; כמעט צום שיפֿל צו שווימט צו דער פֿיש און קוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן, גלײַך ער בעט זיך: נעם מיך, נעם מיך... זײַ מקיים מיט מיר די מצווה, זײַ מיך מזכה מיט איר...

דרייט סאַטיע צוריק אויס, — פֿאַרלוירן ווערט דער פֿיש!
אַ נײַע כוואַליע שווימט אויף צווישן אים און דעם שיפֿל, און עס הויבט זיך ווידער אָן דער "ירגזון" פֿון ים! נישט קיין ליבלעך לידל זינגט ער, דער ים, ער כעסט זיך: אַ העזה, אַצינד אויף אים צו שווימען! אויף זײַנע כוואַליעס צו טרעטן! און גלײַך זי וואָלט זיך פֿאַרן ים דערשראָקן, באַהאַלט זיך הינטערן וואָלקן די זון... אויף דעם, זעט אויס, האָט נאָר געוואַרט דער ווינט — ער איז באַפֿרײַט געוואָרן, און צעיאָגט זיך מיט אָן אויסגעלאַסענעם צאָרן, און ער שמײַסט, און פּאַטשט ווי מיט ריטער, און רייצט נאָך מער אויף דעם ים, און דער ים ברויזט און קנאַקט, גלײַך טויזנטער באַסן שפּילן אין זײַנע געדערים, קעסל־פּויקן — אין זײַנע כוואַליעס...

— אהיים, אהיים ! — קלאפט ביי סאטיען דאס הארץ, און ער נעמט צוזאמען די נעצן אין שיפל אריין, און כאפט שטארקער אן דעם רודער, און ארבעט מיט אלע קרעפטן. די אדערן אין דער האנט ווילן פלאצן. ווי א הוילע נוס ווארפט זיך דאס שיפל אויף און אפ איבער די כוואליעס, פארשווארצט איז דער הימל, ברויך־צארניק — דער צעבראכענער ים; און ער ארבעט אלץ — אהיים, אהיים . . .

פלוצלונג דערזעט ער, עפעס שווימט צו אים צו פון דער זייט — א מענטשלעכער קערפער שווימט, א דערטרונקענער — א פרוי איז עס . . . פאר איר שווימען די האר, שווארצע האר — זיין ווייב האט אזוינע האר . . . פון אונטער די האר באווייזן זיך ווייסע הענט — זיין ווייב האט אזוינע הענט . . . און א קול רופט : — ראטעווע ! — זיין ווייבס קול . . . די מוטער פון זיינע קינדער . . . זי האט געמוזט נאכשווימען אויפן צווייטן שיפל. זי טרינקט זיך, זי רופט נאך זיין הילף . . .

און ער דרייט דאס שיפל אום רעכטס און וויל צו צום קערפער, — דער ים לאזט נישט ! כוואליעס הויבן זיך אין דער מיט, דער שטורעם רייסט און וואיעט — נאר אין דעם שטורעם הערט ער איר קול : — העלף !! העלף ! סאטיע, העלף ! . .

און ער שטרענגט אן די לעצטע קרעפטן צוצושווימען, און אט איז ער שוין נישט ווייט פון ווייסן פלעק; די האר זעט ער שוין נישט, נאר דאס שווימענדיקע, זינקענדיקע קלייד . . . מיטן רודער צו דערלאנגען . . . נאר אין דער מיט, צווישן אים און זיין ווייב, הויבט זיך אויף א וואל, שטויסט זי אפ אין איין זייט, דאס שיפל — אין דער צווייטער . . .

— א פארבלענדעניש ! — טראכט ער, זיך דערמאנענדיק, אז דאס זעלבע האט ער געהאט מיטן גאלדענעם פיש; און נישט ווילנדיק ווארפט ער אן אויג צום ברעג, זעט ער ווי עס לייכט זיך שוין אין די פישער הייזלעך די פענצטער !

— יום־כיפור ! — דערמאנט ער זיך, און לאזט פלוצלונג ארויס דעם רודער פון דער האנט.

— טו מיט מיר, — שרייַט ער צום הימל אַרויף, — וואָס דו ווילסט — יום־כּפּור רודער איך נישט ! . .

און דער ווינט רייַסט, אין כּף־הקלע וואַרפֿן די כוואַליעס דאָס שיפֿל; און סאַטיע ווי ער האָט ארויסגעלאָזט דעם רודער פֿון דער האַנט, אַזוי זיצט ער רויִק, און קוקט מיט אָפֿענע אויגן אַמאָל צום פֿאַרשלאָסענעם הימל אַרויף, אַמאָל צום קאָכנדיק־שוימענדיקן ים אַראָפּ.

— טו מיט מיר, גאָט, וואָס דו ווילסט ! זאָל דייַן רצון געשען.

פלוצים דערמאָנט ער זיך אַ ניגון פֿון כאַר, אונטערגעהאַלטן פֿון אָרגל, און ער הויבט אָן נאָכצוזינגען דעם ניגון. די דאָזיקע שטומע נשמה האָט נאָר דאָס איינציקע לשון צו ריידן מיט גאָט — און ער זינגט. דער הימל ווערט שוואַרצער און שוואַרצער, די כוואַליעס הויבן זיך העכער און העכער, שאַרפֿער נאָך בלאָזט דער ווינט . . . דאָס שיפֿל וואַרפֿט זיך באַרג־אויף, באַרג־אַפּ, איין כוואַליע וואַרפֿט עס צו דער צווייטער . . . איינע רייַסט אים אַרויס און שלייַדערט אים אַוועק דעם רודער, אַ צווייטע קומט אָן פֿון הינטן און יאָגט זיך נאָכן שיפֿל מיט אַן אָפֿן מויל . . . דער ווינט רייַסט ווי טויזנטער וועלף — און אין דעם געהודער אַרייַן זינגט סאַטיע דעם ניגון פֿון "מי ינוח ומי ינוע". . . ווי דער כאַר, אונטערגעהאַלטן פֿון אָרגל . . .

די כוואַליע שלאָגט אין שיפֿל אַרייַן. סאַטיע וויל שטאַרבן זינגענדיק, נאָר דאָס שיפֿל קערט זיך איבער, אָבער סאַטיען איז נאָך דער טויט נישט באַשערט . . .

צוויי ווייַסע געשטאַלטן, ווי פֿון נעפּל געוועבטע, גייען, האַלטנדיק זיך בייַ די הענט, באַרוועס, מיט צעפֿלאָסענע האָר און לייַכטנדיקע אויגן, איבערן ים, און ווי סאַטיע דרייט זיך איבער מיטן שיפֿל, קומען זיי צו, הויבן אים אויף, נעמען אים צווישן זיך, און גייען מיט אים אונטער די אָרעמס, און טרעטן מיט אים איבער די כוואַליעס, ווי איבער בייטן און בערגלעך, און פֿירן אים אַזוי געאָרעמט צווישן ווינט און געטומל. ער קוקט און וויל ריידן, עפּעס פֿרעגן וויל ער, — נאָר זיי זאָגן אים :

— זינג בעסער, סאַטיע, זינג ! דײַן געזאַנג וועט גובֿר זײַן דעם צאָרן פֿון ים . . .

זיי גייען מיט אים, און סאַטיע הערט, ווי דאָס שיפֿל זײַנס גייט אים נאָך . . . ער דרייט זיך אום — דאָס שיפֿל מיט דער נעץ, און אין דער נעץ איז פֿאַרוויקלט דער גאָלדענער פֿיש . . .

און אַז זיי האָבן אים צוגעפֿירט צום ברעג און געלאָזט אים אהיים, האָט ער געטראָפֿן בײַ זיך דעם שוחט מיט דער שוחטקע . . . אין שמאָט איז אַ שריפֿה געווען, זײַנען זיי געקומען צו אים צו גאַסט . . .

האָט מען נעקוילעט דעם פֿיש, און — מינהג איז געבליבן מינהג . . .

)::(

ס'איז גוט

איך

פֿרעגט מיך אין וואָס פֿאַר אַ זכות איך בין אַ ייִד געבליבן?

נאָר אין מ ײ ן זכות, נישט אין זכות פֿון מײַנע אָבות. איך בין אַ זעקס־יעריק לערן־ייִנגל געווען; מײַן טאַטע — אַ ישובניק אונטער ווילנע. אַזוי — אַ בעל־הבתישער מענטש.

אַז איך בין אַ ייִד געבליבן — האָב איך עס דעם שפּאָלער זיידן צו פֿאַרדאַנקען.

ווי קום איך צום שפּאָלער זיידן? — פֿרעגט איר.

דער שפּאָלער זיידע איז נאָך דאַמאָלט קיין שפּאָלער זיידע נישט געווען. אַ יונגערמאַן איז ער געווען, געליטן האָט ער דעמאָלט גלות. אַרומגעגאַנגען איז ער אַ צײַט מיט די קבצנים פֿון קהילה צו קהילה, פֿון אורחים־הויז צו אורחים־הויז — אַ קבצן, ווי אַלע קבצנים. קרוע־בלוע ווי אַלע. וואָס אינעווייניק, אין האַרץ, האָט געשטעקט — גיי ווייס!

און נאָכן אָפּלײַדן גלות, איז נאָך אויך די צײַט נישט געקומען נתגלה צו ווערן. שטעלט ער זיך פֿאַרן בית־דין־צדק אין ווילנע, נעמט אַרויס אַ היתר־שחיטה און ווערט שוחט אויפֿן דאָרף. ער גייט שוין

נישט אַרום אויף דער וועלט, און האַלט זיך אין דער ווילנער סביבה, מתנגדים האָבן אָבער אַ חוש־הריח, האָבן זיי עפּעס דערפילט. הויבן זיי אים אָן צו רודפן, בילבולים צו מאַכן. מסרט מען אים פאַרן בית־דין־צדק — ווייס איך? — אַז ער איז עובר אויף כל התורה כולה! וואָס מתנגדים קאָנען!

ווי געזאָגט, בין איך דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זעקס. ער פלעגט צו אונדז אַריינקומען שעכטן אַ דקה, אָדער אַזוי איבערנעכטיקן, און איך האָב אים זייער ליב געהאַט. ווען מען דען האָב איך געזאָלט, אַ חוץ טאַטע־מאַמע, ליב האָבן? אַ מלמד האָב איך געהאַט אַ קפדן, ממש אַ הורג נפשות; און דאָס אָבער איז געווען אַ גוטע, האַרציקע נשמה, מיטן קוק האָט ער מחיה נפשות געווען! די בילבולים האָבן זייערס געטאָן — מען האָט׳ן מעביר געווען פון שחיטה. מיין מלמד האָט געמוזט דערינען אַ חלק האָבן, וואָרים ער האָט באַלד אַ ידיעה באַקומען דערפון, און ווי דער שוחט איז געקומען, האָט ער אַ געשריי געטאָן: ״עוכר ישראל! משומד!״ און אָנגעכאַפּט אים ביים פּאָדקאָלנער און אַרויסגעוואָרפן פון שטוב. עס האָט מיר אַ שניט געטאָן ביים האַרץ, ווי אַ מעסער. פאַרן מלמד האָב איך, אָבער געציטערט אימת־מוות, און ערשט שפּעטער, אַז ער האָט זיך פאַרקוקט, האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב און אָנגעהויבן נאָכלויפן דעם שוחט איבערן טראַקט, וואָס האָט זיך, נישט ווייט פון שטוב, אַריינגעלאָזט אין אַ וואַלד, וואָס האָט זיך שוין געצויגן ביז ווילנע. וואָס איך האָב דערמיט געוואָלט פועל־יוצא זיין ווייס איך נישט, נאָר עס האָט מיך עפּעס געטריבן צום אָרעמען שוחטל. איך האָב מיך געוואָלט מיט אים כאַטש געזעגענען, כאַטש נאָך איין מאָל אַריינקוקן אים אין די גוט־האַרציקע אויגן אַריין...

אָבער איך לויף און לויף און האַק מיר אָפּ די פיס אָן די שטיינער פון וועג, און זע קיינעם נישט פאַר די אויגן. נעם איך מיך רעכטס, אַראָפּ אין וואַלד אַריין, און קלער מיך אַביסל אָפּצורוען אויף דער ווייכער וואַלד־ערד. איך וויל מיך שוין זעצן, הער איך אַ קול, דאַכט זיך, זיין קול, פון מיטן וואַלד אַרויס, — אַ האַלב־זינגענדיק קול. גיי איך שטילערהייט נאָך דעם קול. דערזע איך אים פון ווייטן, ווי ער שטייט און שאָקלט זיך אונטער אַ בוים. איך הער מיך צו — ער

זאָגט שיר־השירים! איך קוק מיך בעסער צו, זע איך, אַז דער בוים, אונטער וועלכן ער זאָגט שיר־השירים, איז אַנדערש ווי אַלע ביימער. אַלע ביימער שטייען נאָך נאַקעט און בלויז. און ד ע ר גרינט זיך, און בליט, און שײַנט ווי די זון, און שטעקט אוים די בליענדיקע צווײַגן איבערן שוחטס קאָפּ, ווי אַ סכך. און מחנות פֿייגל טאַנצן אַרום צווישן די צווײַגן, און זינגען־מיט "שיר השירים"! איך ווער ניבהל ונישתומם, און שטיי מיט אויפֿגעריסענע מויל און אויגן, און שטיי!

ענדיקט ער זײַן שיר־השירים, ווערט אויסגעלאָשן דער בוים, ווערן נעלם די פֿייגעלעך, און ער דרייט זיך אוים צו מיר און זאָגט מיר מיט ליבשאַפֿט:

— הער, יודעלע ("יודל" היים איך), איך האָב צו דיר אַ בקשה.

— אדרבה, — ענטפֿער איך מיט פֿרייד, און טראַכט מיר, ער וועט אוודאי וועלן, איך זאָל אים אַרויסברענגען עסן און בין שוין בדעה צו לויפֿן און בדיל־הדל שטעלן דער מאַמעס שבת. ער זאָגט אָבער:

— הער, — וואָס דו האָסט געזען, זאָל בלײַבן בײַ דיר.

די שמחה ווערט בײַ מיר אויסגעלאָשן, און איך זאָג־צו ערנסט און געטרײַ, אַז איך וועל שווײַגן.

— הער נאָך עפּעס, יודעלע. דו וועסט גיין, — זאָגט ער, — אין אַ ווײַטן, זייער אַ ווײַטן וועג און אַ לאַנגן וועג.

וווּנדער איך מיך: ווי קום איך צו'ן אַ ווײַטן, לאַנגן וועג? און ער זאָגט ווײַטער:

— דײַן רבינס תורה וועט מען דיר אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ, וועסט פֿאַטער־מאַמע פֿאַרגעסן, — זע אָבער, בלײַב בײַ דײַן נאָמען! דו הייסט "יודעלע", בלײַב אַ ייִד!

דערשרעק איך מיך, נאָר פֿון האַרץ שרײַט פֿון מיר אַרוים:

— זיכער! כ'זאָל אַזוי לעבן!

און מיר ליגט נאָך מײַנס אין זינען:

— אָבער, — זאָג איך, — עסן ווילט איר?

נאָר איידער איך האָב עס אַרויסגעזאָגט, איז ער מיר נעלם געוואָרן . . .

און אויף דער צווייטער וואָך איז מען אונדז באַפּאַלן, און מען האָט מיך אַוועקגעפירט, אַלס קאַנטאָניסט . . .

און עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ צײַט, און איך האָב טאַקע אַלץ פֿאַרגעסן . . . מען האָט מיר אַלץ פֿון קאָפּ אַרויסגעשלאָגן.

אין טיף רוסלאַנד האָב איך געדינט, צווישן שנייען און מוראַדיקע פֿרעסט, קיין ייִד פֿאַר די אויגן נישט געזען . . . אפֿשר האָבן דאָרט באַהאַלטענע ייִדן געוווינט, נאָר איך האָב פֿון זיי נישט געוווּסט. פֿון שבת און יום־טוב נישט געוווּסט, פֿון קיין תענית נישט. איך האָב אַלץ פֿאַרגעסן . . .

נאָר דאָס רענדל אויסגעטווישט האָב איך נ י ש ט!

וואָס מער איך האָב פֿאַרגעסן, מער יצר־הרע האָב איך געהאַט פּטור צו ווערן פֿון די פּײַן, די יסורים, — אַן עק! אָבער ווען עס איז מיר געקומען דער שלעכטער געדאַנק אויפֿן קאָפּ, האָט ער זיך באַוויזן באַשײַנפּערלעך, און איך האָב באַשײַנפּערלעך געהערט זײַן קול: "בלײַב בײַ דײַן נאָמען, זײַ אַ ייִד!"

און אַז עס איז קיין ווינטער חלום נישט געווען, האָב איך געוווּסט אויף זיכער . . . איך האָב'ן וואָס אַמאָל ע ל ט ע ר און ע ל ט ע ר געזען . . . די באָרד און פּאות — וואָס אַמאָל ווײַסער, דאָס פּנים — בלאַסער . . . נאָר די אויגן זײַנען געבליבן די אייגענע, די זעלבע גוטהאַרציקע אויגן, און דער קול דער אייגענער, גלײַך אַ פֿידעלע שפּילט . . .

איינמאָל האָט מען מיך געשמיסן, איז ער געשטאַנען נעבן מיר און האָט מיר געווישט דעם קאַלטן שווייס פֿון שטערן, און איבערן פּנים געגלעט, און שטילערהייט געזאָגט: "שרײַ נישט, כדאַי צו לײַדן,

בלײַב אַ ייִד!" און איך האָב אויסגעהאַלטן אַן אַ געשריי, אָן אַ זיפֿץ, גלײַך מען שלאָגט נישט מ י ך . . .

איינמאָל שוין דאָס לעצטע יאָר, האָב איך געדאַרפֿט אַרויסגיין אַלס טשאַסאָוואָי צום צעכהויז, הינטער דער שטאָט. עס איז געווען פֿאַרנאַכט, און עס האָט זיך געטראָגן אַ זאַווערוכע פֿון שניי. דער ווינט האָט אויפֿגעהויבן גאַנצע ברילעס שניי און האָט זיי צעריבן אויף נאָדלען, צעשטויבט אויף שטויב, און דער שנייִיקער שטויב מיט די שנייִיקע נאָדלען האָבן זיך אַרומגעיאָגט אין דער לופֿט, געפּאַטשט אין פּנים אַרײַן, געשטאָכן . . . קיין אויג אָפֿן צו האַלטן! קיין אָטעם צו כאַפּן! פּלוצלונג דערהער איך, מענטשן גייען נישט ווײַט פֿאַרבײַ, און עמיץ זאָגט אויף ייִדיש: הײַנט איז די ערשטע סדר נאַכט! צי ס'איז אַ בת־קול געווען, צי זײַנען ווירקלעך מענטשן פֿאַרבײַגעגאַנגען, — ווייס איך נישט עד היום . . . נאָר די ווערטער פֿאַלן מיר, ווי אַ בלײַ אויפֿן האַרץ, און קוים איך בין צוגעקומען צום צעכהויז און האָב אָנגעהויבן אויף און אָפּ צו גיין, באַפֿאַלט מיך אַ מין בענקעניש, אַ מין האַרץ־ווייטיק, אַז עס איז גאָר נישט צו באַשרײַבן. עס ווילט זיך מיר דווקא "הגדה" זאָגן, און — איך זאָל עס געדענקען אַ וואָרט! איך פֿיל, אַז ערגעץ טיף, טיף בײַ מיר אין האַרץ ליגט זי, די הגדה; כ'האָב זי אַמאָל אויסעטווייניק געקאָנט. איך פֿיל, אַז ווען איך זאָל מיך נאָר איין וואָרט, איין־איינציק וואָרט דערמאָנען, וואָלט שוין די רעשט זיך אויך באַוויזן און אַרויסגעצויגן פֿון מיר, ווי אַ שנור פֿאַרשלאָפֿענע פֿייגל פֿון אונטערן שניי. איך קאָן מיך אָבער דאָס ערשטע וואָרט בשום אופֿן נישט דערמאָנען! "ריבונו של עולם! — האָב איך אויסגעשריען מיטן האַרץ, — איין וואָרט, כאָטש א י י ן וואָרט!" און אויסגעשריען, אַפּנים, האָב איך אין אַ גוטער שעה. איך האָב מיך דערמאָנט: "עבֿדים היינו", — גלײַך מען האָט עס מיר פֿון הימל אַראָפּגעוואָרפֿן. ווער איך פֿול און פֿול מיט פֿרייד; איך פֿיל, אַז איך בין איבערגעפֿילט מיט פֿרייד, אַז זי גיסט זיך פֿון מיר אַרויס, די פֿרייד,

---

טשאַסאָוואָי — וואַך.
צעכהויז — לאַגערהויז פֿון מיליטערישע חפצים.

אַז זי שטראַלט מיר אַרוים פֿון דער נשמה, און איך גיי אויף און אָפּ מיט דער ביקס אויף דעם אַקסל, און זאָג, און זינג אַרוים דער ווײַס־פֿאַרשנייטער, פֿאַרחלומטער וועלט די הגדה . . . און זי האָט זיך פֿון מיר אַרויסגעצויגן, די הגדה, געצויגן און געצויגן, ווי אַ גאָלדענע שנור, ווי אַ שנור פֿון פּערל . . . אַך ! דאָס קאָנט איר גאָרנישט פֿאַרשטיין, דאָס קאָנט איר גאָרנישט משיג זײַן . . . מען דאַרף אײַך פֿריער אַהין שיקן !

און דער ווינט האָט זיך דערוויַיל געלייגט, די זאַווערוכע האָט אויפֿגעהערט, און עס באַווײַזט זיך אַ קלאָרער, פֿינקלדיקער הימל, אַ ווײַסע, מיט בריליאַנטן אויסגעשטראַלטע וועלט . . . שטיל איז אַרום און אַרום, און ווײַס, אַן אַ שיר ווײַט און אָן אַ שיר ווײַס . . . אַ שטילע, רויִקע, זיסע, ווײַטע ווײַסקייט . . .

און איבער דער שטילער, ווײַטער ווײַסקייט באַווײַזט זיך פּלוצלונג נאָך עפּעס ווײַסערס, נאָך עפּעס העלערס, שטראַלנדיקערס . . . און עס גייט און עס קומט פֿון ווײַטן . . . אין קיטל און טלית געקליידעט . . . דער טלית אויף די אַקסל, איבערן טלית, פֿון פֿאָרנט אַ ציטערדיקע, ווײַסע, זילבערנע באָרד, העכער — צוויי שטראַלנדיקע אויגן, איבער זיי אַ ברענענדיקע קרוין — אַ קאַפּל מיט זילבערנע און גאָלדענע שפּאַניעס. און עס קומט צו נענטער און נענטער . . . און עס גייט פֿאַר מיר פֿאַרבײַ, און אַז עס גלײַכט זיך אוים מיט מיר, זאָגט עס :

—ס'איי גוט !

ווי אַ פֿידעלע האָט עס אויסגעשפּילט, און עס ווערט פֿאַרשוווּנדן . . .

נאָר די אייגענע אויגן, דער אייגענער קול . . .

צוריק־צו־רוועגס, בין איך געגאַנגען איבער שפּאָלע. גיי איך אַרײַן צום "אַלטן". . .

איך האָב אים דערקענט, ער האָט מיך דערקענט . . .

דער הינטישער סדר

צום

בעל־שם פלעגט פארן אן אויפגעקומענער עושר, איז'ן טאקע נישט געווען אויסצוהאלטן. איך וועל'ן אנרופן ביים נאמען, און זאל ער מיך קומען ווערגן! יאקל קאנסקיוואליער האט ער געהייסן. דער בעל־שם אליין איז דאך געווען בטבע א דימענט, פלעגט ער אויך, ביי זיין אריינקומען, איינקנייטשן דעם שטערן. דער עולם איז פון דער הויט געשפרונגען. ראשית, איז עס נישט געווען קיין ערנסטע זאך. אן אויפגעקומענער עושר, מיט א קופה של שרצים, מן הסתם, אויף די פלייצעס. האט ער זיך אמאל צעקריגט מיט קהל־און־רב ביים א קלפי, וועגן כבוד, — איז ער, זיי להכעיס געלאפן צום בעל־שם. א פראסטער בשר־ודם וואלט אין אזא מתנגדיש שטעטל נישט אונטערגעשטאנען אזוינס צו טאן, מען וואלט'ן געדורסט, עוקר מן השורש געווען! האט ער דאך אבער די קלינגערס, איז ער א גבר אלים, טוט ער להכעיס. שנית איז עס געווען א גראבע זאך, א גשמיות שאין לשער, און דערצו — א בעל־העזה מיט א בארימער צוזאמען, ווי אלע אויפגעקומענע עשירים. שטעלט מען זיך דאווענען, רייסט ער זיך צום עמוד; עברי קאן ער! וויל מען בענטשן, כאפט ער אוים די ברכה. אינמיטן, מען רעדט וועגן אן ענין, פאלט ער אריין: "האב איך, רבותים, געקויפט א פערדל!" און גיט א סמאטשקע מיט די ליפן,

אז עס הילכט. איינמאל האט ער מבלבל געווען דעם גאנצן טיש וועגן א בייטש מיט א גאלדענער סקופקע, וואס ער האט באקומען פון כראביע פאטאצקים א לאקיי! . . צו די אלע מעלות־טובות איז ער נאך געווען א קמצן שבקמצנים! אויף בארימעניש נעמט ער אלע ווײלע ארויס א גאלדן טאבאק־שקעטעלע, "ויאכלו" — און מאכט שמעקן! צו דער נאז נעמט ער נישט; חלילה, א שאד דער טאבאק! און שטעקט עמיץ פון א זייט ארײַן א פינגער, פארמאכט ער דאס שקעטעלע מיט א שטיק פרעמדן פינגער. עס איז גאר נישט אויסצודערציילן פון זײַן קמצנות . . .

איינמאל קומט ער חול־המועד־פסח; בלײַבט אויף שבת־חול־המועד, און זיצט בײַם טיש. דער בעל־שם לאזט אים נישט מבייש זײַן — זיצט ער. רעדט דער בעל־שם וועגן א הויך ענין, ווי אזוי די תפילות קומען ארויף צום כיסא־הכבוד, און זאגט, אז נישט אלע תפילות קומען ארויף אין איין צײַט, אז אמאל איז א בר־נש מתפלל שפעטער, און זײַן תפילה קומט אן פריער! עס ווענדט זיך דערינען, ווי ר י י ן די תפילה איז! די תפילה, האט ער פארטײַטשט, איז א גוף מיט א נשמה. די ווערטער זײַנען דער גוף, די כוונה — די נשמה. וואס מער כוונה, מער רוחניות, אלץ געשווינדער קומט די תפילה ארויף, אלץ מער איז זי מתמר ועולה, ווי דער רויך פון מזבח . . . איז אבער די תפילה מיט ווייניק כוונה, קאן זי נישט גלײַך ארויף, שלעפט זי זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אין רחבות, כאפט זי אויף א ווינט אויפן וועג, צי א כמארע, פארטראגט זי אן א זײַט, און ווארפט זי אין כף־הקלע . . . טיילמאל גיסט זיך א תפילה, וואס האט זיך פארטשעפעט אין א וואלקן, מיטן רעגן אראפ . . . אויף ימים ומידבריות . . . קומען קומט זי דאך אמאל ארויף: די אותיות־הקודש אליין הייבן זיך אין דער הייך. יעדע זאך ציט זיך צו איר שורש . . . און סוף־כל־סוף קומט אמאל די צײַט, דער אוויר ווערט ריין, עס הערן אויף די מניעות פון וואלקן און ווינטן, הייבן זיך אויף די אותיות פון דער תפילה ארויף, און פאלן אותיותווײַז פארן כיסא־הכבוד . . . פריער צי שפעטער — אבי זי קומט! און שטענדיק קומען דעריבער

סקופקע — מעטאלענער רינג בײַם הילצערנעם הענטל.
כראביע, גראף — ירושה־טיטול פון גרויסע פריצישע משפחות.
מתמר ועולה — גראד ארויף ווי א פאלמע (תמר).

תּפילות! און דאָס איז דער סוד פון "כּי הנה לא ינום ולא יישן" — שטענדיק פאַלן תּפילות פאַרן כּיסא־הכּבוד! מתנגדים האָבן אָפּגעדאַוונט, דאַוונען חסידים... דערנאָך קומען פאַרשפּעטיקטע... און טאָג און נאַכט גייען זיי, און מידת־הרחמים קאָן קיין אויג נישט צומאַכן... זי שטייט אויף דער וואַך!

עס טרעפט זיך אָבער, — זאָגט ער ווייטער, — אַ ייִד שטייט שמונה־עשׂרה, און האָט אין זינען קאָרן און ווייץ! די תּפילה, רחמנא־ליצלן ווערט שוין באַשווערט מיט גשמיות, מיט זעקער תּבואה, מיט גראָבע עסקים... און אַזאַ תּפילה קאָן שוין רחמנא ליצלן, קומען שפּעט: איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר! אַ נפש קומט אַרויף אויף יענער וועלט, שטעלט זיך פאַרן בית־דין של מעלה, דער קטיגור לייגט אַרויף אויף דער לינקער וואָגשאָל עבֿירות און עבֿירות, — גאַנצע פודן עבֿירות. און דער מליץ־יושר שטייט מיט ליידיקע הענט און האָט נישט וואָס אַרויפצולייגן. שרייט דער ייִד: "ריבונו של עולם, על כּל פּנים, געדאַוונט האָב איך דאָך!" איז אָבער נאָך זיין תּפילה נישט אָנגעקומען! און כּדי ער זאָל זען, אַז דאָס בית־דין איז אַ בית־דין־צדק, עפנט זיך אַ פענצטערל פון הימל. און מען הייסט אים אַראָפּקוקן... קוקט ער און זעט, ווי זיינע תּפילות וואַלגערן זיך, רחמנא ליצלן, אַרום ערגעץ אין אַ מושבֿ...

און אַז אַ ייִד האָט גאָר, רחמנא־לצלן, הירהורי עבֿירה ביים דאַוונען! און יעדע זאַך ציט צו איר שורש... נעמען די הירהורי עבֿירה און שלעפּן אַראָפּ די תּפילות אין שאול־תּחתּיה אַריין...

באַפאַלט אונדז אַלעמען אַ מרה־שחורה. וויל ער אונדז משׂמח זיין, זאָגט ער:

— איך קאָן אייך אָנזאָגן אַ בשׂורה טובֿה! איך האָב אַ ידיעה, אַז אונדזער סדר האָט זיך אין ערגעץ נישט פאַרהאַלטן, ער איז גלייך אַרויף. און מען האָט'ן דאָרט אָנגענומען מיט אַן אמתן סבֿר־פּנים־יפות! דער חד־גדיא מיטן נייעם ניגון איז גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן!

פאַלט אַריין, דער מגושם, און גיט אַ פרעג:

מושבֿ — אַנגעשמוצט אָרט.

— און מײַן סדר, רבי ?

פֿאַרקנײטשט ער, דער בעל־שם, דעם שטערן און ענטפֿערט :

— דײַן סדר איז נאָך נישט אָנגעקומען ! ער טראָגט זיך נאָך אַרום אין מײַן שטוב, ער וויל אַרײַן צו מיר אויף תיקון.

פֿרעגט ער, דער שוטה :

— ווען וועט איר אים אַרײַנלאָזן ? — ער גלויבט דאָך נישט.

ענטפֿערט ער אים געלאַסן :

— נאָך הבֿלה !

פֿון דער אײגענער מתנגדישער שטאָט איז געקומען אויף פּסח אַ מלמדל. געזאָגט האָט ער דאָרטן : ער פֿאָרט אַהײם צו דער פּלוניתטע. אַז דער קאָנסקיוואָלער עושר איז געקומען, האָט ער זיך פֿאַר אים באַהאַלטן און צום טיש נישט געקומען. אַ מגושמער מענטש, וועט ער אַהײם קומען און דערצײלן — וועט מען אים דעם חדר צונעמען און באָרד און פּאות אויסרײַסן. קומט ער, דאָס מלמדל נישט צום טיש, און זיצט אויף דער סטאַנציע, ביז דער קאָנסקיוואָלער וועט אָפּפֿאָרן. האָבן מיר אויף אים רחמנות, נעמט מען פֿאַר אים שירים, און מען טראָגט אים אויף דער סטאַנציע שירים מיט אַ פֿלעשל י״ש . . . פֿרעגן מיר דאָס מלמדל, ווי אַזוי דער אויפֿגעקומענער עושר איז זיך נוהג בײַם סדר. איז ער דאָך אויף אים בײז, זאָגט ער : דער שוואַרץ־יאָר ווײסט׳ן ! אַ מענטש, — דערצײלט ער, — וווינט הינטער דער שטאָט, עס זאָל אים נאָענט זײַן צו די פּריצים, ער זאָל פֿריער אַרויסקומען פֿאַר אַלע סוחרים. די וועלט וויל ער אײַנשלינגען ! איז ער מגדל־כּלבֿים, מען זאָל׳ן נישט באַגנבֿענען, קומט צו אים קײן ייִד נישט אַרײַן ! אַ טבֿע האָט ער, אַז שבת און יום־טובֿ נאָך מעריבֿ, זאָגט ער אָן דעם שמש, ער זאָל אים אַהײם שיקן צוויי־דרײַ אורחים. וואַרטן אויף זײ קאָן ער נישט, דער קאַלדאָן טראָגט׳ן ! אַנטלויפֿט ער

קאַלדאָן, קאָלטון — שגעון, צעדרײטקײַט.

אינמיטן "עלינו". אין דער התחלה האָט מען אים געשיקט. זײַנען די אורחים צוריק געקומען מיט צעריסענע מלבושים און צעביסענע; אַזוינע כלבים האָט ער; און שרײַ "חי וקים" — אַז טיר און לאָדן זײַנען פֿאַרמאַכט! האָט מען אים טאַקע אויפֿגעהערט צו שיקן. און ער טוט זיך זײַנס: שיקט, זאָגט ער, וויפֿל איר ווילט!

פֿאַר פּסח זאָגט ער נאָך: "כל דכפין ייתי ויכול"! עבֿרי קאָן ער!

הערן מיר אויס וואָס דאָס מלמדל דערציילט, און וואַרטן, וואָס דאָ וועט זײַן נאָך הבֿדלה. ווײַל דער בעל־שם האָט אונדז געהייסן קומען הערן די "הגדה" פֿון קאָנסקיוואָלער עושר.

און מיר האָבן זיך דערוואַרט. עס איז נאָך הבֿדלה. דער עולם איז דאָ, דער אויפֿגעקומענער עושר זיצט. ער וואַרט. עס פֿאַרדריסט'ן אַביסל, וואָס זײַן "הגדה" מוז זיך טליקען אַרום פֿרעמדע שטיבער; אַביסל אָבער גלויבט ער אין דער גאַנצער מעשׂה נישט. זיצט ער און שפּילט זיך מיטן גאָלדענעם שקעטעלע, און פּויקט אַרײַן דערינען, און וואַרטשעט: וועל'מיר זען, וועל'מיר זען...

מען האָט שוין אָפּגעזונגען זמירות. שטייט אויף דער בעל־שם און הייסט פֿאַרמאַכן די לאָדן און פֿאַרשליסן די טיר. ווערט דעם בעל־דבֿר אַביסל נישט היימלעך! הויבט ער זיך אויף און האָט חשק צו מאַכן פּיס. לאָזט מען אים נישט! נעמט אים עמיץ אָן פֿון הינטן און זעצט'ן צוריק אַראָפּ אויף דער באַנק, פֿאַלט ער אַראָפּ אויף דער באַנק ווי אַ סנאָפּ תּבֿואה. זיצט ער. הייסט נאָך דער בעל־שם אויסלעשן די ליכט. לעשט מען אויס די ליכט. און עס ווערט פֿינצטער. זיצט מען אַזוי אַ רגע אין דער פֿינצטער. זיץ איך לעבן דעם קאָנסקיוואָלער עושר, פֿיל איך, ווי ער ציטערט מיטן גאַנצן לײַב. רופֿט אים דער גבאי (אַפּנים דער בעל־שם האָט אים געהייסן):

— יאָקל קאָנסקיוואָלערס "הגדה", קום רײַן און לאָז דיך הערן!

און — זי לאָזט זיך הערן! מען דערקענט באַלד יאָקל קאָנסקיוואָלערס קול, נאָר עס איז אויסגעמישט מיט נאָך קולות! מיט קולות פֿון כלבים!

— עבדים היינו — האו, האו! לפרעה במצרים — האו, האו, האו! ייתי ויכול — האו, האו!

ווי מען האט צוריק אנגעצונדן די ליכט, איז שוין יאקל קאנסקיוואלער אין שטוב נישט געווען. און מער האט ער זיך נישט געוויזן.

———):(———

די תאווה צו קליידער

אין שעברשין, אונטער זאמאשץ, איז אמאל געווען א אשה. האט זי געהייסן באשע־גיטל; איז זי געווען פון זייער א שיינער משפחה, אן אמתע בת־טובים און א חסידס א ווייב. און דער חסיד, מיטן נאמען אלימלך, פלעגט זעלטן זיין אין דער היים. ווייל ערשטנס, איז ער א לייפסקער סוחר געווען, און, דאמאלטדיקע צייטן, איז א נסיעה קיין לייפסיק געווען מער, ווי היינט א נסיעה מעבר לים, קיין אמעריקע. און צווייטנס, פלעגט ער, כאטש איין מאל אין יאר, פארן צום לובלינער צדיק. פאלט איין דעם בעל־דבר צו באנוצן זיך מיט דער צייט, שאין האיש בביתו, וואס דער מאן איז נישטא אין דער היים, אנצוריידן באשע־גיטלען צו אן עבירה.

ווייסט ער אבער, אז צו קיין ג ר א ב ע ר עבירה צוריידן וועט ער זי נ י ש ט — ווייל באשע־גיטל איז באמת געווען א כשרע נשמה און א גרויסע בקיאה אין די ספרים הקדושים אויף עברי־טייטש; און א חוץ דעם, איז זי זייער און זייער געווארנט געווען אין די מצוות, אין וועלכע אן אשה ד א ר ף זיין געווארנט; איז ער זיך מיישב און וויל איר כאטש אריינברענגען א תאווה צו מלבושים מיט צירונג. ווארום דער חסיד אלימלך איז געווען א גרויסער עושר און פלעגט איר געבן ביד רחבה ומלאה אויף הויז־פירונג.

איך קומט דער בעל־דבר צו איר נישט פראָסט. ער ווייסט, זי וועט אים פשוט אויסלאַכן, חוכא וטלולא מאַכן; ווייסט זי דען נישט, אַז מלביש זיין און אויסצירן דאַרף מען די הייליקע נשמה, נישט דעם זינדיקן גוף, וואָס איז פאַרט נישט מער, ווי קיי און שפּיי; הייַנט רויט מאָרגן טויט . . . גייט ער, דער בעל־דבר, און פאַרשטעלט זיך פאַרן יצר־טוב, און נעמט זי איין מיט גוטע, פרומע און זיסע ריידעלעך. ער מיינט טאַקע לשם מצווה, לשם שמים . . . און לייגט, ווי זיין שטייגער איז, די שמדקייט אין דער יראה אַריין.

— אָט גייט, — זאָגט ער, — אַ הייליקער יום־טוב פּסח, זכר ליציאת מצרים, און זיין ליבער נאָמען האָט דיך געבענטשט מיט אַלעם גוטן, איז, באַשע־גיטל, אַ יושר, זאָלסט לכבוד דעם הייליקן יום־טוב, באַנייען אַ מלבוש! עס איז אי אַ יושר, אי אַ מצווה: דער שנייַדער וועט פאַרדינען אויף פּסח, און דו וועסט מקיים זיין ושמחת בחגך! וואָס, ניין?

וויל באַשע־גיטל האָבן אַ ישוב. דערמאָנט ער זי, אַז די בני־ישראל, אײדער זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָבן זיי זיך געבאָרגט טייַערע כלים, מלבושים און צירונג. צו וואָס? רוימט ער איר איין: טאַקע לכבוד יום־טוב! לייגט זיך עס איר אויף דער דעה, באַקט זי אַביסל ווייניקער מצות, גרייט זי אָן אַ קלענערן כיבוד, גיט אַביסל ווייניקער מעות־חיטים און מאַכט זיך אַ ניי בגד מיט אַ זילבערנעם שלאַק. שבועות, — זאָגט ער איר, — איז נאָך אַ גרעסערער יום־טוב, מתן־תורה! קויפט זי זיך נייַע פּערל. עס גייט צו סוכות, לאָזט זי זיך איבערמאַכן דאָס שטערנטיכל, איבערנייען דאָס ברוסט־טיכל און קויפט צו אַ פּאָר בריליאַנטלעך צו די אויררינגלעך . . . דערנאָך זאָגט ער איר, אַז זי איז נישט יוצא קעגן שבת־קודש, ווייַל שבת־קודש איז גרעסער פאַרן גרעסטן יום־טוב, — פאָלגט זי, און באַמיט זיך אויף יעדן שבת־קודש אויך עפּעס צו באַנייַען, כאָטש אַ קליינינקייט — אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ, אַ פישו! ראש־השנה און הושענא־רבה, — ווי קויפט מען עס נישט קיין נייַע ווייַסע אָדער העל־בלויע בענדער? און פּורים איז אויך אַ יום־טוב, חנוכה אוודאי; אַ שפּאַס, אַ נס, וואָס עס איז געשען! דערנאָך קומט חמישה־עשר־בשבט, ל״ג בעומר . . . כאָטש אין גלות, קיין ימים־טובים פעלן נישט.

היינט, אז דער מאַן דאַרף אַהיים קומען, איז דאָך אוודאי אַ מצווה, זיך אויסצופוצן אין עסיק און אין האָניק, — אַ אשה כשרה, אַ יידישע טאָכטער ברויכט נושא־חן זיין ביים מאַן אין די אויגן . . .
און בנוגע צו צירונג, האָט ער, דער יצר־הרע, באַזונדערע טענות : באַשע־גיטל פלעגט אַמאָל האָבן אַ שווער טראָגן, זאָל זי זיך קויפן אַ שנירל רובינדלעך; דאָס איז דאָך, כידוע, אַ גרויסע סגולה אויף לייכט טראָגן. אויך — עטלעכע אַסמיראַגדלעך, דאָס, ווייסטו דאָך, איז אַ פּרוביר שטיין פאַר דער נשמה; וואָרום, ווער עס טראָגט אַזאַ שטיין און איז, חס ושלום, מזנה, פּלאַצט ער, דער שטיין; און האָט מען נאָר אַ שלעכטע מחשבה, פאַרטונקלט ער זיך כידוע . . . וועט זי ניכשל ווערן אין אַ שלעכטער מחשבה וועט זי וויסן תיכף ומיד תשובה צו טאָן! היינט איז דאָך איר מאַן אלימלך גאַנצע חדשים אונטערוועגס, און עס קומט איר אוים צו מאַכן חשבונות מיט סוחרים, פאַרוואָס זאָל זי נישט האָבן אויף זיך עטלעכע סאַפּירלעך, וואָס העלפן צו חכמה ? באַשע־גיטל איז טאַקע אַ חכמה אַזוי אויך, אָבער וואָס מער איז אוודאי געזינטער ! און אַזוי אַנדערע שטיינער מיט אַנדערע סגולות. און דער עיקר דער שטיין פּירט, וואָס זי דאַרף טראָגן, ווען דער מאַן איז דער דער היים,ווייל דער אבן־טוב גיט חן אין די אויגן, און מען ווערט זייער געליבט, אַז מען טראָגט אים . . .

מיט איין וואָרט, ער האָט זי אַרויפגעפירט אויף אַ וועג — זאָל גאָט שומר ומציל זיין ! זי האָט, וואָס גאָט גיט אַ טאָג, אַלץ מער געזונקען און געזונקען אין דער תאווה. און אַז דער בעל־דבר האָט געזען, אַז ער איז זי שוין ביי־געקומען, אַז זי איז שוין אין דער בחינה פון אַ גוט געשליידערטן שטיין, וואָס לויפט שוין אליין באַרג אַראָפּ מיטן כוח פון ערשטן שטוים, נעמט ער און שטעלט זיך שוין אַוועק אָן אַ זייט, און זי טוט זיך שוין אליין אירס, און איז מקמץ אין צדקה, קאַרגט זיך און די קינדערלעך דעם ביסן אין מויל אַריין; די יינגלעך גיט זי איבער צו ערגערע מלמדים, אבי עס זאָל ביליקער קאָסטן, און לייגט דעם גאַנצן ״האָב און גאָב״ אין מלבושים און תכשיטים אַריין !

איז איר נאָך ווייניק, נעמט זי און שאַפט־אָפּ די דינסט, וואָס זי האָט געהאַלטן, און שלאָגט איר אַריין אין חשבון אַלע שאָדנס וואָס זיינען געווען אין שטוב, י אַ שולדיק, נ י ש ט שולדיק, און נעמט

צו, מכלומרשט פֿאַר רחמנות, אַן אָרעמע יונגע יתומה, אַן אויסגעהונגערט קינד, אירס אַ נאָנטע קרובֿה אַפֿילו, און זאָגט איר, אַז קיין שכירות וועט זי איר נישט באַצאָלן; נאָר דערפֿאַר, אַז עס וועט קומען די צײַט, און עס וועט זיך טרעפֿן איר זיווג, וועט זי איר געבן נדן און מתנות, און פֿון זיך אַראָפּ עטלעכע קליידער, און וועט זי אַליין פֿירן צו דער חופּה און אָנטקעגן טאַנצן מיט אַ קוילעטש . . . און נעמט דערווײַל, דאָס שכירות פֿון דער יתומה און גיט אויס אויף איר תאווה . . .

דער מאַן אירער, דער חסיד אלימלך, האָט, פֿאַרשטייט זיך, פֿון דעם אַלעם נישט געוווּסט, און אַזוי איז אַריבער געגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר, ביז באַשערגיטל איז קראַנק געוואָרן און האָט נישט געקאָנט רירן מיט אַ פֿוס.

זען זעט אויס, אַז עס איז מן השמים געווען, אַז מען האָט זי געוואָלט ראַטעווען, און דעריבער טאַקע האָט קיין שום רופֿא אויף דער וועלט זיך אויף דער קרענק נישט פֿאַרשטאַנען, וואָרום אַזוי אין כּליות איז זי אויפֿן גאַנצן לײַב געזונט און פֿריש געווען; כּאחד האדם, געשלאָפֿן, געגעסן, אַלץ, אַלץ! און אַפֿילו אויף די פֿיס האָט זי קיין ווונד, קיין פֿלעק, אַפֿילו קיין שפּרענקעלע נישט געהאַט, נאָר רירן זיך האָבן זיי זיך נישט געוואָלט, בשום־אופֿן נישט!

דאַכט זיך, עס איז די בעסטע צײַט, אויסגעהיילט צו ווערן פֿון דער תאווה? אַז אַ ייִדענע קומט נישט, נישט אין גאַס אַרײַן, נישט אין שול אַרײַן, ליגט אין דער היים נאָכאַנאַנד, — וואָס טויג איר קליידער און צירונג? פֿאַר די פֿיר ווענט?

איז אָבער די תאווה אין איר אַזוי שוין אײַנגעוואָרצלט געווען, אַז זי ריכט זיך אַלץ איינס, הײַנט־מאָרגן אויפֿצושטיין פֿון בעט און מאַכט אַלץ נײַע און נײַע קליידער, און קויפֿט אַלץ, וואָס מען ברענגט איר אין שטוב אַרײַן; און דערווײַל הייסט זי זיך אַ פּאָר מאָל אין וואָך אויסלייגן די קליידער מיט דער צירונג אויף שטולן און בענק פֿאַרן בעט, און זי ליגט אַזוי און קוקט, און שעפּט נחת דערפֿון . . . וואָס קלערט איר, די אָרעמע יתומה האָט געאַרבעט דערבײַ עבֿודת־פּרך . . .

איינמאָל מען לייגט איר אוים די קליידער, דערזעט זי פּלוצלונג אַז אירע שענסטע מלבושים, די סאַמעטענע און זיַידענע, זיַינען אויסגעפּלעקט, אויסגעשמירט פון אַלערליי מאכלים און משקאות, און אויף טייל ערטער — נאָך פאַרטשעפּעט און צעריסן. מאַכט זי אַ גוואַלד, אַז עס קומען זיך שכנים און שכנות צולויפן אויף איר געשריי און מען זעט די צרה און עס בלײַבט במוסכם כולם, אַז קיינער איז אין דעם נישט שולדיק, נאָר די יתומה. אַז דאָס "שטילע וואַסערל", מיטן יראת־שמים פּנימל, וואָס מען הערט נישט איר קול אַ גאַנצן טאָג, וואָס קומט נישט, אויסער אַז זי גייט אין שליחות, אין גאַס אריַין, — אַז "דאָס שטילע וואַסערל ריַיסט די ברעגעס", און טוט זיך בײַנאַכט אָן דער בעל־הביתטעס קליידער, און גנבעט זיך אַרויס, און גייט אין די גוטע היַיזער, ווו מען פרעסט און זויפט און מען טוט אַלדאָס בייז ... אַ קשיא אויף היַינטיקע ציַיטן! — וואָרום דעמאָלט פלעגט מען אויך זאָגן "היַינטיקע ציַיטן", אפנים, אַז די וועלט ווערט וואָס אַמאָל ערגער! — נעמט מען די יתומה, וואָס וויל זיך נישט מודה זיַין, און מען זידלט זי מיט אַזוינע ווערטער, וואָס מען דאַרף פאַרן מויל נישט ברענגען, בפרט שריַיבן, און מען שלאָגט זי און מען הרגעט זי. דערנאָך פירט מען זי צום רב, און מען זאָגט עדות אַזוי און אַזוי, אַז קיינער נישט נאָר זי; והא ראיה — זי זעט אַזוי דאַר און מאָגער אויס, בײַ אַזאַ גוטס, בײַ אַזאַ גבירה, בײַ אַ קרובה ... על־כן מוז זיַין, אַז זי שלאָפט נישט גאַנצע נעכט און טרינקט און זויפט און טוט כל העבירות שבעולם ... נעמט מען די יתומה און מען גאָלט איר אָפּ דעם קאָפּ, מען זאָל זי מיאוס מאַכן, עס זאָל שוין קיינער אין איר נישט ניכשל ווערן און מען טריַיבט זי אַרויס פון שטאָט, מיט אַ געלויפעריַי און אַ געפּיַיפעריַי, ווי דאַמאָלט דער שטייגער איז געווען.

אין דער ציַיט איז דער חסיד אין דער היים נישט געווען, ער איז געזעסן אין לובלין בײַם צדיק און האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן בשום אופן באשר בכן — ער מוז אים געבן אַ רפואה שלימה פאַר באַשערגיטל זײַן ווײַב.

זאָגט אים דער צדיק: ווייסטו וואָס? פאָר אַהיים און קום

צוריק מיט דער פלוניתטע. דער מיין פון די ווערטער איז געווען אזוי: דער צדיק האט שוין א פאר מאל מתפלל געווען פאר דער אשה און עס האט נישט געהאלפן און דערצו איז דער לובלינער נישט געווינט געווען. ערגער נאך — טיילמאלם האט ער געפילט, אז מען נעמט דארט די תפילה און מען ווארפט זי אים צוריק אראפ אין קאפ אריין. האט ער פארשטאנען, אז עס מוז זיין א גרויסע מניעה, א שטארקער קיטרוג וועגן א גרויסן חטא. א פאר מאל האט ער דארט געפרעגט: ווי הייסט? האט מען אים פשוט נישט געענטפערט! מוז שוין זיין גאר א טיפער ענין, א מיאוסע זאך, וואס מען וויל נישט ברענגען איבערן מויל... און דער חסיד אלימלך ווייסט פון גארנישט! און אזוי ווי דער לובלינער צדיק איז געווען א גרויסער בקי אין חכמת־הפרצוף, האט ער זי געוואלט זען עין־בעין... וועט ער שוין זען, וואס ביי דער אשה איז אויפגעשריבן אויפן שטערן.

פארט אלימלך דער חסיד אהיים, און דינגט א גרויסע בויד, און בעט אוים די בויד ווי א בעט: אונטן שטרוי, אויבן שטרוי — כרים וכסתות. און מען פארט מיט צוויי פאר פערד אין דער ברייט קיין לובלין.

אין איזשביצע, אין קראסנאסטאוו און נאך ערגעץ אין א שטעטל ווארטן גרייט פרישע פערד צום איבערשפאנען, ווייל מען קאן נישט נעכטיקן מיט דער חולנית אויפן וועג, און מען וויל אנקומען קיין לובלין בכי טוב.

פארט מען. נאך דער לעצטער סטאנציע אבער פאלט פלוצלונג אראפ א שניי, פארלירט מען דעם וועג, פארבלאנדזשעט מען אין א וואלד, נישט אוים נישט איין, און עס פאלט צו די נאכט — כאטש נעם די אויגן אין די הענט און זוך א וועג: קיין לבנה, קיין שטערן... טראכט מען, מען וועט בלייבן שטיין און אפווארטן ביז טאג, איז אבער די שרעק גרוים פאר גזלנים מיט חיות רעות, ווייל דאמאלט איז נאך געווען סאמע געדיכטער וואלד אין דער געגנט. ביימער עד לב השמים און צוזאמענגעפלאכטענע צווייגן. אז ביי טאג איז חושך געווען, האבן זיך טאקע געהאלטן דארט גזלנים און חיות רעות, און ביי נאכט איז גאר געווען סכנת נפשות.

ראַפּטום װערן זײ דערפֿרײט. פֿון דער װײַטנס האָט זיך פּלוצלונג באַװיזן אַ פֿײַערל און דאָס פֿײַערל װאַקסט, און עס באַװײַזט זיך אַ צװײט און אַ דריט פֿײַערל — אַ סימן, אַז נישט װײַט מוז זײַן אַ קרעטשמע. פֿאָרט מען צו דעם פֿײַערל. מען פֿאָרט אַזױ, דערהערט מען כלי־זמר שפּילן, און אױך אַ גרױס געלעכטער; קומט מען נענטער — הערט מען אַ געטופּערײַ, מען זינגט, מען שפּילט און מען טאַנצט אין קרעטשמע! באַלד האָט זיך די קרעטשמע אַלײן אױך באַװיזן — עס פֿלאַקערן די שױבן. װאָס קאָן זײַן די שׂמחה? מן הסתם זײַנען זיך פּריצים צוזאַמענגעקומען און מען הוליעט אױפֿן פּריצישן אופֿן! עס איז אַפֿילו אַ סכּנה צוזאַמענצוטרעפֿן זיך מיט אַזױנע לײַט בשעת חדוותא, נאָר אַלץ בעסער, װי מיט חיות אָדער גזלנים אין װאַלד! פֿאַרפֿאָרט מען פֿאַר דער קרעטשמע, הערט מען שױן בעסער: עס איז נישט קײן פּריצים, די כלי־זמרים שפּילן ייִדישע זאַכן, אַלערלײ שטײגערס... און אַ מאַרשאַליק איז משׂמח דעם עולם מיט גראַמען און רופֿט אױס צו כּלה־טאַנץ!.. װאָס זאָל איך אײַך זאָגן, דעם חסיד מיט דעם בעל־עגלה איז פֿינצטער געװאָרן אין די אױגן, די מוטערס מילך איז אין זײ גערונען געװאָרן! זײ האָבן באַלד פֿאַרשטאַנען אַז דאָס זײַנען יענע לײַט, װאָס פֿלעגן יענע צײַטן, אײדער מען האָט אױסגעהאַקט די װעלדער, שפּילן חתונות אין פֿאַרװיסטע קרעטשמעס... זאָגט אלימלך צו זײַן װײַב באַשע־גיטל:

הער, באַשע־גיטל, מיר זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין מיאוסע הענט... געדענק־זשע, למען־השם, אַז מען טאָר זײ נישט ענטפֿערן, נישט אָננעמען פֿון זײ קײן כּיבוד אַפֿילו נישט חס־ושלום, פֿאַרזוכן, װײַל מען װערט באַלד ניזוק. באַשע־גיטל ליגט נישט טױט, נישט לעבעדיק און שאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי װײסט... און געװוּסט האָט זי טאַקע, פֿון די ספֿרים הקדושים אין עבֿרי־טײַטש.

דערװײַל שיטן זיך אַרױס פֿון קרעטשמע די מחותּנים מיט די מחותּנתטעס, מיטן בדחן, מיט די כלי־זמרים, מיט ברענענדיקע שטורקאַצן און רינגלען אַרום די בױד, און הױבן אױף דעם דעק, און הײסן זיך זאָגן "מזל־טובֿ". און פֿאַרבעטן אין קרעטשמע אַרײַן אױף דער חתונה... מחותּנים בעטן, מחותּנתטעס, און חתן־כּלה קומען

מאַרשאַליק — בדחן.

איך צו און בעטן מיט שיינע רייד, מען זאָל זיי נישט פאַרשעמען, און דער בדחן זאָגט גראַמען און גלייך־ווערטלעך, און די מוזיק שפּילט צו, אַז עס הילכט אין גאַנצן וואַלד, און משרתים און סאַרווערס טראָגן אַרום אויף זילבערנע טעצלעך אין קרישטאָלענע און גאָלדענע כוסות אַלערליי משקה און אַלערליי לעקעך און טאָרטן, און מען שטופּט זיי צום מויל צו: נאַט, מאַכט ברכה, זייט אייך משמח!

און זיי ענטפערן נישט אַ וואָרט.

פלוצלונג אָבער גיט באַשע־גיטל אַ קוק, דערזעט זי, אַז די נשים פון דער חבריה, די כלה, די מחותנתטעס און אַזוי נשים־געסט, טראָגן אירע בעסטע סאַמעטענע און זיידענע קליידער, און פאַרגיסן זיי מיט משקה, פאַרשמוצן מיט אַלערליי עסנוואַרג, און פאַרטשעפּען אָן וואָגן . . . באַפאַלט זי אַ גרייליכער האַרץ־ווייטיק, און קאָן זיך נישט איינהאַלטן און גיט אַ געשריי:

— רוצחים, גזלנים, מיין פראַצע, מיינע קליידער!

מער האָט זי נישט געדאַרפט; מען האָט זי קוים דערפירט קיין לובלין. אויפן גאַנצן וועג האָט זי געחלשט און געחלשט און געחלשט, און דאָס מויל, רחמנא־ליצלן, האָט זיך איר אויסגעקרימט. נוטה למות איז זי געוואָרן . . .

מען האָט זי קוים אַ לעבעדיקע אַריינגעפירט צום רבין, און ער האָט באַלד פאַרשטאַנען די זאַך, און האָט געזאָגט דעם עולם, מען זאָל זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר, וואָרום אַ יידישע טאָכטער, אויב זי מאַכט זיך נייע מלבושים, דאַרף זי די אַלטע צעטיילן אָרעמע לייט, בפרט טאָר מען זיך נישט מאַכן קיין קליידער, וואָס מען קאָן נישט טראָגן, וואָרים, אַז עס הענגען אין אַלמער קליידער, וואָס מען נוצט נישט, קומען ביינאַכט יענע לייט און נעמען זיי אַרויס און טוען זיך אָן די קליידער און טאַנצן אין זיי אויף זייערע שמחות און חתונות . . .

ווי באַשע־גיטל האָט דאָס דערהערט, האָט זי מצדיק געווען אויף זיך דעם דין, און אָנגענומען פאַר ליב דעם טויט, און האָט נאָר געבעטן, ער זאָל אויף איר מכפּר זיין! און דאָס האָט איר דער צדיק צוגעזאָגט!

נאָנט פֿאַר דער פּטירה, האָט זי צוגערופֿן איר מאַן, דעם חסיד אלימלך, און האָט אים דערציילט די מעשׂה מיט דער יתומה, און גענומען ביי אים אַ האַנט תּקיעת־כּף, אַז ער וועט זי אויפֿזוכן, און נעמען זי פֿאַר אַ מאַמע צו זיינע קינדער, כּדי מען זאָל איר מוחל זיין דעם חטא קעגן איר . . .

און דער חסיד אלימלך האָט געטאָן איר בקשה, און באַלד נאָך שבֿעה אויפֿגעזוכט די יתומה און האָט מיט איר חתונה געהאַט, און זי איז געוועזן אַ מאַמע צו זיינע קינדער, די יתומים, און זיי זיינען נאָך זוכה געוועזן צו האָבן נייע קינדער, און האָבן זיי מגדל געוועזן לתורה, לחופּה ולמעשׂים טובֿים.

אויף אַלע ייִדן געזאָגט !

————):(————

1

ביים גוסס צוקאפנס

דער

שמש פון גן־עדן — אַ ליכטיקער מלאך — אַן אָפּגלאַנץ פון זײַן ליבן נאָמענס שטראַלנדיקער גענאָד, קומט אײנמאָל פאַרנאַכט פון גן־עדן אַרויס און עפנט, צערודערט און פאַרזאָרגט, אַ פענצטערל פון הימל, בויגט אַרויס דעם שטראַלנדיקן קאָפּ און ווענדט זיך מיט אַ טרויעריקער, ציטערדיקער שטימע צו דער אונטערגײענדיקער זון און פרעגט :

— ווייסטו ניט, זון, וואָס בײַ לייבל קאָנסקיוואָלער טוט זיך ?

די זון שווײַגט; זי ווייסט נישט.

נאָך אומרויִקער ציט דער מלאך זײַן שטראַלנדיקן קאָפּ צוריק.

און נישט אומזיסט איז אומרויִק דער מלאך.

שוין מכמה וכמה שנים רוישן צוויי מאָל אין טאָג אַלע זיבן הימלען מיט לייבל קאָנסקיוואָלערס "שמע־ישׂראל"...

ווי אַ זילבערנער שרויט צעשיט זיך זײַן "אח — — — ד" צופוסנס בײַם כיסא הכבוד ... און עס קאָלערט זיך דער "אחד" און זשומט, און ברומט, און זידט, ווי אַ מחנה זומער־פייגעלעך, וואָס גלוסט און

בענקט צו דער פלאם. ווערט צוגעצויגן צו איר און בריט זיך און ברענט אין איר מיטן גרעסטן תענוג פון "יסורים של אהבה"...

דאס לעצטע מאל האט ער אים צו שחרית געהערט.

צו מנחה האט ער שוין געפעלט!

אין בעט און לויב-געזאנג פון אלע וועלטן איז דעריבער א פגימה געווען...

אין ארקעסטער איז פלוצלונג שטיל געווארן א כלי; א סטרונע ביי אן ערשטער פידל האט געפלאצט און איז פארשטומט געווארן.

צי האט לייבל קאנסקיוואלער פארגעסן צו דאוונען מינחה?

וועט ער זאגן צוויי שמונה-עשרהס ביי מעריב?

נידעריקער לאזט זיך דערווייל אראפ די זון. די שטיל באהאלטענע שאטנס קריגן רשות, ארויסצוקומען פון זייערע באהעלטענישן, — און זיי קריכן ארוים פון די שפאלטן אין די פעלדזן ביי ימים, פון גריבער און היילן אין וויסטע מידבריות, פון אונטער ביימער און צווישן צווייגן און בלעטער אין די טיפסטע וועלדער... און זיי פארשפרייטן זיך איבערן ישוב און פלעכטן זיך ארום און ארום.

און אט איז אראפ די זון אינגאנצן. לבנה און שטערן בלאנקען שטיל-שווייגנדיק אויף און נעמען איבער די ממשלה איבער דער וועלט אויף איבער נאכט... און זיי שפינען און וועבן זייער פארכישופט שפינוועבס — א זילבער-דינע נעץ איבער דער פארמאטערטער ערד.

און גלייך מיט דער זון איז איבערן הימל פארזונקען געווארן די חיה מיט דער אויפשריפט "אמת" אויפן שטערן, און צוזאמען מיט דער לבנה איז ארויסגעשוואומען פון דער צווייטער זייט די חיה מיט דער זילבערנער טרעסט אויפן שטערן און מיט דער אויפשריפט "אמונה"...

און באלד עפענען זיך שטיל-שווייגנדיק די טויערן פון הימל, און לאזן אריין גאנצע מחנות נשמות פון איינגעשלאפענע מענטשן, וואס קומען נאכט אויף נאכט ארויף און פארשרייבן אין די הייליקע ביכער ווי אזוי עס האט זיך אפגעלעבט דער טאג...

און עס סקריפּען די פּעדערס, און עס רוישן מיליאָנען־מיליאַסן פּליגל, טייל ווייסע ווי שניי, ס׳רוב גרויע און פֿאַרפּלעקטע, מאַנכע אויך רויט פֿאַרבלוטיקטע . . .

און אַלע זיבן הימלען ווערן פֿול מיט אַ געמישטן גערויש פֿון געבעט, חרטה, בענקעניש, ליבשאַפֿט, האָפֿענונג און שרעק . . . און פּלוצלונג בלייבט אַלץ ווי פֿאַרשטאַרט.

אַרום כּסא־הכּבֿוד וויקלט זיך שטיל אַ זילבערנער נעפּל, וויקלט זיך און וויקלט זיך און ווערט טונקעלער און טונקעלער . . .

און פֿון הינטער דעם נעפּל הערט זיך אַ ברומען פֿון אַ טויב:

"ווײ איז מיר, וואָס איך האָב חרובֿ געמאַכט מײַן הויז . . .

"וואָס איך האָב פֿאַרברענט מײַן פּאַלאַץ . . .

"וואָס איך האָב פֿאַרטריבן מײַן זון, מײַן אײנציקן זון" . . .

און אַ שוידער פֿון רחמנות גייט דורך אַלע זיבן הימלען . . .

און עס ווערט ווײַטער שטיל, אַלץ האָט זײַן אָטעם פֿאַרהאַלטן, וואַרטנדיק ווי אויף אַ נס, אויף עפּעס אַ וווּנדער, אויף אַ בשׂורה אַ נײַע . . .

עס איז אָבער גאָרנישט געשען . . .

עס דערהערט זיך פֿון אונטן אַ קול — עס קרייט דער האָן.

פֿון כּסא הכּבֿוד גייט אָפּ דער נעפּל, דער פֿאַרכישופֿטער שוידער פּלאַצט און צערינט . . . עס עפֿענען זיך ווײַטער די פֿענצטער פֿון הימל, די נשמות פֿליען צוריק אַרויס . . . מלאכים מיט בריליאַנטענע פֿלעדערוווישן יאָגן אַרום די פֿאַרשפּעטיקטע, די פֿאַרציטערטע, פֿאַרוויינטע און טיף דערשראָקענע . . .

עס דויערט נישט לאַנג און מען הערט ווי מען קלאַפּט אונטן צו חצות . . .

באַלד הויבט אָן בלאַס און בלאַסער צו ווערן דער צייכן "אמונה" אויף דער זילבערנער טרעסט, אַ דינער, רויטלעכער שטראַל העקט זיך פֿון מיזרח זײַט . . .

דער גן־עדן שמש וועקט זיך ווי פון א טיפן חלום, גייט צו און עפנט נאך אמאל א פענצטערל אין הימל, בויגט ארויס דעם קאפ און רופט, פרעגנדיק:

— לבנת און שטערן, איידער איר פארשווינדט, צי קענט איר מיר נישט זאגן, וואס עס האט מיט לייבל קאנסקיוואלער פאסירט?

און דאמאלט האט זיך גאלדן־צעפלאקערט א קליין שטערנדל פון ווייטן, איז צוגעשווומען צום פענצטערל, און האט געענטפערט:

— איך ווייס, ליכטיקער מלאך!

איך בין דורך קאנסקיוואלע געשווומען און האב אין זיין פענצטערל אריינגעקוקט... ער שטארבט, לייבל קאנסקיוואלער... אן אלטער מאן... זיין ווייסע באָרד איבער דער קאלדרע בלאנקט ווי ריין זילבער... נאר דאס פנים איז איינגעשרומפן און געל... איך האב געזען ווי מען האט אים א פעדער אונטער די נאזלעכער געלייגט; איך האב אבער ניט געזען זי זאל זיך רירן.

און דער מלאך, דער שמש פון גן־עדן, האט ביי קיינעם קיין רשות נישט גענומען, על דעת עצמו איז ער אראפגעשאסן אויף דער ערד נאך לייבל קאנסקיוואלערס נשמה.

עס וועט אן אומגעריכטע פרייד זיין אין גן־עדן. אזוי האט ער געטראכט.

פלינק פליען מלאכים, נאר — די שווארצע ווי די ווייסע...

און אז דער ליכטיקער מלאך איז אראפגעקומען, האט ער שוין געטראפן א פינצטערן מלאך ביים גוסס צוקאפנס...

צי איז ער, דער פינצטערער, פריער ארויס, צי האט ער צו אונדז א קירצערן וועג? ווער ווייסט?

— וואס טוסטו דא? — וווּנדערט זיך דער ליכטיקער מלאך דערשראקן, — עס איז דאך לייבל קאנסקיוואלער!

— איז וואָס ? — לאַכט דער שוואַרצער. און צוויי שורות ווײַסע ציין בליצן אים אַרויס פֿון אויסגעקרימטן מויל . . .

— דאָס איז מײַן נשמה ! איך בין שמש פֿון גן־עדן.

— זייער אָנגענעם ! — מאַכט דער שוואַרצער אַ העוויה, — איך בין נאָר אַ לאַפּיטוט פֿון גיהנום, נאָר לאָמיר זען !

און ער גיט אַ שאַר מיט אַ פֿוס אונטערן קראַנקנס בעט, און עס רוקט זיך אַרויס אַ פֿאַרבונדענער זאַק.

— וואָס ליגט דאָ אין זאַק ?

— טלית ותפֿילין, — וויל דער גוטער מלאך טרעפֿן.

— אונטערן בעט באַהאַלטן ? עבֿירות באַהאַלט מען.

און ער בויגט זיך אַראָפּ צום זאַק און בינדט אים אויף, און עפֿנט אים, און דערלאַנגט אים אַ שטויס מיטן פֿוס — אַ גאָלדענער גלאַנץ וואַרפֿט זיך איבער דער שטוב, אַ גאָלדענער קלאַנג לויפֿט אים נאָך — גאָלדענע רענדלעך שיטן זיך אויס . . .

— גנבֿה־געלט, גזלה־געלט ! — רופֿט אויס דער שוואַרצער מלאך, אויסגענאַרט בײַ נישט קלוגע, גערויבט בײַ אַלמנות, געגזלט בײַ יתומים, פֿון צדקה פּושקעס אַרויסגענומען . . . מיט בלוטיקע טרערן זײַנען זיי געוואַשן און האַרציקע בלוט־פֿלעקן קלעפּן אָן זיי . . . און זע, ווי ער וועקט זיך, אַז מען רירט זײַן גאָלד !

מיט פֿאַרשלאָסענע אויגן וואַרפֿט זיך דער גוסס . . .

פֿאַרציטערט בלײַבט דער ווײַסער מלאך און פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט דער ערשטער פּאָר פֿליגל . . . דורך אַ שפּאַלט פֿון לאָדן רײַסט זיך אַרײַן אַ שטראַל פֿון דער מאָרגנדיקער זון, ער פֿאַלט איבערן גוססעס ברעמען — זיי ציטערן.

צום לעצטן מאָל עפֿנט ער האַלב די אויגן אויף :

— ווער איז דאָ ? — פֿרעגן די פֿאַרשווימטע, פֿאַרגעלטע ליפּן מיט אַ שאָרך פֿון אַ פֿאַרפֿוילטן בלאַט . . .

— איך ! — ענטפערט דער שלעכטער מלאך, — איך, וואס איך בין נאך דיין נשמה געקומען . . . קום !

— וווּ אהין ?

— אין גיהנום אריין !

פאר שרעק פאלן דעם גוסס צוריק די אויגן צו.

— בעט, בעט גאט ! — רופט דער גוטער מלאך. — טו תשובה . . . עס איז נאך צייט . . . זיי מפקיר דיין געלד . . .

— שמע . . . — הויבט דער גוסס אן.

— ער וועט ניט מפקיר זיין ! — זאגט דער שלעכטער מלאך און לייגט זיין שווערן, שווארצן פליגל איבערן גוססעס פנים, און אונטערן פליגל ווערט דער קול צוזאמען מיטן גוסס דערשטיקט.

דער ווייסער מלאך רוקט זיך צוריק אפ פארשעמט.

2.

אין א פינצטערער, פארגאסענער האלבער נאכט, צווישן גערויש, געשריי און געפילדער אין גיהנום, שניידט זיך דורך א שארף־שניידנדיקער באפעל :

— נחמנקע פון זבארזש גייט אוים . . . ער פלעגט זיך שניידן די נעגל נישט איבערגעהיפערט, אוועקווארפן . . . נישט איינמאל פארגעסן מינחה צו דאווענען, — ווער גייט נאך זיין נשמה ?

— איך ! — רופט זיך אן א מלאך־חבלה.

— גרייט דערווייל צו א קאכעדיקן קעסל סמאלע.

ער שפרינגט אונטער און פליט ארוים פון גיהנום . . .

געשווינד פליען שלעכטע מלאכים, צום גליק אבער גוטע אויך; די גוטע זיינען אפשר ווייטער פון אונדז, נאר דאס גרעסטע רחמנות טראגט זיי . . .

און אַז דער מלאך־חבלה איז צום קראַנקנס בעט געקומען, האָט ער שוין צוקאָפּנס אַ ווייסן, גוטן מלאך געטראָפן. ער איז געזעסן און האָט געטרייסט:

— שרעק זיך נישט, אָרעמער מענטש, פאַרן טויט... עס איז נאָר אַ בריק, אַ קורצע גרעניץ צווישן פינצטערקייט און ליכט... פון זאָרג און אומרו, אַן איבערגאַנג צו רו און גליק.

נאָר דער קראַנקער, דוכט זיך, הערט נישט; ער איז פאַרטראַכט, און די פלאַמענדיקע אויגן בלאַנדזשען אַרום אויף די ווענט...

און דער שוואַרצער מלאך בלייבט שטיין ביי דער טיר און קוקט פאַרוואונדערט...

— האָסט נישט קיין טעות, חבר? — פרעגט ער דעם ליכטיקן מלאך.

— ניין! — ענטפערט דער גוטער, — איך בין געשיקט געוואָרן נאָך דער נשמה, נאָך דער ריינער, באָרמהאַרציקער נשמה; דו קאָנסט איבער איר קיין שליטה נישט האָבן!

— ער האָט נישט על־פּי דין די נעגל געשניטן!..

— איך ווייס, — האַקט אים איבער דער גוטער מלאך, — נאָר דערפאַר קיין איינציקע רגע פאַר זיך נישט געלעבט... נאָר פאַר שוואַכע און קראַנקע, פאַר אלמנות און יתומים, פאַר פאַרפינצטערטע, פאַרוואָגלטע, פאַרמאַטערטע...

— ביי אונדז אין בוך איז פאַרשריבן, וויפל מאָל ער האָט מינחה פאַרפעלט...

— נאָר קיינמאָל נישט פאַרפעלט, ווען מען האָט געדאַרפט עמיצן העלפן. קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו טרייסטן, צו האַרציקן און צו קרעפטיקן דאָרט, וווּ די פליגל זיינען אַראָפּגעפאַלן מיד, וווּ די גאַל האָט געזאָלט די ריינסטע נשמה פאַרגיסן, וווּ די לעצטע האָפענונג האָט זיך געדאַכט, איז פאַרשוווּנדן... ער האָט זיך קיין הויז נישט געבויט... דאָס דאַך איבערן קאָפּ נישט פאַרריכט, זיין בעט זיך נישט ווייך געבעט, קיין ליבשאַפט ביי קיין פרוי נישט געזוכט, אויף

קיין נחת פון קינדער נישט געהאַפּט... נאָר אַלץ פאַר אַנדערע... ווײַל אַלע אַנדערע האָט ער געהאַלטן בעסער פאַר זיך...

שוואַרצע וואָלקנס ציען זיך אין דרויסן איבערן הימל... אויף אַ רגע שנײַדט זיי דורך אַ בליץ, נאָר ער ווערט פאַרלאָשן און נאָך פעסטער ציען זיך, נאָך ענגער שליסן זיך צוזאַמען די דיקע, פינצטערע וואָלקנס.

דער בליץ האָט צום לעצטן מאָל דעם גוסס געוועקט.

— ווער איז דאָ בײַ מיר? ווער זיצט מיר צוקאָפּנס? — פרעגן די פאַרברענטע ליפּן.

— איך, איך, אַ ליכטיקער מלאך, פון זײַן ליבן נאָמענס ליכטיקער פמליא... און פון זײַן ליבן נאָמען נאָך דײַן נשמה געשיקט!.. קום מיט מיר!

— וווּ אַהין? — פרעגט דער קראַנקער.
— צום הימל אַרויף, אין גן־עדן אַרײַן!

— הימל... גן־עדן... — שטאַמלט נאָך דער גוסס אין היץ.
— און ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט אין הימל, אין גן־עדן דאָרט?

— גוט... פון גאָטס גענאָד באַשטראַלט, אין גלאַנץ פון כיסא־הכבוד... מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ...

— גלאַנץ... גאָלד... קרוינען... — שטאַמלט דער גוסס נאָך, — וואָס וועל איך דאָרט טאָן?

— וועסט נישט דאַרפן טאָן... דאָרט איז אייביק רו, אייביק ליכטיקער נחת, אָן אויפהער שטראַלנדיק גליק... קום!

— אָבער וואָס וועל איך דאָרט טאָן? — דרייט זיך מיטן לעצטן כוח דער גוסס אוים צום מלאך, — איז דאָרט דאָ וועמען צו העלפן, געפאַלענע אויפצוהויבן, קראַנקע צו היילן, הונגעריקע צו זעטיקן, דורשטיקע די ליפּן צו נעצן, פאַרלוירענע צו זוכן און געפינען? דאָס איז דאָך מײַן גליק געווען!..

— נײן, דאָס נישט ! — ענטפֿערט מיט אַ נישט זיכער קול דער מלאך, — דאָס איז דאָרט נישט פֿאַראַן. דאָרט װעט קײנער נישט דאַרפֿן דײַן הילף . . .

— און װאָס װעל איך דאָרט טאָן, מלאך ? דאָרט װוּ קײנער ברויכט מײַן נשמה נישט, מײַן האַרץ נישט; נישט מײַן רחמנותדיקע טרער אין אויג, נישט מײַן װאָרט, צו טרײסטן, פֿון מויל, און נישט מײַן האַנט, אויפֿגעהויבן צו װערן פֿון גרוב ?

דער שלעכטער מלאך הערט און שטעקט אַרויס די צונג און באַלעקט זיך . . . אַ חוזק שמײכל ליגט זיך אים איבערן מויל פֿון אויער צו אויער . . . ער עפֿנט דאָס מויל און צװײ שורות װײַסע צײן בליצן אויף אין דער פֿינצטערער שטוב . . .

און צערודערט זיצט דער ליכטיקער מלאך און װײס נישט װאָס צו ענטפֿערן דעם גוסס . . .

— װאָס פֿאַרט, מלאך ! װאָס פֿאַרט ?

און דער גוטער מלאך דרײט זיך אום צום פֿענצטער און קוקט אַרויס צום הימל און װאַרט פֿון דאָרט אַן עצה און אַ ראַט . . . נאָר פֿאַרשלאָסן איז דער הימל; אָן אַ װאָרט, אָן אַ שטראַל, אָן אַ פֿונק . . . און עס יאָגן אָן אַלץ נײַע און נײַע, אַלץ שװערערע און שװערערע װאָלקנס. אַ שאָטן פֿאַלט איבערן ליכטיקן מלאכס פּנים, דער הימל זעט אים האַרט און בײז, אָן רחמנות זעט ער אויס. ער האָט אים נאָך קײנמאָל אַזוי נישט געזען . . . ער בלײַבט פֿאַרציטערט.

מיט דער װײַלע באַנוצט זיך דער שלעכטער מלאך און גענענט זיך צום בעט פֿון דער צװײטער זײַט.

— קום בעסער מיט מיר, — רוימט ער אײַן דעם גוסס.

— װוּ אַהין ?

— דאָרט װוּ דײַן האַרץ גלוסט . . . צו די אומגליקלעכע, הונגעריקע, לעכצנדיק-דורשטיקע . . . צו די פֿאַרחלשטע און פֿאַרמאַטערטע, צו די פֿאַרלאָרענע, פֿאַרשאָלטענע, צו די פֿון גאָט

פארגעסענע . . . העלפן וועסטו נישט קאָנען, אָבער צוזאמען ליַידן, מיטפילן . . .

— איך גיי ! איך גיי ! — רופט דער קראנקער אויס מיט קראפט . . .

און דער וויַיסער מלאך איז אוועק מיט לײדיקע הענט.

—————):(—————

דריי מתנות

א.

אויבן ביי דער וואָג

אַמאָל

מיט יאָרן און דורות צוריק איז ערגעץ נפטר געוואָרן אַ ייִד.

מילא, אַ ייִד איז נפטר געוואָרן — אייביק לעבן קאָן מען נישט — טוט מען אים זיין רעכט . . . ברענגט מען אים צו קבורת־ישראל . . .

נאָך סתימת הגולל, דער יתום זאָגט קדיש — פליט די נשמה אַרויף, צום מישפּט, צום בית־דין של מעלה . . .!

קומט זי אַרויף, הענגט שוין דאָרט פאַרן בית־דין די וואָג, אויף וועלכער מען וועגט די עבירות און די מצוות . . .

קומט דעם בר־מיננם סניגור, זיין געוועזענער יצר־טוב — שטעלט זיך מיט אַ קלאָר ווייס זעקל ווי שניי אין דער האַנט, ביי דער וואָגשאָל פון דער רעכטער זייט . . .

קומט דעם בר־מיננם קטיגור — זיין געוועזענער יצר־הרע, דער געוועזענער מסית־ומדיח — און שטעלט זיך, מיט אַ קויטיק זעקל אין דער האַנט, ביי דער וואָגשאָל אויף דער לינקער זייט . . .

אין ווײַסן קלאָרן זעקל זײַנען מצוות. אין ברודיק שוואַרצן זעקל — עבֿירות. שיט דער סניגור, פֿון שנײ־ווײַסן זעקל אויף דער וואָגשאָל פֿון דער רעכטער זײַט, מצוות — שמעקן זיי ווי פּאַרפֿומעם און לויכטן ווי שטערנדלעך אין הימל.

שיט דער קטיגור פֿון ברודיקן זעקל אַרויס, אויף דער וואָגשאָל פֿון דער לינקער האַנט, עבֿירות — זײַנען זיי, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, שוואַרץ ווי קויל און אַ ריח האָבן זיי, — סאַמעראָדנע פּעך און סמאָלע.

שטייט אַזוי די אָרעמע נשמה און קוקט, און גאַפֿט — זי האָט זיך גאָרנישט געריכט עס זאָל זײַן אַזאַ חילוק צווישן "גוט" און "שלעכט"; דאָרט האָט זי גאַנץ אָפֿט ביידע נישט דערעקנט, איינס פֿאַר דאָס אַנדערע גענומען.

און די וואָגשאָלן הויבן זיך פּאַמעלעך, אַרויף און אַראָפּ, אַמאָל די, אַמאָל יענע . . . און דאָס צינגל בײַ דער וואָגשאָל אין דער הייך ציטערט. נעמט זיך אויף אַ האָר, לינקס, אויף אַ האָר רעכטס . . .

נאָר אויף אַ האָר . . . און נישט מיט אַמאָל ! אַ פּראָסטער ייִד געווען, אָן גרויסן "להכעיס", ווי אויך אָן "קידוש השם" . . . אַזוי — קליינע מצווהלעך, קליינע עבֿירהלעך, שרעטעלעך, שטויבעלעך . . . טײלמאָל — קוים מיטן אויג צו דערזען.

און פֿונדעסטוועגן, אַז דאָס צינגל רוקט זיך אויף אַ האָר רעכטס, הערט זיך אין די עולמות העליונים אַ קלאַנג פֿון שׂימחה, פֿון נחת; רוקט זיך עס אַבער, חס ושלום לינקס, שלאָגט זיך אַרויס אַ זיפֿץ פֿון עצבֿות, ביז עס דערגרייכט צום כּיסא־הכּבֿוד.

און די מלאכים שיטן פּאַמעלעך, מיט כּוונה, אַ שרויט נאָך אַ שרויט, אַ שטויב נאָך אַ שטויב, ווי פּשוטע בעלי־בתּים ליציטירן "אתּה הראית", אַ פּרוטה נאָך אַ פּרוטה . . .

נאָר אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס. די זעקלעך ווערן ליידיק.

— שוין ? — פֿרעגט דער בית־דין־שמש, — אויך אַ מלאך צווישן אַלע מלאכים.

סאַמעראָדנע — עכטע, אמתע.

דער יצר־טוב, ווי דער יצר־הרע, דרייען אוים די זעקלעך קאפויר: נישטא מער! און דאמאלט גייט דער שמש צו צום צינגל זען, ווי עס האט זיך אפגעשטעלט: רעכט צי לינקס.

קוקט ער און קוקט אזוי, און זעט אזוינס, וואס עס איז נאך נישט געשען, זינט הימל און ערד זיינען באשאפן געווארן...

וואס דויערט אזוי לאנג? — פרעגט דער אב־בית־דין.

שטאמלט דער שמש:

— גלייך! דאס צינגל שטייט אין סאמעראדנע מיט!..

די עבירות האבן גלייך געוויגן מיט די מצוות.

אקוראט? — פרעגט מען נאך אמאל פון בית־דין של מעלהם טיש.

קוקט ער נאך אמאל, דער שמש, און ענטפערט:

— אויף דער האר!

האט דאס בית־דין של מעלה א ישוב און גיט נאכן ישוב־הדעת ארוים א פסק כהאי לישנא:

"היות די חטאים וועגן נישט איבער די מעשים טובים — קומט דער נשמה קיין גיהנום נישט...

"און פון צווייטן צד — וועגן די מצוות נישט מער פאר די עבירות, — קאן מען איר נישט עפענען די טויערן פון גן־עדן.

"על־כן נע־ונד זאל זי זיין...

"זאל זי ארומפליען אין דער מיט, צווישן הימל און ערד — ביז גאט וועט זיך אן איר דערמאנען און דערבארעמען זיך און צורופן צו זיך מיט זיין גנאד".

און דער שמש נעמט די נשמה און פירט זי ארוים.

יאמערט נעבעך די נשמה און קלאגט אויף איר מזל.

— וואס וויינסטו אזוי? — פרעגט ער זי, — וועסט נישט האבן קיין נחת און פרייד פון גן־עדן, וועסטו דאך אבער אויך נישט האבן קיין צער און יסורים פון גיהנום, — קוויט!

די נשמה אָבער לאָזט זיך נישט טרייסטן:

— בעסער די גרעסטע יסורים, — זאָגט זי, — איידער גאָרנישט! גאָרנישט איז שרעקלעך!

קריגט ער אויף איר, דער בית־דין־שמש, רחמנות, גיט ער איר אַן עצה:

„פלי, זאָגט ער איר, נשמהלע, אַראָפּ און האַלט זיך נידעריק אַרום דער לעבעדיקער וועלט...

„אין הימל אַרײַן, זאָגט ער, קוק נישט... וואָרום וואָס וועסטו זען אין יענער זײַט הימל? נײַערט שטערנדלעך! און דאָס זײַנען ליכטיקע, נאָר קאַלטע ברואים, זיי ווייסן פֿון קיין רחמנות נישט, זיי וועלן זיך נישט מיען פֿאַר דיר, זיי וועלן גאָט אַן דער נישט דערמאָנען.

„מיען זיך פֿאַר אַן אָרעמער פֿאַרוואָגלטער נשמה קאָנען נאָר די צדיקים פֿון גן־עדן... און זיי, הער, נשמהלע — זיי האָבן ליב מתנות... שיינע מתנות... עס איז שוין — גיט ער צו ביטערלעך, — די טבֿע פֿון הײַנטיקע צדיקים!

„פֿלי־זשע נשמהלע, — זאָגט ער ווײַטער, — נידעריק אַרום דער לעבעדיקער וועלט און קוק זיך צו ווי עס לעבט זיך, וואָס עס טוט זיך. און דערזעסטו עפּעס אַזוינס, וואָס איז אויסטערליש שיין און גוט, כאַפּ עס און פֿלי דערמיט אַרויף; עס וועט זײַן אַ מתנה פֿאַר די צדיקים אין גן־עדן... און מיט דער מתנה אין דער האַנט זאָלסטו אָנקלאַפּן און מעלדן זיך אין מײַן נאָמען בײַם מלאך פֿון דער פֿאָרטקע. זאָג: איך האָב געהייסן!...

„און אַז דו וועסט האָבן געבראַכט דרײַ מתנות, זײַ זיכער — וועלן זיך פֿאַר דיר עפֿענען די טויערן פֿון גן־עדן, זיי וועלן פּועלן... בײַם כיסא־הכּבֿוד האָט מען ליב נישט די פֿײַן געבוירענע, נאָר די אויפֿגעקומענע“...

און אַזוי רײדנדיק, שטופּט ער זי מיט רחמנות פֿון הימל אַרויס.

ב.

די ערשטע מתנה

פֿליט עס אזוי, דאָס אָרעמע נשמהלע, נידעריק איבער דער לעבעדיקער וועלט, און זוכט מתנות פֿאַר די צדיקים אין גן־עדן. און עס פֿליט אָרום און אַרום, איבער דערפֿער און שטעט, ווו נאָר אַ שטיקל ישוב, — צווישן ברענענדיקע שטראַלן אין די גרעסטע היצן; אין רעגן־צייט — צווישן טראָפּן און וואַסער נאָדלען; סוף זומער — צווישן זילבערנעם שפּינוועבס, וואָס הענגט אין דער לופֿט, ווינטער צווישן די שנייעלעך, וואָס פֿאַלן פֿון דער הייך . . . און קוקט, און קוקט, און קוקט זיך די אויגן אויס . . .

ווו זי דערזעט אַ ייִד, פֿליט זי האַסטיק צו און קוקט אים אין די אויגן אַריין — צי גייט ער נישט מקדש־השם זיין?

ווו עס לייכט זיך ביינאַכט דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ לאָדן, — זי איז דאָ און קוקט אַריין, צי וואַקסן נישט אין דער שטילער שטוב גאָטס שמעקעדיקע בלימעלעך — באַהאַלטענע מעשׂים טובֿים?

לײַדער! . . מערסטנטיילס שפּרינגט זי אָפּ פֿון אויגן און פֿענצטער, דערשראָקן און פֿאַרציטערט . . .

און אַז עס גייען ווייטער פֿאַרביי זמנים און יאָרן, פֿאַלט זי כמעט אין אַ מרה שחורה אַריין. פֿון שטעט זיינען שוין בית־עלמינס געוואָרן, בית־עלמינס האָט מען שוין אויף פֿעלדער צעאַקערט; וועלדער האָט מען אויסגעהאַקט, פֿון שטיינער ביי וואַסערן איז זאַמד געוואָרן, טייכן האָבן דאָס געלעגער געביטן, טויזנטער שטערן זיינען אַראָפּגעפֿאַלן, מיליאָנען נשמהלעך זיינען אַרויפֿגעפֿלויגן, — און זיין ליבער נאָמען האָט זיך אָן איר נישט דערמאָנט, און קיין אויסטערליש גוטס און שיינס האָט זי נישט געפֿונען . . .

טראַכט זי ביי זיך:

"די וועלט איז אַזוי אָרעם, די מענטשן — אַזוי מיטלמעסיק און גרוי אויף דער נשמה, און די מעשׂים זייערע זיינען אַזוי קליין . . .

ווי קומט צו זיי "אויסטערליש"? אויף אייביק בין איך נע־ונד און פארשטויסן!" . . .

נאר ווי זי טראכט אזוי, שלאגט איר א רויטע פלאם אין די אויגן אריין, אין מיטן דער פינצטערער, שווערער נאכט א רויטע פלאם.

זי קוקט זיך אום — פון א הויך פענצטער שלאגט די פלאם . . .

גזלנים זיינען א גביר באפאלן, גזלנים מיט מאסקן אויף די פנימער. איינער האלט א ברענענדיקן שטורקאץ אין דער האנט און לייכט; א צווייטער שטייט ביים גבירס ברוסט מיט א בליצנדיק מעסער און חזרט אים אלץ איבער: "רירסטו דיך, ייד, איז דיין סוף! גייט דיר די שפיץ פון מעסער פון יענער זייט רוקן ארויס"! . . און די רעשט עפנט קאסטן און שרענק און רויבט.

און דער ייד שטייט ביים מעסער און קוקט געלאסן צו . . . קיין ברעם איבער זיינע קלארע אויגן, קיין האר פון דער וויסער בארד ביז צו די לענדן — רירט זיך נישט . . . נישט זיין זאך . . . "גאט האט געגעבן, גאט האט גענומען, — טראכט ער, — געלויבט איז זיין הייליקער נאמען!" מיט דעם ווערט מען נישט געבוירן און דאס גיט מען נישט מיט אין קבר אריין", — שעפטשען ז"נע בלאסע ליפן.

און ער קוקט גאנץ רויק צו, ווי מען עפנט די לעצטע שופלאד פון דער לעצטער קאמאדע און ווי מען שלעפט ארויס זעקלעך מיט גאלד און זילבער, זעקלעך מיט צירונג און אלערליי טייערע כלים, — און ער שווייגט . . .

און אפשר איז ער זיי גאר מפקיר!

נאר פלוצלונג, אז די גזלנים טרעפן צום לעצטן באהעלטעניש און ציען ארויס א קליין זעקעלע, דאס לעצטע, דאס באהאלטנסטע, — פארגעסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צעפלאמען זיך אים די אויגן, ציט ער אויס צו ווערן די רעכטע האנט, וויל ער א געשריי טאן:

"רירט נישט!"

נאר אויפן ארט פון א געשריי, שפריצט ארויס א רויטער שטראל פון רויכערדיקן בלוט — דאס מעסער האט זיינס געטאן . . . עס איז דאס בלוט פון הארץ און שפריצט אויפן זעקל ארויף!

ער פֿאַלט און געשווינד רייַסן די גזלנים אויף דאָס זעקל — דאָ וועט זײַן דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע !

זיי האָבן אָבער אַ ביטערן טעות געהאַט; אומזיסט בלוט פֿאַרגאָסן — נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין צירונג איז אין זעקל געווען; גאָרנישט פֿון דעם וואָס איז טײַער און האָט אַ ווערט אויף דער דאָזיקער וועלט ! עס איז געווען אַביסל ערד, ארץ־ישׂראל ערד אין קבֿר אַרײַן, און דאָס האָט דער גבֿיר געוואָלט ראַטעווען פֿון פֿרעמדע הענט און אויגן, — און מיט זײַן בלוט באַשפּריצט . . .

כאַפּט די נשמה אַ פֿאַרבלוטיקטן שטויב פֿון ארץ־ישׂראל ערד און מעלדעט זיך דערמיט בײַ דער פֿאָרטקע אין הימל . . .

די ערשטע מתנה איז אָנגענומען געוואָרן.

ג.

די צווייטע מתנה

— געדענק, — האָט דער מלאך צוגערופֿן, פֿאַרמאַכנדיק הינטער איר די פֿאָרטקע פֿון הימל, — נאָך צוויי מתנות !

— גאָט וועט העלפֿן ! — האָפּט די נשמה און פֿליט פֿריילעך צוריק אַראָפּ.

די פֿרייד מיט דער צײַט האָט אָבער אויפֿגעהערט. עס גייען ווײַטער אַוועק יאָרן און יאָרן, און זי זעט נישט קיין אויסטערליש שיינס . . . און עס באַפֿאַלן זי צוריק די טרויעריקע געדאַנקען :

„ווי אַ לעבעדיקער קוואַל האָט די וועלט אַרויסגעשלאָגן פֿון גאָטס ווילן און רינט און ווײַטער אין דער צײַט. און וואָס ווײַטער זי רינט, מער ערד און שטויב נעמט זי אין זיך אַרײַן; טריבער, אומרייַנער ווערט זי; ווייניקער מתנות געפֿינט מען אויף איר פֿאָרן

הימל . . . קלענער ווערן די מענטשן, דראָבנער — די מצוות, שטויביקער — די עבֿירות; מעשׂים — נישט מיטן אויג צו דערזען ! . .

"ווען גאָט, — טראַכט זי ווײַטער, — זאָל הייסן איבערוועגן מיט אַמאָל די מצוות מיט די עבֿירות פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָלט זיך אויך דאָס צינגל קוים גערירט, קוים־קוים געציטערט . . .

"די וועלט קאָן אויך נישט אַראָפּ און נישט אַרויף . . . זי איז אויך נע־ונד צווישן ליכטיקן הימל און פֿינצטערן שאול תחתיה . . . און דער קטיגור מיטן סניגור וואָלט זיך דעריבער אייביק געראַנגלט, ווי עס ראַנגלען זיך דאָ אייביק ליכט מיט פֿינצטערקייט, וואַרעמקייט מיט קעלט, לעבן מיט טויט . . .

"זי וויגט זיך די וועלט, און קאָן נישט — נישט אַרויף, נישט אַראָפּ, און עס וועלן דעריבער אייביק זײַן חתונות און גטן, בריתן און לוויות, סעודות־מצווה און סעודות הבֿראה . . . און ליבשאַפֿט און האָס . . . אייביק, אייביק" . . .

פּלוצלונג וועקן זיך קולות פֿון טראָמפּייטן און הערנער . . .

זי קוקט אַראָפּ — אַ דײַטשע שטאָט (פֿאַרשטייט זיך, אַ פֿאַרצײַטישע). אַלערליי, אויסגעבויגענע דעכער רינגלען אַרום דעם פּלאַץ פֿאַרן מאַגיסטראַט, און פֿול מיט פֿאַרשיידענפֿאַרביק־געקליידעטע מענטשן איז דער פּלאַץ; פֿול קעפּ אין די פֿענצטער; מענטשן ליגן אויף די דעכער אַרום, טייל זיצן רײַטנדיק אויף די באַלקן, וואָס שטאַרן אַרויס בײַ די ווענט אונטער די דעכער, פֿול געפּראָפּט זײַנען די באַלקאָנען . . .

פֿאַרן מאַגיסטראַט שטייט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרין טוך מיט גאָלדענע פֿראַנדזן און טראָלבן. בײַם טיש זיצן די הערן פֿון מאַגיסטראַט, אין סאַמעטענע קליידער אויף גאָלדענע האָקלען, אין סויבלנע הײַטלען מיט ווײַסע פֿעדערן אויף בריליאַנטענע קנעפּ; אויבן־אָן זיצט דער פּרעזידענט אַליין, אַ פּרעסיקער אָדלער ווייעט אים איבערן קאָפּ . . .

אָן אַ זײַט שטייט געבונדן אַ ייִדיש מיידל, נישט ווײַט האַלטן צען קנעכט אַ ווילד פֿערד. און דער פּרעזידענט הויבט זיך אויף און

לייענט פֿאַרן יידישן מיידל אַ פּסק פֿון אַ פּאַפּיר, און ער ווענדט זיך מיטן פּנים צום מאַרק:

"אַט די יידין דאָ, די יידישע טאָכטער, האָט אַ שווערע זינד באַגאַנגען; אַ שווערע זינד, וואָס גאָט אַליין, ווי גרויס זײַן בארמהאַרציקייט זאָל נישט זײַן, וואָלט איר נישט געקאָנט מוחל זײַן.

"זי האָט זיך אַרויסגעגנבעט פֿון געטאָ און איז אַרומגעגאַנגען, אין אונדזער הייליקן לעצטן יום־טובֿ אויף אונדזערע ריינע גאַסן...

"און זי האָט באַפֿלעקט מיט אירע אומפֿאַרשעמטע אויגן אונדזער הייליקע פּראָצעסיע; אונדזערע הייליקע בילדער, וואָס מיר האָבן מיט לויב־געזאַנג און קעסל־פּויקן איבער די גאַסן געטראָגן...

מיט אירע פֿאַרשאָלטענע אויערן האָט זי אײַנגעזאַפּט דאָס געזאַנג פֿון אונדזערע ווײַס געקליידעטע, אומשולדיקע קינדער און דאָס קלאַפּן פֿון די הייליקע פּויקן... און ווער ווייסט צי האָט דער טײַוול, — דער אומריינער טײַוול, וואָס האָט אויף זיך גענומען די געשטאַלט פֿון דער יידישער טאָכטער, פֿון פֿאַרשאָלטענעם רבֿס טאָכטער, — זיך נישט צוגערירט און נישט באַפֿלעקט אונדזער אַ ריינקייט?

"וואָס האָט ער געוואָלט, דער טײַוול אין דער שיינער געשטאַלט? ווארים לייקענען קאָן איך נישט — שיין איז זי, שיין, ווי נאָר אַ טײַוול קאָן זיך מאַכן, — זעט די חוצפּה־שטראַלנדיקע אויגן פֿון אונטער די צנועהדיק אַראָפּגעלאָזטע זײַדענע ברעמען... זעט דאָס אַלבאַסטער פּנים, וואָס איז אין דער לאַנגער תּפֿיסה נאָר בלאַסער, אָבער נישט טונקעלער געוואָרן!.. זעט אירע פֿינגער, אירע שמאָלע, לאַנגע פֿינגער פֿון די הענט; די זון לויכט דורך זיי אַדורך!..

"און וואָס האָט ער געוואָלט, דער טײַוול? אָפּרייסן אַ נשמה פֿון דבֿקות אין דער פּראָצעסיע... און עס איז אים געראָטן":

— זעט דאָס שיינע מיידל! — האָט אויסגערופֿן אונדזערער אַ ריטער פֿון איינער פֿון אונדזערע שענסטע משפּחות...

און דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס — האַלעבאַרדניקעס האָבן זי באַמערקט און געכאַפּט — ער האָט זיך אַפֿילו נישט געוועהרט.

דער טײַוול — וואָרום ווי אַזוי? ריין זײַנען זיי דעמאָלט געווען; אָפּגערייניקט פֿון אַלע זינד. האָט ער אויף זיי קיין שליטה נישט געהאַט...

און דאָס איז דעם טײַוולס, אין געשטאַלט פֿון דעם ייִדיש מיידל, פּסק:

"צובינדן זאָל מען זי בײַ די האָר, בײַ די לאַנגע טײַוולאָנישע צעפּ, צום ווידל פֿון אַט דעם ווילדן פֿערד...

"זאָל עס לויפֿן און שלעפּן זי ווי "אַ הורג" איבער די גאַסן, וואָס אירע פּיס האָבן געטראָטן קעגן אונדזער הייליקן געזעץ...

"זאָל איר בלוט באַשפּריצן און אָפּוואַשן די שטיינער, וואָס זי האָט פֿאַראומרייניקט מיט אירע פּיס!"

אַ ווילד פֿרייד־געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אַלע מײַלער אַרום, און אַז די פֿאַליע פֿון די ווילדע געשרייען איז אַריבער, פֿרעגט מען די פֿאַרמישפּטע צום טויט, אויב זי האָט זיך נישט עפּעס וואָס צום לעצטן מאָל צו ווינטשן.

— איך האָב, — ענטפֿערט זי געלאַסן, — עטלעכע שפּילקעס בעט איך!

— זי איז דול פֿאַר שרעק! — מיינען די הערן פֿון מאַגיסטראַט.

— ניין! — ענטפֿער זי רויִק און קאַלט, — דאָס איז מײַן לעצטער ווילן און פֿאַרלאַנג.

מען האָט עס איר צוליב געטאָן...

— און אַצינד, — קאָמאַנדירט דער פּרעזידענט, — בינדט צו!

עס גייען צו האַלעבאַרדניקעס און בינדן צו מיט ציטערדיקע הענט דעם רבס טאָכטערס שוואַרצע לאַנגע צעפּ צום ווידל פֿון ווילדן פֿערד, וואָס מען קאָן שוין קוים דערהאַלטן...

— מאַכט אַ וואַרע! — קאָמאַנדירט ווײַטער דער פּרעזידענט צום עולם אויפֿן פּלאַץ, און עס ווערט אַ גערודער. דער עולם שטעלט

זיך און דרינגט זיך צו צו די ווענט פֿון די הײַזער, און אַלע הויבן אויף די הענט, ווער מיט אַ בײַטש, ווער מיט אַ שפּיץ־רוט, ווער מיט אַ טוך אין דער האַנט, און אַלע זײַנען גרייט צו יאָגן דאָס ווילדע פֿערד. יעדערנס אָטעם איז געשטיקט, אַלע פּנימער פֿלאַמען, אַלע אויגן בליצן, און אין גערודער באַמערקט נישט קיינער, ווי די פֿאַרמישפּטע בויגט זיך שטיל אַראָפּ און שפּילעט זיך צו די זוים פֿונם קלייד צו די פֿיס און שטעקט טיף, טיף אַרײַן די שפּילקעס זיך אין לײַב — עס זאָל איר לײַב ניט אַנטפּלעקט ווערן, ווען דאָס פֿערד וועט זי שלעפּן אין די גאַסן . . .

באַמערקט האָט עס נאָר די נע־ונדניצע — די נשמה . . .

— לאָזט דאָס פֿערד ! — קאָמאַנדירט דערווײַל דער פּרעזידענט, און די קנעכט זײַנען דערפֿון אָפּגעשפּרונגען, און מיט אַמאָל האָט עס זיך אויסגעריסן, און אויסגעריסן האָט זיך אויך אַ געשריי פֿון אַלע מײַלער, און עס ווייען און פֿײַפֿן אין דער לופֿט אַלע בײַטשן, שפּיץ־רוטן און טיכער. און ווילד דערשראָקן יאָגט דאָס פֿערד איבערן מאַרק, איבער גאַסן און הינטער גאַסן אַרויס פֿון שטאָט . . .

און די נשמה, די נע־ונדניצע, האָט שוין אַרויסגעצויגן אַ פֿאַרבלוטיקטע שפּילקע פֿון דער פֿאַרמישפּטערס פֿוס און פֿליט שוין מיט איר צום הימל אַרויף !

—נאָך איין מתנה אינגאַנצן ! — טרייסט זי דער מלאך בײַ דער פֿאָרטקע.

ד.

די דריטע מתנה

און צוריק פֿליט אַראָפּ די נשמה, אינגאַנצן נאָך איין מתנה דאַרף זי.

און עס גייען ווײַטער אַוועק זמנים און יאָרן, און עס באַפֿאַלט זי ווײַטער אַ מרה־שחורה. די וועלט, דאַכט זיך איר, איז נאָך קלענער

געוואָרן . . . נאָך קלענערע מענטשן . . . נאָך קלענערע מעשׂים . . . די גוטע ווי די שלעכטע . . .

איינמאָל טראַכט זי :

"ווען גאָט, געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען, זאָל וועלן אמאָל אָפּשטעלן און סוף־כּל־סוף מישפּטן די וועלט, אַזוי ווי עס איז, מיט אמאָל . . . און פֿון איין זײַט זאָל זיך שטעלן אַ סניגור און שיטן פֿון ווײַסן זאַק אַרויס שרעטעלעך און שטויבעלעך; און פֿון דער צווייטער זײַט — דער קטיגור זאָל שיטן זײַנע פּיצלעך און ברעקלעך, וואָלט געדויערט און געדויערט איידער די זעק וואָלטן לײדיק געוואָרן . . . אַזוי פֿיל קלייניקייטן, אַזוי פֿיל !

"אָבער, אַז די זעקלעך וואָלטן שוין ליידיק געוואָרן, וואָס וואָלט געווען ?

"דאָס צינגל וואָלט געווים געבליבן שטיין אין דער מיט !

"בײַ אַזוינע קלייניקײַטן, בײַ אַזויפֿיל קלייניקײַטן קאָן גאָרנישט איבערוועגן . . . ווארום וואָס ? נאָך אַ פֿעדערל, נאָך אַ שטרויעלע, נאָך אַ פּלעווע, נאָך אַ שטויב ! . .

"און וואָס וואָלט גאָט געטאָן ? וואָס וואָלט ער געפּסקנט ?

"צוריק צו תוהו ובֿוהו ? נישט : די עבֿירות וועגן נישט איבער די מצוות . . .

"אויסלייזן ? אויך נישט : די מצוות וועגן נישט איבער די עבֿירות . . .

"וואָס דען ?

גיי ווײַטער ! וואָלט ער געזאָגט . . . פֿלי ווײַטער צווישן גיהנום און גן־עדן, ליבשאַפֿט און האַס, רחמנותדיקע טרערן און רויכערדיק בלוט . . . צווישן וויגן און קבֿרים . . . ווײַטער, ווײַטער!"

דער נשמה איז אָבער באַשערט געווען אויסגעלייזט צו ווערן, פֿון די שווערע מחשבֿות — וועקט זי אַ קול פֿון פויקן . . .

וווּ איז זי, ווען ?

זי דערקענט נישט דעם אָרט, נישט די צײַט . . .

נאָר אַ פּלאַץ פֿאַר אַ תּפֿיסה זעט זי . . . אָן די אײַזערנע גראַטן אין די קליינע פֿענצטערלעך ציען זיך שפּילנדיק די שטראַלן פֿון דער זון. זיי גליטשן זיך אויך אָן די שטיקן פֿון צוזאַמענגעשטעלט געווער בײַ דער וואַנט. די סאָלדאַטן האָבן אין האַנט אַרײַן — ריטער באַקומען . . .

אין צוויי לאַנגע שורות, מיט אַ שמאָלן דורכגאַנג אין דער מיט, האָט מען זיי אויסגעשטעלט: "דורך אַ סטראָי" וועט מען טרײַבן . . .

וועמען?

עפּעס אַ ייִדל מיט אַ צעריסן העמד אויפֿן מאָגערן לײַב, מיט אַ יאַרמולקע אויפֿן האַלב־געגאָלטן קאָפּ. אָט פֿירט מען אים צו.

פֿאַרוואָס קומט עס אים? וואָר ווייסט? אַ פֿאַרצײַטישע זאַך! אפֿשר פֿאַר אַ גנבֿה, אפֿשר פֿאַר אַ גזלה צי אַ רציחה, און אפֿשר אַ בילבול . . . עס איז דאָך געווען פֿאַרצײַטן . . .

און די זעלנער שמייכלען און טראַכטן: נאָך וואָס האָט מען אונדז אַזויפֿיל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויסהאַלטן די העלפֿט!

נאָר אָט שטופּט מען אים צווישן די שורות אַרײַן, אָט גייט ער . . . און ער גייט גלײַך און שטרויכלט נישט און פֿאַלט נישט . . . ער לייזט שמיץ און האַלט זיי אויס . . .

אַ גרים־צאָרן כאַפּט אָן דאַמאָלט די סאָלדאַטן! ער גייט נאָך, ער גייט!

און די ריטער פֿײַפֿן אין דער לופֿט ווי די רוחות און כאַפּן אַרום דעם לײַב ווי די שלאַנגען, און דאָס בלוט פֿון מאָגערן גוף שפּריצט און שפּריצט, און הערט נישט אויף צו שפּריצן!

הו—האַ! הו—האַ!

אין מיטן טרעפֿט אַ סאָלדאַט צו הויך און וואַרפֿט דעם פֿאַרמשפּטן אַראָפּ די יאַרמולקע פֿון קאָפּ. נאָך עטלעכע טריט

באַמערקט ער עס, דער פֿאַרמשפּטער... ער גיט זיך אַ ריר, גלײַך ער האָט אַ יִשוּב, און איז זיך מיישבֿ, און דרייט זיך אום: ער וועט נישט גיין בגילוי הראש און ער גייט צוריק ביז צום אָרט, ווו די יאַרמולקע ליגט. ער בויגט זיך אײַן און הויבט זי אויף, און דרייט זיך צוריק און גייט ווײַטער, רויִק, רויט פֿאַרבלוטיקט, נאָר מיט דער יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ. אַזוי גייט ער, ביז ער פֿאַלט...

און אַז ער איז געפֿאַלן, איז צוגעפֿלויגן די נשמה און געכאַפּט די יאַרמולקע, וואָס האָט אַזויפֿיל אומזיסטיקע שמיץ געקאָסט, און אַרויף מיט איר צו דער פֿאָרטקע פֿון הימל.

און די דריטע מתנה איז אויך אָנגענומען געוואָרן!

און די צדיקים האָבן זיך פֿאַר איר געמיט: די טויערן פֿון גן־עדן האָבן זיך איר נאָך די דרײַ מתנות געעפֿנט!

און דער "אוּרים ותומים" האָט געזאָגט:

— אמת שיינע מתנות, אויסטערליש שיינע... צוניץ קומען זיי נישט, גאָרנישט לתשמיש, אָבער לנוי — אויסטערליש.

י. ל. פרץ

געקליבענע דערציילונגען

בוך I

ערשטער טייל

וויניפעג, קאנאדע

תש״ב 1942

פארלאג־געזעלשאפט

„פון קוואל"

I. L. PERETZ

Selected Stories

Published by

FUN KVALL

1942

Printed by the Israelite Press Ltd.

Winnipeg Canada

אינהאלט

דער קונצנמאַכער — — — — — — — — — — — — — — 5
זיבן גוטע יאָר — — — — — — — — — — — — — — 11
דער אוצר — — — — — — — — — — — — — — — 16
שׂרה בת טובֿים — — — — — — — — — — — — — — 21
דער אַרענדאַר — — — — — — — — — — — — — — 30
דרײַ קיכעלעך — — — — — — — — — — — — — — 51
דרשה געשאַנק — — — — — — — — — — — — — — 61
אויב נישט נאָך העכער — — — — — — — — — — — 75

פאַרלאַג און שער־בלאַט געצייכנט
ה. גוטקין

דער קונצנמאַכער

אײן

אַ װאָלינער שטעטל אַרײַן איז אַמאָל געקומען אַ קונצנמאַכער.

און כאָטש עס איז געװען אין דער פֿאַרדאַגהטער פֿאַר פּסח־צײַט, װען אַ ייִד האָט מער זאָרג, װי האָר אויפֿן קאָפּ, האָט דאָך זײַן אָנקומען אַ גרויסן רושם געמאַכט: אַ רעטעניש פֿון אַ מענטש! קרועבלוא, — מיט אַ צילינדער, אַפֿילו אַ צוגעקנײטשטן, אויפֿן קאָפּ. אַ ייִדיש פּנים — דער צלם אלוקים פֿליט אים איבער דער נאָז, — און אַ געגאָלטע באָרד! און קײַן פּאַספּאָרט האָט ער נישט געהאַט, און עסן האָט׳ן קײנער נישט געזען, נישט קײן כשרם, נישט קײן טריפֿהם. גיי װײס, װאָס ער איז! מען פֿרעגט׳ן — פֿון װאַנען? זאָגט ער — "פֿון פּאַריז!" װוּהין? — "קײן לאָנדאָן!" װי קומט איר אַהער? זאָגט ער: "פֿאַרבלאָנדזשעט!" אַפּנים, צופֿוס געגאַנגען! און װײַזט זיך בײַ קײן מנין נישט, אַפֿילו שבת הגדול נישט! און שטײט מען צו אים צו, מאַכט מען אַרום אים אַ רעדל, װערט ער פֿלוצים נעלם, גלײַך די ערד װאָלט׳ן אײַנגעשלונגען און שװימט אַרויס אויף יענער זײַט מאַרק.

דערװײַל האָט ער זיך געדונגען אַ סאַליע און אָנגעהויבן צו מאַכן קונצן.

אָבער קונצן! בפֿני קהל ועדה האָט ער געשלונגען ברענענדיקע קוילן װי פֿאַרפֿל; און פֿון מויל אַרויסגעצויגן האָט ער אַלערליי בענדער,

---

סאַליע — זאַל.

רויטע, גרינע, וואָס פֿאַר אַ קאָליר מען האָט נאָר געוואָלט, און לאַנגע — ווי׳ס גלות. פֿון אַ כאַלעווע פֿון שטיוול וואַרפֿט ער אַרויס זעכצן פֿאַר אינדיקעס, אָבער אינדיקעס — ווי בערן, און לעבעדיקע, און זיי צעלויפֿן זיך איבער דער סצענע; דערנאָך הויבט ער אויף אַ פּוס און קראַצט אָפּ פֿון דער פּאָדעשווע גאָלדענע רענדלעך, אַ גאַנצע שיסל גאָלדענע רענדלעך! פּאַטשט מען "בראַוואָ", גיט ער אַ פֿײַף,—לויפֿן זיך אין דער לופֿטן צוזאַמען חלות און קוילעטשן, ווי די פֿייגל, און הויבן אָן טאַנצן אַ ראָד, ציִ אַ ברוגז טאַנץ אונטער דער סטעליע. און גיט ער דעם צווייטן פֿײַף, ווערט דאָס אַלץ כהרף עין פֿאַרשווּנדן, כלא היה! אוים קוילעטשן, אוים בענדער, אוים אינדיקעס — גאָר נישט!

מילא, ווייסט מען דאָך, אַז "יענער צד" קאָן אויך עפּעס באַווײַזן! די חרטומים פֿון מצרים האָבן מן הסתם גרעסערע קונצן באַוויזן! איז אָבער די שאלה: פֿאַרוואָס איז ער אַליין אַזאַ גרויסער קבצן? אַ מענטש שאַרט רענדלעך פֿון פּאָדעשווע, און האָט נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַר דער אכסניא; מיט אַ פֿײַף באַקט ער אָן מער קוילעטשן און חלות, ווי דער גרעסטער בעקער, אינדיקעס ציט ער אַרויס פֿון כאַלעווע, און אַ פּנים האָט ער — אָן אויסגעצויגנס, אַז שענערע לייגט מען אין דער ערד אַרײַן, און דער הונגער ברענט אים אין די אויגן ווי אַ פֿלאַקער! ווערטלט מען זיך: די פֿינפֿטע קשיא צו "מה נשתנה!"...

נאָר איידער עס קומט צו "מה נשתנה", ווילן מיר איבערלאָזן דעם קונצנמאַכער, און איבערגיין צו חיים־יונהן און זײַן ווײַב רבֿקה־ביילע. חיים־יונה איז אַמאָל אַ וואַלד־סוחר געווען, האָט ער איינמאָל געקויפֿט אַ וואַלד אין "גלײַכן געלט", האָט מען דעם וואַלד פֿאַרמאַכט, איז ער אַרויס "אין איין העמד". איז ער געוואָרן "וואַלד־שרײַבער", האָט ער די שטעל פֿאַרלוירן; זיצט ער שוין אַ שיינע פּאָר חדשים אָן פּרנסה. אַ ווינטער האָט מען איבערגעלעבט — אויף שונאי־ציון געזאָגט; נאָך ווינטער גייט אָבער פּסח! און פֿאַרזעצט איז שוין פֿון הענג לײַכטער ביזן לעצטן קישן. זאָגט רבֿקה־ביילע: גיי אַריבער צו קהל און נעם מעות־חיטים. זאָגט חיים־יונה, אַז ער האָט ביטחון, אַז גאָט וועט העלפֿן, און דאָס פּנים פֿאַרשוואַרצן וועט ער זיך נישט. גייט רבֿקה־ביילע און זוכט נאָך אַמאָל אין אַלע ווינקעלעך, און געפֿינט אַן אַלטן

אפגעריבענעם זילבערנעם לעפל — ממש א נס מן השמים, יאָרן זייט דער לעפל איז פֿאַרלוירן געוואָרן! גייט חיים־יונה, נעמט דעם לעפל, פֿאַרקויפֿט׳ן, און טראָגט אַריין די פּאָר גראָשן אויף מעות־חיטים פֿאַר אָרעמע לייט. אָרעמע לייט, זאָגט ער, זיינען בילכער. די צייט דערווייל רוקט זיך. שוין אינגאַנצן נישט מער ווי א פּאָר וואָכן צו פּסח — ער האָט ביטחון! גאָט, זאָגט ער, פֿאַרלאָזט נישט! מילא, רבֿקה־ביילע שווייגט; אַן אשה מוז פֿאָלגן א מאַן. עס גייט אָבער אַוועק נאָך א טאָג, נאָך א טאָג, רבֿקה־ביילע וויסט נישט פֿון קיין שלאָף, גראָבט דאָס פּנים אין שעניק אַריין און וויינט שטילערהייט, חיים־יונה זאָל נישט הערן, און אויף פּסח איז קיין צייכן נישטאָ. און טעג האָט זי ערגערע ווי נעכט, — ביינאַכט וויינט זיך כאָטש א מענטש אָפּ דאָס האַרץ, בייטאָג אָבער מוז מען קנייפּן די באַקן, די פֿאַרב זאָל שטיין! שכנות קוקן איר נאָך און גאַפֿן, און קוקן זיך די אויגן אויס, און שטעכן זי מיט רחמנות־בליקן, ווי מיט נאָדלען... אַנדערע פֿרעגן: ווען באַקט איר מצות? ווי האַלט איר מיט בוראַקעס? די נעענטערע זאָגן:

— סטייטש, וואָס טוט זיך מיט אייך, רבֿקה־ביילע? ! פֿעלט אייך, וועלן מיר אייך באָרגן, וכדומה...

חיים־יונה וויל אָבער נישט קיין "מתנת בשר ודם", און רבֿקה־ביילע וועט קענען איר מאַן נישט גיין — זוכט זי זיך אויס תירוצים פֿון אונטער דער ערד, און דאָס פּנים פֿלאַמט און פֿלאַמט...

זעען די שכנים, אַז עס איז נישט ווי עס דאַרף צו זיין, נעמען זיי און לויפֿן צום רבֿ — סטייטש? דער רבֿ, נעבעך, הערט אויס, קרעכצט אָפּ און פֿאַרקלערט זיך, און סוף־כל־סוף ענטפֿערט ער, אַז חיים־יונה איז א בן־תורה און א ירא־שמים, און אויב ער האָט ביטחון, האָט ער!...

רבֿקה־ביילע איז אַפֿילו אַן בענטש־ליכט געבליבן...

און — שוין פּסח!

חיים־יונה גייט פֿון בית־המדרש אַהיים. זעט ער, אַז אַלע פֿענצטער אין מאַרק שיינען אַרויס מיט שׂימחת־יום־טובֿ, און נאָר זיין דירה שטייט, ווי אַן אָבֿל צווישן מחותנים, ווי א בלינדע צווישן

זעעדיקע. ער פֿאַלט אָבער בײַ זיך נישט אָפּ: "אַז גאָט וועט וועלן, וועט נאָך זײַן פּסח!" — טראַכט ער. ער גייט אַרײַן און זאָגט פֿריילעך: "גוט יום־טובֿ", און איז נאָך אַמאָל מטעים: "גוט יום־טובֿ דיר, רבֿקה־ביילע!" און רבֿקה־ביילעס קול ענטפֿערט אים, אַנגעזאַפּט מיט טרערן פֿון אַ פֿינצטערן ווינקל אַרויס: "גוט יום־טובֿ, גוט יאָר!" און אירע אויגן ברענען אַרויס פֿון פֿינצטערן ווינקעלע, ווי צוויי ברענענדיקע קוילן. גייט ער צו איר צו און זאָגט איר: רבֿקה־ביילע, — זאָגט ער, — הײַנט איז יום־טובֿ, יציאת־מצרים, פֿאַרשטייסט? טרויערן טאָר מען נישט! און וואָס איז דאָ צו טרויערן? אויב דער ריבונו של עולם האָט נישט געוואָלט, מיר זאָלן האָבן אונדזער פּסח, מוז מען אָננעמען פֿאַר ליב און זײַן בײַ אַ פֿרעמדן סדר. וועלן מיר גיין ערגעץ אַנדערש צום סדר! מען וועט אונדז אַרײַנלאָזן אומעטום. מיר און טויער שטייען אָפֿן... ייִדן זאָגן: "כל דיכפֿין ייתי וייכול", דאָס איז טײַטש: ווער עס איז הונגעריק, זאָל אַרײַנקומען עסן. קום, נעם אויף דיר די שאַל, וועלן מיר גיין צום ערשטן בעסטן ייִד...

און רבֿקה־ביילע, וואָס טוט שטענדיק דעם רצון פֿון איר מאַן, האַלט אײַן מיט אַלע כוחות דאָס געוויין, וואָס רײַסט זיך איר צום האַלדז, נעמט אויף זיך אַ צעריסענע שאַל און וויל שוין גיין, — אין דער זעלבער רגע עפֿנט זיך אָבער די טיר, און עמיץ קומט אַרײַן און זאָגט:

— גוט יום־טובֿ!

ענטפֿערן זיי:

— גוט־יאָר! — נישט זעעדיק, ווער עס איז צו זיי אַרײַנגעקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אַרײַנגעקומען:

— איך וויל זײַן אײַער גאַסט צום סדר!

ענטפֿערט חיים־יונה:

— מיר האָבן אַליין קיין סדר נישט...

ענטפֿערט יענער אַז ער האָט מיטגעבראַכט דעם סדר מיט זיך!

— אין דער פֿינצטער ? — האַלט זיך שוין רבֿקה־ביילע נישט איַין און שלוכצט.

— חלילה ! — ענטפֿערט דער אורח, — עס וועט זיַין ליכט. און ער גיט אַ מאַך : האָקוס־פּאָקוס ! און עס באַוויַיזן זיך צוויי פּאָר זילבערנע לײַכטער מיט אָנגעצונדענע סטעאַרין־ליכט, אין מיטן שטוב, אין דער לופֿט! עס ווערט ליכטיק. חיים־יונה און רבֿקה־ביילע דערזעען, אַז דאָס איז דער קונצנמאַכער, און זיי גאַפֿן און קאָנען פֿאַר וווּנדער און שרעק קיין איינציק וואָרט פֿון מויל נישט אַרויסברענגען. זיי כאַפּן זיך איינס דאָס צווייטע אָן ביַי די הענט און שטייען מיט אויפֿגעריסענע אויגן און אָפֿענע מיַילער. דער קונצנמאַכער ווענדט זיך דערוויַיל צום טיש, וואָס איז געשטאַנען פֿאַרשעמט אין אַ ווינקעלע, און זאָגט צו אים : "נו, בחורל, באַדעק דיך און קום אַהער!" און אַזוי ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, פֿאַלט פֿון סטעליע אויפֿן טיש אַראָפּ אַ שניי־וויַיס טישטוך און באַדעקט אים, און דער באַדעקטער טיש הויבט זיך אָן רירן און גייט און קומט אינמיטן שטוב אַריַין, און פֿאַרהאַלט זיך פּונקט אונטער די ליכט, און די זילבערנע לײַכטער לאָזן זיך נידעריקער אַראָפּ און שטעלן זיך אַנידער אויפֿן טיש.

—אַצינד, — זאָגט דער קונצנמאַכער, — פֿעלן נאָך הס׳בעטן.

— זאָלן זיין הס׳בעטן ! — גייען דריַי בענקלעך, פֿון דריַי עקן פֿון שטוב, און גייען צו צום טיש און שטעלן זיך אויף זיַינע דריַי זיַיטן. הייסט ער, דער קונצנמאַכער, זיי זאָלן ברייטער ווערן, ציען זיי זיך אויס אין דער ברייט, און עס ווערט פֿון זיי פֿאָטער־שטולן. רופֿט ער אויס : "וויַיכער!" — באַדעקן זיי זיך מיט רויטן סאַמעט, און תוך כדי דיבור פֿאַלן אויף זיי פֿון סטעליע אַראָפּ וויַיסע, שניי־וויַיסע קישן, און לייגן זיך, אויפֿן קונצנמאַכערס געבאָט, אויף די פֿאָטער־שטולן און — עס ווערן הס׳בעטן ! אויף זיַין געבאָט באַוויַיזט זיך אויך אַ קערה מיט מינים און שטעלט זיך אויפֿן טיש, עס באַוויַיזן זיך אויך רויטע כוסות, מיט פֿלעשער וויַין, און מצות, און אַלץ, וואָס מען דאַרף צו אַ כשרן און פֿריילעכן סדר, אַפֿילו "הגדות" מיט אַ גאָלדענעם שניט.

— און וואַסער צו וואַשן האָט איר ? — פֿרעגט דער קונצנמאַכער, — איך קאָן ברענגען וואַסער אויך !

דעמאָלסט האָבן זיי זיך ערשט אויפֿגעכאַפּט פֿון גאַפֿן. און רבֿקה־ביילע פֿרעגט חיים־יונהן אויפֿן אויער: — מעג מען? וואָס? און חיים־יונה ווייסט איר נישט וואָס צו ענטפֿערן. ראָט זי אים: — גיי, מײַן מאַן, און פֿרעג דעם רבֿ. ענטפֿערט ער, אַז ער קאָן זי מיטן קוצנמאַכער אַליין נישט איבערלאָזן. וויל ער, זי זאָל גיין. זאָגט זי אַז אַ נאַרישער ייִדענע וועט דער רבֿ נישט גלויבן, ער וועט מיינען, אַז זי איז פֿון זינען אַראָפּ. גייען זיי בײדע צום רבֿ און לאָזן איבער דעם קונצנמאַכער מיטן סדר.

האָט דער רבֿ געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ווערט געמאַכט מיט כישוף, האָט קיין ממשות נישט, וואָרים כישוף איז נאָר אַ פֿאַרבלענדע־ניש פֿאַר די אויגן. הייסט ער זיי אַהיים גיין, און אויב די מצה וועט זיך לאָזן אָפּברעכן, דער ווײַן — גיסן אין די כוסות אַרײַן, און די קישן פֿון הס׳בעט — אָנטאָפּן וכדומה, איז גוט... איז עס מן השמים, מעגן זיי געניסן.

אַזוי האָט דער רבֿ געפּסקנט. גייען זיי מיט האַרץ קלאַפּעניש אַהיים. קומען זיי אַרײַן, איז דער קונצנמאַכער שוין נישטאָ, און דער "סדר" שטייט, ווי ער איז געשטאַנען. די קישן לאָזן זיך אָנרירן, דער ווײַן גיסט זיך, די מצות ברעכן זיך... האָבן זיי ערשט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אליהו הנבֿיא, און האָבן געהאַט אַ פֿריילעכן יום־טובֿ!

———):(———

זיבן גוטע יאָר

דאָס

איז אַ געשיכטע, וואָס איז געשען אין טורבין.

אין טורבין איז געווען אַמאָל אַ טרעגער. האָט ער געהייסן טוביה און איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. איינמאָל, דאָנערשטיק, שטייט ער אַזוי אין מאַרק, מיט די פּאָלעס — פֿאַרשאַרצט אונטערן שטריק אויף די לענדן, און קוקט אויס, פֿון וואַנען עס וועט קומען זײַן הילף, ער זאָל פֿאַרדינען עפּעס אויף שבת. און דאָ שטייען די געוועלבן אָרום און ליידיק. אין יוצא ואין בא, מען זעט נישט עס זאָל עמיצער קומען סחורה קויפֿן, עס זאָל זײַן וואָס אָפּצוטראָגן. הויבט ער, נעבעך, אויף די אויגן צום הימל מיט אַ געבעט. ער זאָל, חלילה, קיין פֿאַרשטערטן שבת נישט האָבן, און סערל מיט די קינדער זאָלן, חס־ושלום, נישט הונגערן אום שבת.

ווי ער איז אַזוי מתפּלל, דערפֿילט ער אַז עמיץ גיט אים אַ צי פֿאַר דער פּאָלע. קוקט ער זיך אום, זעט ער פֿאַר זיך אַ דײַטשל, אָנגעטאָן ווי אַ שיסער אין וואַלד, מיט אַ פֿעדער אויפֿן קאַפּעלושל און אַ גרינעם אויפֿלאַג אויפֿן שפּענצער. און דאָס דײַטשל זאָגט צו אים אים אויף ריין דײַטש, וואָס מיר זעצן איבער אויף עבֿרי־טײַטש, מיט די ווערטער:

פֿאַרשאַרצט — פֿאַרקאַשערט, פֿאַרשטעקט.

— הער טוביה, דיר איז באשערט געוואָרן זיבן גוטע יאָר, זיבן יאָר פֿון מזל און הצלחה, און אוצרות געלט. ווענדט זיך עס אָבער אָן דיר, ווען דו ווילסט האָבן די גוטע יאָר. ווילסטו, — וועט דיר אויפֿשײַנען דײַן מזל נאָך הײַנטיקן טאָג, און אײדער עס וועט אונטערגײן די זון, וואָס שטייט דיר איבערן קאָפּ, וועסטו קאָנען אָפּקויפֿן גאַנץ טורבין מיט דער סבֿיבֿה. אָבער נאָך זיבן יאָר וועסטו צוריק ווערן אָן אָרעמאַן, ווי דו ביסט געווען. און ווילסטו, — וועט די גוטע געבענטשטע צײַט קומען ערשט צום סוף פֿון דײַנע יאָרן און דו וועסט אוועקגײן פֿון דער וועלט דער גרעסטער גבֿיר.

געווען איז עס, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אליהו הנבֿיא, וואָס האָט זיך, ווי זײַן שטייגער איז, אין אַ דײַטשל פֿאַרשטעלט. טוביה אָבער האָט געמיינט, אַז עס איז, להבֿדיל אלף אַלפֿי הבֿדלות, אַ פּראָסטער כישוף־מאַכער. ענטפֿערט ער אים :

— מײַן ליב דײַטשל, לאָז דו מיך געמאַך, וואָרים איך בין, נישט פֿאַר דיר געדאַכט, אַ גרויסער עני־ואבֿיון. איך האָב אויף שבת נישט, און איך האָב דיר נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַר דײַנע עצות מיט דײַן טירחה.

אַז דאָס דײַטשל אָבער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און איבערגעחזרט אים די ווערטער איין מאָל, צוויי מאָל און דרײַ מאָל, איז עס שוין טוביהן אַרײַן אין קאָפּ. ענטפֿערט ער אים :

— ווייסטו וואָס, ליב דײַטשל, אויב דו מיינסט עס ערנסט מיט מיר און ביסט נישט קיין לועג־לרש, און דו פֿרעגסט מיך באמת, מוז איך דיר זאָגן, אַז איך בין מיך נוהג, בײַ יעדער זאַך, וואָס קומט מיר פֿאָר, זיך אָן עצה צו האַלטן מיט מײַן ווײַב סערל און אָן איר קאָן איך דיר קיין קלאָרע תשובֿה נישט געבן.

זאָגט אים דאָס דײַטשל, אַז עס איז זייער אַ גוטע זאַך, זיך אָן עצה צו האַלטן מיט דער פֿרוי, און ראָט אים, ער זאָל זי גײן פֿרעגן, און ער, דאָס דײַטשל, הייסט עס, וועט דאָ שטיין און וואַרטן אויף אַ תשובֿה.

טוביה קוקט זיך נאָך אַמאָל אום אין אַלע זײַטן, קײַן פֿאַרדינסט זעט ער נישט; טראַכט ער זיך, וואָס קאָן ער דאָ אָנווערן, ער וועט

אַהיים גיין פֿרעגן. לאָזט ער אַראָפּ די פּאָלעס און גייט אַרויס הינטער דער שטאָט, ווו ער האָט געוווינט, כמעט שוין אויפֿן פֿעלד, אין אַ ליימען שטיבל. איבערשמועסן זיך מיט סערל זײַן ווײַב.

ווי סערל האָט אים דערזען דורך דער אָפֿענער טיר (עס איז זומער געווען), איז זי אים אַרויסגעלאָפֿן אַנטקעגן מיט גרויס שימחה. זי האָט געמיינט, אַז ער ברענגט איר אַן התחלה אויף שבת. זאָגט ער איר אָבער:

— ניין, סערל, זײַן ליבער נאָמען האָט מיר נאָך קיין פֿאַרדינסט נישט באַשערט, דערפֿאַר אָבער איז צו מיר צוגעקומען אַ דײַטשל...

און ער דערציילט איר אַזוי און אַזוי, באשר בכן, דאָס דײַטשל זאָגט, אַז עס זײַנען אים באַשערט זיבן גוטע יאָר, און עס ווענדט זיך אָן אים, ווען די גוטע יאָר זאָלן קומען, אַצינד אָדער פֿאַר דער פּטירה. פֿרעגט ער ביי איר אַן עצה: ווען?

טראַכט סערל נישט לאַנג און ענטפֿערט אים:

—גיי, מײַן ליבער מאַן, און זאָג דעם דײַטשל, אַז דו ווילסט די זיבן גוטע יאָר אויף דער רגע!

— פֿאַרוואָס, סערל? — פֿרעגט טוביה פֿאַרווונדערט, — נאָך זיבן יאָר, וועלן מיר דאָך ווערן צוריק אָרעמע לײַט, און דעם יורד איז דאָך ערגער, ווי אַ פּראָסטן אָרעמאַן.

— פֿאַרזאָרג נישט, מײַן ליבער גוטער פֿרײַנד, די וועלט. דערווײַל נעם, וואָס מען גיט דיר און זאָג: ברוך ה׳ יום יום! בפֿרט, אַז מען דאַרף חדר־געלט פֿאַר די קינדער. מען האָט זיי מיר אַהיים געשיקט, אָט זע, ווי זיי שפּילן זיך אין זאַמד.

דאָס איז גענוג געווען, טוביה זאָל צוריק לויפֿן צום דײַטשל מיט אַ קלאָרער תשובֿה, אַז ער וויל די זיבן גוטע יאָר תוך כדי דיבור.

זאָגט אים דאָס דײַטשל:

— רעכן נאָר איבער, טוביה, הײַנט ביסטו אַ מענטש מיט כוח און קאָנסט פֿאַרדינען, אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער... וואָס וועט

אָבער זײַן שפּעטער, אַז דו וועסט עלטער ווערן און וועסט זײַן אַ יורד, און אַזױפיל כּוח צו דער אַרבעט וועסטו אויך נישט האָבן ?

ענטפֿערט טוביה :

— הער דײַטשל, מײַן ווײַב סערל וויל באַלד. ערשטנס, זאָגט זי „ברוך ה׳ יום יום" און הייסט אויף שפּעטער נישט זאָרגן. און צווייטנס, האָט מען אונדז די קינדער פֿון חדר אַהיים געשיקט . . .

— אויב אַזוי, — זאָגט אים דאָס דײַטשל, — גיי אַהײַם, און איידער דו וועסט קומען אין שטוב אַרײַן, וועסטו זײַן אַן עושר !

ווײל ער אים פֿאַרט איבערפֿרעגן ווענן נאָך די זיבן יאָר, איז אים אָבער דערווײַל דאָס דײַטשל פֿאַרשווּנדן געוואָרן. גייט ער, טוביה, אַהיים. געוווינט, האָבן מיר שוין געזאָגט, האָט טוביה הינטער דער שטאָט, כּמעט אויפֿן פֿרײַען פֿעלד. קומט ער צו צום דער שטוב, זעט ער ווי די קינדער שפּילן זיך הינטער דער שטוב אין זאַמד. גייט ער צו, דערזעט ער, אַז זיי שאַרן אַרוים פֿון אַ גריבל נישט קיין זאַמד, נאָר ריין גאָלד, טאַקע זהב טהור . . . פֿאַרשטייט זיך, אַז מער האָט מען נישט געדאַרפֿט, עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די זיבן יאָר, די זיבן מזלדיקע יאָר . . .

די צײַט לויפֿט אָבער פֿײַל פֿון בויגן און זיבן יאָר גייען אַריבער געשווינד. קומט נאָך די זיבן יאָר דאָס דײַטשל צו טוביהן, אים אָנצוזאָגן, אַז די זיבן יאָר זײַנען אַריבער און אַז הײַנט פֿאַרנאַכט וועט נעלם ווערן דאָס גאָלד אין דער ערד, דאָס גאָלד אין שטוב און אַפֿילו דאָס גאָלד וואָס זיי האָבן געקאָנט באַהאַלטן בײַ לײַטן . . .

טרעפֿט ער טוביהן ווי ער שטייט אין מיטן מאַרק, ווי פֿאַר זיבן יאָר, מיט די זעלבע פֿאַרשאַרצטע פּאָלעס אונטער די לענדן און קוקט אוים אויף אַ פֿאַרדינסט. זאָגט ער אים :

— הער טוביה, די זיבן יאָר זײַנען אַריבער !

ענטפֿערט אים טוביה :

— גיי, זאָג מײַן ווײַב סערל, ווײַל דאָס עשירות איבער די גאַנצע זיבן יאָר איז געווען בײַ איר אין דער האַנט.

גייען זיי ביידע אַרויס הינטער דער שטאָט און קומען צום זעלבן ליימענעם הײַזל אויפֿן פֿעלד און טרעפֿן סערלען פֿאַר דער טיר. און זי איז אויך אָרעם געקליידט ווי אַמאָל, נאָר איר פּנים שמייכלט.

זאָגט איר דאָס דײַטשל מיט די זעלביקע ווערטער, אַז די זיבן גוטע יאָר זײַנען אַוועק.

ענטפֿערט זי אים, אַז זיי האָבן קיין גוטע יאָר נאָך נישט אָנגעהויבן צו האָבן, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַלטן דאָס גאָלד פֿאַר זייער אייגנס, ווײַל וואָס אַ מענטש פֿאַרדינט מיט זײַנע צען פֿינגער, דאָס איז זײַנס, און אַזוי עשירות, וואָס קומט אָן שוויים און אומגעזוכט, איז נאָר אַ פּיקדון, וואָס זיין ליבער נאָמען לאָזט איבער בײַ מענטשן אין די הענט פֿאַר אָרעמע לײַטס וועגן . . . זי האָט נאָר פֿון גאָלד אויף שׂכר־לימוד גענומען, דאָס איז גאָטס תּורה, מעג מען פֿאַר זײַן תּורה מיט זײַן גאָלד צאָלן, מער נישט ! און אויב זײַן ליבער נאָמען האָט פֿון הײַנט אָן אַ בעסערן בעל־פּיקדון פֿאַר זײַן גאָלד, מהיכא תיתא, זאָל ער צונעמען און איבערגעבן אַן אַנדערן !

אליהו הנביא האָט עס אויסגעהערט און איז נעלם געוואָרן. ער האָט עס איבערגעגעבן דעם בית־דין של מעלה, און דער בית־דין של מעלה האָט געפּסקנט, אַז עס איז קיין בעסערער בעל־פּיקדון נישט פֿאַראַן, און די זיבן יאָר האָבן זיך נישט אויסגעלאָזט כּל־זמן טוביה און זײַן ווײַב סערל האָבן געלעבט.

———):(———

דער אוצר

צן

שלאָפֿן תמוז־צײַט אין אַ שטיבל פֿון ד׳ על ד׳, צוזאַמען מיט אַ ווײַב און אַכט קינדערלעך, איז נישט קיין גרויסער תענוג. כאַטש פֿרײַטיק צו נאַכטס. כאַפּט זיך טאַקע שמערל האַלץ־העקער אויף נאָך האַלבער נאַכט אַן אָפּגעקאָכטער און אָן אָטעם, גיסט זיך געשווינד אָפּ די נעגל, כאַפּט אויף זיך דאָס כאַלאַטל און לויפֿט אַ באָרוועסער פֿון טרוקענעם גיהנום אַרויס. קומט ער אין גאַס אַרײַן — שטיל, אַלע לאָדן פֿאַרמאַכט, און איבערן שלאָפֿנדיקן שטעטל שטייט אַ הויכער, שטילער, אויסגעשטערנטער הימל. דאַכט זיך אים, אַז אַצינד איז ער איינער אַליין מיט גאָט, ברוך הוא; מאַכט ער אַרויפֿקוקנדיק צום הימל: ״נו, ריבונו של עולם, אַצינד איז צײַט, זאָלסט מיך אויסהערן און בענטשן מיט אַן אוצר פֿון דײַנע אוצרות״. ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, דערזעט ער, אַז פֿאַר אים לויפֿט עפּעס אַ פֿלעמל פֿון שטעטל אַרויס. פֿאַרשטייט ער, אַז דאָס איז עס. וויל ער נאָכלויפֿן, דערמאָנט ער זיך, אַז עס איז שבת, אַז לויפֿן טאָר מען נישט, — גייט ער נאָך. און אַזוי ווי פּאַמעלעך ער גייט, אַזוי פּאַמעלעך הויבט אויך דאָס פֿלעמל אָן צו גיין, און דער מהלך צווישן אים און דעם פֿלעמל ווערט נישט לענגער, נישט קירצער. גייט ער. טיילמאָל רופֿט זיך אים עפּעס אָן אין האַרץ: שמערל, זײַ קיין נאַר נישט, נעם אַראָפּ דאָס כאַלאַטל, טו אַ שפּרונג־אונטער און וואַרף עס אַרויף אויף דעם פֿלעמל! פֿאַרשטייט ער אָבער, אַז דאָס רעדט אין אים דער יצר־הרע. דאָס

כּאַלאַטל נעמט ער פֿון זיך אַראָפּ. גרייט צו וואַרפֿן איז ער, נאָר, להכעיס דעם יצר־הרע, מאַכט ער נאָך קלענערע טריט, און דערפֿרייט זיך, זעענדיק, אַז זײַט ער מאַכט קלענערע טריט, רוקט זיך דאָס פֿלעמל אויך פּאַמעלעכער. גייט ער אַזוי פּאַמעלעך דעם פֿלעמל נאָך און גייט, קומט ער פּאַמעלעך אַרויס פֿון שטעטל. דער וועג שלענגלט און דרייט זיך איבער פֿעלדער און לאַנקעס, און דער מהלך צווישן אים און דעם פֿלעמל ווערט אַלץ נישט לענגער, נישט קירצער, און אַז ער זאָל וואַרפֿן דאָס כּאַלאַטל, וואָלט ער צום פֿלעמל נישט דערגרייכט. דערווײַל צערודערן זיך אים אין קאָפּ די גדאַנקען: ווען ער זאָל כאַפּן דעם אוצר, וואָלט ער אויף דער עלטער קיין האָלץ־העקער נישט געווען; ער האָט שוין נישט דעם כּוח צו דער אַרבעט, וואָס אַמאָל. דעם ווײַב וואָלט ער געקויפֿט אַ שטאָט אין דער ווײַבערשער שול, זי זאָל נישט האָבן קיין פֿאַרשטערטע שבתים און ימים־טובֿים דערפֿון וואָס מען לאָזט זי אין ערגעץ נישט זיצן, ראש־השנה און יום־כּיפּור פֿאַלט זי נעבעך גאָר פֿון די פֿיס — די קינדער האָבן איר די כּוחות צוגענומען! און ער וואָלט איר אַ נײַ קלייד געמאַכט, אַ פּאָר שנירלעך פּערל געקויפֿט... די קינדער וואָלט ער אין בעסערע חדרים אָפּגעגעבן. פֿאַר דעם עלטסטן מיידל וואָלט ער זיך שוין אומגעקוקט וועגן אַ שידוך. אַזוי, נעבעך, טראָגט זי דער מוטער נאָך די קיישלעך מיט אויבס, און האָט קיינמאָל קיין צײַט נישט אַפֿילו זיך רעכט צו פֿאַרקעמען. און צעפּ האָט זי לאַנגע, לאַנגע, און אויגן — ווי אַ סאַרנע...

— עס וואָלט אַ מצווה געווען צו כאַפּן דעם אוצר...

— ווײַטער דער יצר־הרע! — טראַכט ער, — אַז עס איז נישט באַשערט, איז נישט! אין דער וואָכן וואָלט ער שוין געוווּסט וואָס ער האָט צו טאָן... וואָלט דאָ זײַן יאַנקל געווען, וואָלט ער שוין נישט געשוויגן... הײַנטיקע קינדער — ווער ווייסט, וואָס זיי טוען אַלע שבת... דער ייִנגערער איז אויך נישט בעסער. אוּיס'ן מלמד מאַכט ער חוזק... וויל ער אַ קלאַפּ טאָן, רייסט מען אים אויס די באָרד... און ווער האָט צײַט אויף זיי אַכטונג צו געבן? — אַ גאַנצן טאָג האַק און זעג...

ער זיפֿצט אָפּ און גייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און וואַרפֿט פֿון צײַט צו צײַט אַן אויג אין הימל אַרײַן: "ריבונו של עולם, ווען

ווילסטו דאָ אויספּרוּוון? שמערל האַלץ־העקער? ווילסט געבן, גיב!" דאַכט זיך אים, אַז דער אוצר הויבט זיך אָן צו רוקן אַביסל פּאַמעלעכער, נאָר אין דער רגע דערהערט ער, אַ הונט—בילט. דערקענט ער דאָס בילן: דאָס איז פֿון "ווייסאַקע" — דאָס ערשטע דאָרף הינטער דער שטאָט; און ער דערזעט שוין, ווי עס וויגן זיך אין דער פֿרישער פּאַרטאַג־לופֿט ווײַסע פּלעקן, דאָס זײַנען די ווייסאַקער פּויערישע הײַזלעך. און באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז עס מוז שוין זײַן אַ תחום־שבת; שטעלט ער זיך אָפּ.

— יאָ, עס איז אַ תחום־שבת, — טראַכט ער, און זאָגט, ווי אין דער וועלט אַרײַן: — וועסט מיך נישט אַראָפּפֿירן פֿון וועג! עס איז נישט קיין ג אָ ט ־ ז אַ ך, גאָט מאַכט נישט קיין חוזק פֿון מענטשן — מעשה לץ איז עס! און ער ווערט אַביסל בייזלעך אויפֿן בעל־דבֿר, און דרייט זיך צוריק אוים צום שטעטל, און גייט האַסטיק צוריק. טראַכטן טראַכט ער: אין דער היים אויסזאָגן וועל איך נישט; ערשטנס, וועט מען מיר נישט גלויבן... און אַז יאָ, וועט מען לאַכן פֿון מיר! און צו וואָס זאָל איך מיך רימען?.. דער בורא־עולם ווייסט — איז גענוג. און זי וואָלט זיך נאָך אפֿשר געבייזערט, וויים איך? די קינדער אוודאי — נאַקעט און באָרוועס, נעבעך! צו וואָס זאָלן זיי עובֿר זײַן אויף "כיבוד אָבֿ"...

ניין, ער וועט עס פֿאַרן מויל נישט ברענגען... ער וועט אַפֿילו דעם ריבונו של עולם דערינען קיינמאָל נישט דערמאָנען. האָט ער דערמיט עפּעס גוטס געטאָן, וועט ער אַליין געדענקען...

און פּלוצים דערפֿילט ער אין זיך עפּעס אַ מאָדנע, ליכטיקע רוּיקייט, אין אַלע איבֿרים צעגיסט זיך אים אַ שטילער נחת. "געלט איז פֿאָרט נישט מער ווי קײַ און שפּײַ! עשירות קאָן נאָך אַראָפּפֿירן פֿון רעכטן וועג". און עס ווילט זיך אים דאַנקען גאָט דערפֿאַר, וואָס ער האָט אים נישט געברענגט צו קײַן ניסיון. עס ווילט זיך אים כאָטש אַ ליד זינגען. "אָבֿינו מלך" דערמאָנט ער זיך פֿון די יונגע יאָרן, נאָר ער פֿאַרשעמט זיך פֿאַר זיך אַליין און האַקט אָפּ. ער וויל זיך דערמאָנען אַ חזנישע זאַך, אַ סיני'דיקס, — פּלוצלונג אָבער דערזעט ער, אַז דאָס אייגענע פּלעמל, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך, איז אים צוריק

אַרויסגעקומען פֿון פֿאַרנט, און עס רוקט זיך פֿאַר אים גאַנץ פּאַמעלעך צום שטעטל, צום שטעטל ... און דער מהלך צווישן אים און דעם פֿלעמל ווערט ווײַטער נישט לענגער, נישט קירצער, גלײַך דאָס פֿלעמל שפּאַצירט, און ער שפּאַצירט — אַזוי אַביסל לכבוד שבת. פֿרייט ער זיך שטיל און קוקט נאָך. דער הימל ווערט בלאַסער, שטערנדלעך הויבן זיך אָן לעשן, דער מיזרח רויטלט זיך אַביסל, עס צעגיסט זיך ווי אַ שמאָל רויטלעך טײַכל אין דער לענג — און דאָס פֿלעמל רוקט זיך אַלץ אין שטעטל אַרײַן, גייט אין זײַן גאַס. אָט איז זײַן שטוב. די טיר פֿון זײַן שטוב, זעט ער, שטייט אָפֿן. ער האָט זי, אַפּנים, פֿאַרגעסן צו פֿאַרמאַכן ... און אָט. דאָס פֿלעמל גייט אַרײַן, צו אים אין שטוב אַרײַן גייט עס! גייט ער נאָך, זעט ער, ווי עס לאָזט זיך, דאָס פֿלעמל, אונטערן בעט אַרונטער. אַלע אַרום שלאָפֿן, — גייט ער שטיל צו, בויגט זיך אײַן, זעט ער, דאָס פֿלעמל דרייט זיך אונטערן בעט ווי אַ דריידל, אויפֿן אָרט. נעמט ער און וואַרפֿט אַרונטער אונטערן בעט דאָס כאַלאַטל און דעקט דאָס פֿלעמל צו. — קיינער הערט נישט; און דאָ גנבֿעט זיך שוין אין שטוב אַרײַן אַ גאָלדענער מאָרגן־שטראַל דורך דעם שפּאַלט פֿון לאָדן.

זעצט ער זיך אויפֿן בעט, טוט אַ נדר, אַז איבער שבת וועט ער קיינעם קײַן וואָרט נישט זאָגן, קײַן האַלב וואָרט נישט — עס וועט קומען, חלילה, צו חילול שבת ... זי וועט זיך נישט אײַנהאַלטן; זיי, די בנים, אַוודאי נישט, זיי וועלן באַלד וועלן איבערציילן, באַלד וויסן וויפֿל! און באַלד וועט דער סוד פֿון שטוב אַרויס, און אין שול, אין בית־המדרש און אין אַלע גאַסן וועט ווערן אַ גערעדערײַ וועגן זײַן עשירות ... וועגן מזל ... און קיינער וועט נישט דאַווענען, נישט וואַשן זיך, נישט בענטשן, ווי עס דאַרף צו זײַן — און ער וועט נאָך פֿאַרזינדיקן זײַן הויזגעזינד און אַ האַלבע שטאָט, ניין — קײַן פּיפּס נישט ... און ער ציט זיך אויס אויף דעם בעט און מאַכט זיך שלאָפֿן.

און אין דעם זכות, אַז ער האָט נאָך הבֿדלה זיך אַראָפּגעבויגן אונטערן בעט און אויפֿגעהויבן דאָס כאַלאַטל, איז אונטן טאַקע געלעגן אַ זאַק מיט אלף אַלפֿי אַלפֿים דינרין, כמעט אָן אַ שיעור — אַ גרויס בעט געווען! — און איז טאַקע געוואָרן אַ גבֿיר שבגבֿירים.

און ער האָט שוין אָפּגעלעבט אין נחת די יאָרן.

נאָר דאָס ווײַב פֿלעגט אים אַלעמאָל אין נחת פֿאַרוואַרפֿן:
ריבונו של עולם, ווי האָט עס אַ מענטש אַ האַרץ ווי אַ שטיין, אַ גאַנצן זומער־טאָג אַ וואָרט נישט צו זאָגן, פֿאַרן אייגענעם ווײַב קיין איינציק וואָרט . . . און איך האָב, — דערמאָנט זי זיך, — דאַמאָלסט בײַ "גאָט פֿון אַבֿרהם" זיך אַזוי אַנגעוויינט, אַ ז ו י אָנגעוויינט . . . עס איז קיין דרײַער אין שטוב נישט געווען . . .

און ער טרייסט זי מיט אַ שמייכל:

ווער ווייסט, אפֿשר האָט זיך עס טאַקע אין זכות פֿון דײַן "גאָט פֿון אַבֿרהם" אַזוי גוט אויסגעפֿירט.

————):(————

שרה בת טובים

און

די מעשה וואָס איך וויל יעצט דערציילן, איז אַן אויסטערליש־וואונדערלעכע מעשה, און — אַן אמת גמור. זי איז אין קיין שום ספר נישט געדרוקט, אין קיין קהלשן פנקס נישט פאַרשריבן; איך האָב זי בקבלה איש מפי איש און זי שטאַמט פון אַ גרויסן אָרט . . .

און געשען איז די מעשה פאַרצייטנס, ווען עס זיינען נאָך אַזוי פיל שטעט און דערפער נישט געווען; אַ וועלט מיט "וואַלד־אויס, וואַלד־איין". און געטראָפן האָט זיך עס אין מיירן דער מדינה, אַ יידישע קהילה איז זעלטן. משפחותווייז אין דערפער פאַרזייט. אין וועלדער צעשפּרייט; אָן תורה, אָן תפילה בציבור, אויסער ימים־נוראים, ווען מען ציט מיט קינד און קייט אין די ווייטע שטעט אריין.

זיצט זיך דאַמאָלסט אַ ייד אַ שווייגער ביי אַ גראַף אין אַ דאָרף; פרנסה רינט איבערן מויל . . . פינף הונדערט קי מעלקט ער דעם גראַפס; זיינע אייגענע אויך אַביסל. האָט ער אַ פולן קעלער מיט פוטער און קעז, אַ בוידעם מיט תבואות, פלאַקס און פעלעכלעך, און דער טייסטער אין בוזעם וואַקסט אין דער דיק, און דאָס קניפּל ביי דער שווייגערין באַזונדער, און אַ זון וואַקסט אַ געזונטער, אַ ווילער, ווי אַ יונגער בוים אין וואַלד.

שווייגער — פאַכטער, ארענדאר פון מילך־קי.

און פֿון דעסטוועגן, איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט, זיצט דער שוויגער ביי אַ וועקסן־ליכט ביים טיש איבער די חשבונות, מיט דעם שפּיץ ווייסלעכער באָרד צווישן די ציין, דער שטערן גערונצלט, ווי פֿון שווערע זאָרג, און קוקט מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן אין פֿענצטער אַריין...

— דו זינדיקסט, מיין מאַן! — וועקט אים פֿון די געדאַנקען דער שוויגערינס קול. פֿון דער צווייטער שטוב איז זי אַריינגעקומען, צום שלאָפֿנדיקן זון געקוקט, און איר פּנים שטראַלט.

— הערסט, איבערגעבויגן האָב איך זיך איבער אים... די בעקלעך רויטלען זיך, ווי אַ פֿרישער פֿרימאָרגן און דער אָטעם איז רויִק און שטיל, און שמעקט נאָך פֿרישע עפּל...

— דאָס איז טאַקע מיין זאָרג, — ענטפֿערט דער שוויגער, — מען וווינט אין אַ דאָרף, ווייט פֿון אַ ייִדישער קהילה, און יאָרן ציען, יאָרן פֿליען; ווו נעמט מען אַ שידוך פֿאַר אונדזער זון, ווי אַזוי וועט מען אים פֿאַרקנסן?

— גאָט וועט העלפֿן, — טרייסט די שוויגערין, — ער האָט ביז אַהער אונדז נישט פֿאַרלאָזט...

— אָט דאָס איז טאַקע, — מאַכט דער שוויגער, — גאָטס הילף דאַרף מען, און אין וועלכן זכות? קיין יודע ספֿר בין איך נישט, לערנען לערן איך נישט, צווישן ייִדן וווינט מען נישט, נאָר איין מצווה קאָנען מיר מקיים זיין, — הכנסת־אורחים הייסט די מצווה — און זע! — ער ווייזט איר מיטן בליק צום פֿענצטער־צו — איז אָנגעפֿאַלן אַ שניי פֿון הימל, אַ גרויסער שניי, האָט ער די שטעגן פֿאַריאָגט, די וועגן פֿאַרשיט, און טעג און אפֿשר וואָכן, וועט קיין אורח איבער דער שוועל נישט קומען...

הויבט ער זיך אויף, און גייט אַרום, זען, וואָס אין דרויסן טוט זיך. זי נעמט זיך די בעטן צורעכט מאַכן, זאַמט ער זיך אָבער צו לאַנג, ווערט איר אומעטיק, לאָזט זי אָפּ דאָס בעטגעוואַנט, גייט צום פֿענצטער צו און פּוקט מיט די דיקלעכע פֿינגער אין דער שויב צום מאַן אַרוים.

איז אָבער די שויב געפֿרוירן, קלינגט זי העל נישט אָפּ; כאַפּט זי די שאַל אויף זיך, און גייט נאָך דעם מאַן פֿאַר דער טיר. זעט זי, אַז דער מאַן, וואָס הערט נישט אירע טריט און קערט זיך נישט אום, שטייט פֿאַרקוקט אויפֿן וועג פֿון וואַלד אַרויס. קוקט זי אים נאָך. זעען זיי ביידע צוזאַמען, ווי איבערן פֿאַרשאָטענעם פֿאַרוואונדערט, וועג פֿון וואַלד גייט אַ געשטאַלט, אַ ווײַבערישע, אין אַ הויב אַ הויכער, אין אַ טערקישער שאַל. און די שאַל איז איבער די אַקסל נאָר פֿאַר שיינקייט וועגן פֿאַרוואָרפֿן, גלײַך אַ לינדע זומער־נאַכט; נישט אײַנגעוויקלט איז זי אין דער שאַל. פֿרײַ פֿליען רעכטס און לינקס די עקן פֿון איר, גלײַך זיי וואָלטן אירע פֿליגל געווען . . . און נישט זי גייט אין שניי, זי שווימט איבערן שניי. קיין פֿוס פֿאַלט נישט אַרײַן, לאָזט קיין צייכן איבער.

קוקן זיי ביידע פֿאַרגאַפֿט, ביז די געשטאַלט קומט צו צו זיי און פֿרעגט, צי זי קען נישט רוען אַ שעה בײַ זיי אין שטוב . . .

קוקן זיי ביידע אַזוי פֿאַרגאַפֿט, ביז די געשטאַלט קומט צו צו מיט גרויס פֿרייד דעם ווײַבערישן וווּנדערלעכן גאַסט אין שטוב אַרײַן, גאָט האָט זיי אַ גאַסט באַשערט! און ווילן וועקן דעם משרת, הייסן מאַכן וואַרעמס אַ גלעזל; און די שווײַגערין לויפֿט צו צו דער שאַנק און עפֿנט זי ברייט און וויל אַרויסנעמען פֿון שענסטן און בעסטן עסן און טרינקען, און אײַנגעמאַכטס, און זיסן בראַנפֿן אַביסל. דער אויסטערלישער גאַסט זאָגט אָבער: ניין! זי וועט גאָרנישט פֿאַרזוכן, גאָרנישט טועם זײַן, אַז זי דאַרף נישט, נאָר אָפּרוען וויל זי זיך אַביסל, זי גייט אין אַ נייטיק שליחות . . . גיט זיך די שווײַגערין אונטער, צינדט־אָן נאָך אַ וועקסן־ליכט, פֿירט דעם גאַסט אין אַ באַזונדער חדר אַרײַן; ווײַזט־אָן אויף אַ גרויס בעט, אויף בעטגעוואַנט ווי שניי, קישנס פּוכענע, אַ לײַכט וואַרעם איבערבעט . . . און ווילט איר נישט עסן, נישט טרינקען, — שלאָפֿט אײַך געזונטערהייט.

שלאָפֿן אָבער, זאָגט די געשטאַלט, וועט זי נישט, נאָר אָפּרוען אַביסל, ווײַל זי האָט נאָך אַ ווײַט שליחות. און אַז די שווײַגערין וויל זי איבערלאָזן אין שטוב, האַלט זי זי אײַן און פֿרעגט, וויפֿל עס קומט פֿאַרן חדר. ווּאָרים אַוועקגיין וועט זי שטיל, און וויל קיינעם נישט וועקן, ווײַל זי איבערלאָזן געלט.

שפּרינגט די שוואַנגערין אַפּ טיף געקרענקט: קיין געלט נעמט זי נישט, אויף קיין פאַל נישט... דאָס איז דאָך די איינציקע מצווה, וואָס זיי קאָנען מקיים זײַן אין דאָרף; אין דעם זכות נאָר העלפּט זיי דאָך גאָט, און וועט — גיט זי מיט גרויס ביטחון צו — ווײַטער העלפן!

צעשמייכלט זיך די געשטאַלט און פרעגט:

— פעלט אײַך עפּעס דען? האָט איר נאָך אַ בקשה צו גאָט?

— חס ושלום!.. מ'זע'מיר. ברוך השם, איך און מײַן מאַן געזונט, און אונדזער זון זאָל לעבן אוודאי... און פּרנסה, ברוך השם, איבערן מויל... נאָר וועגן אַ זיווּוג גייט...

און זי דערציילט וועגן איר זון, וואָס ווערט זיבעצן יאָר אַלט... און מען ווינט אין אַ דאָרף, צו אַ קהילה איז ווײַט...

— און וואָס טוט איר דערצו?

— מען האָפט צו גאָט, מען בעט זײַן ליבן נאָמען... דער מאַן אויף זײַן לשון, זי אויף איר לשון... אַלע געבעטן בעט זי אויס, אַלע תחינות קאָן זי אויסווייניק כמעט, שׂרה בת טובֿימס אַלע זיסע, האַרציקע תחינות... נאָר איינע, דער עיקר, האָט זי שוין מיט טרערן דורכגעניצט, די זיווּוג תחינה...

— גאָט וועט העלפן, — שמייכלט די געשטאַלט... — איך בין זיכער, שמייכלט זי... אַ סימן האָט איר, קיין געלט פאַרן חדר ווילט איר נישט, גיב איך אײַך אַ מתנה פאַר אײַער זונס כלה וועגן.

אזוי זאָגט זי עס און נעמט דערבײַ פון אונטער דער טערקישער שאַל די מתנה אַפיר: אַ פּאָר גאָלדענע פאַנטאָפּעלעך מיט פּערעלעך באַנייט... בליצט עס אין דער שוואַנגערינס אויגן, שטופּט אין די געשטאַלט די פאַנטאָפּעלעך אין דער האַנט אַרײַן און זאָגט:

אַ מתנה פון שׂרה בת טובֿים, — און פאַרשווינדט...

און אַז דער שוואַנגער האָט זיך נישט געקאָנט אויפן ווײַב דערוואַרטן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר און נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, דערשראָקן די טיר געעפנט, זעט ער, דאָס ווײַב

שטייט אַליין אינמיטן שטוב מיט אַן אָפֿן מויל, אויסגעגלאָצטע אויגן, און גאָלדענע פֿאַנטאָפֿעלעך אין דער האַנט.

2.

אין דער זעלבער צײַט, אין דער זעלבער מדינה מײַרן, נאָר מײַלן, מײַלן ווײַט פֿון שווײַגער, און נישט ווײַסנדיק פֿון שווײַגער, האָט אין אַ טיפֿן וואַלד אַ ייִד געוווינט, אַ קוילן־ברענער. האָט אַ שטיבל אין וואַלד און אַן אויוון געדונגען, אויך בײַ אַ גראַף. נאָר דער ייִד איז אַן אָרעמער געווען און אַ שווערע פּרנסה געהאַט: זאַמלען דאָס אָפּגעפֿאַלענע פֿון ביימער: זומער — אָפּגעדאַרטע צווײַגן, ווינטער — קאַרגע געפֿלאַצטע פֿון פֿראָסט און נאָך יעדן געוויטער — דאָס אָפּגעהאַקטע פֿון דונער און אָפּגעריסענע פֿון ווינט, און טראָגן צום אויוון און אויף קוילן פֿאַרברענען. קומט ער פֿאַרנאַכט אַהיים אַ מידער, אַ שוואַרצער... האָט אים אָבער זײַן ליבער נאָמען אַ זים טעכטערל באַשערט (דער ייִד איז אַן אַלמן געווען), קומט זי אים אנטקעגן מיט פֿרייד, און העלפֿט אים וואַשן און איבערטאָן זיך און גיט אים צו עסן און צו טרינקען און מאַכט אים פֿײַן דאָס געלעגער צורעכט...

און קאָן ער נישט אײַנשלאָפֿן, — און, זײַט ער איז אַן אַלמן געוואָרן, טרעפֿט זיך עס אים גאַנץ אָפֿט, — צינדט זי אַ קינעלע אָן; אָדער, ווען קלאָרע נעכט, שטעלט זי זיך קעגן דער לבֿנה צום פֿענצטערל, און לייענט הויך אירע הייליקע ספֿרים אויף עבֿרי־טײַטש. די מוטער האָט זי אויסגעלערנט, די ספֿרים בירושה געלאָזט: צאינה־וראינה, קבֿ־הישר, תחינות פֿון שׂרה בת טובֿים... לייענט זי אים הויך... ער, אַ פּראָסטער ייִד, הערט זיך אײַן, ביז די אויגן קלעפּן זיך אים צו, דאַכט זיך אים, אַז י ע נ ע לייענט, די מוטער לייענט; און ער שלאָפֿט רויִק אײַן, אײַנגעוויגט פֿון זיסן קול און די ווערטער די הייליקע...

קומט איר אַמאָל אַ זייער האַרץ־ווייכיקע תחינה אין דער האַנט אַרײַן, אַ תחינה, וואָס אַ מאַמע זאָגט, ווען זי בעט זײַן ליבן נאָמען וועגן אַ זיווג פֿאַר אַ קינד...

"און זע, ליבער, האַרציקער גאָט, פֿאַר מײַן ליבער, האַרציקער טאָכטער װעגן אַ זיװוג, אַ זיװוג אַ כשרן"... הױבט דאָס מײדל אָן צו פֿאַרשטײן װעגן װאָס עס גײט. האַקט זי אָפּ און װיל אָן אַנדער תּחינה נעמען, בעט זיך דער פֿאָטער:

— נײן, טאָכטער לעבן, נײן... װײַטער לײען... גיב מיר די הײליקע װערטער אין מױל אַרײַן. לאָמיך בעטן בײַ גאָט פֿאַר דיר... אַ האַרץ האָב איך, טאָכטערשי, אַ פֿולס, נאַר, אַ ייִד אַ פּראָסטער, קײן װערטער האָב איך נישט...

מוז זי פֿאָלגן און לײענט װײַטער און װײַטער. װי שמעקעדיקער בוימל גיסט זיך די תּחינה. לאַנג אײַנגעשלאָפֿן איז שױן דער פֿאָטער — זי מערקט עס נישט, ער שנאָרכט — זי הערט נישט און לײענט... און פּלוצלונג װעקט זיך אױף אַ נישט פֿאַרשטאַנען בענקעניש אין דעם מײדלס האַרץ, די יתומישע נשמה האָט זיך עפּעס פֿאַרבענקט... עס קלאַפּט דאָס הערצל־קלײן, פֿײַכט און נעפּלדיק װערן די אױגעלעך פֿאַרדעקט, די רײן־קינדעריש בלױע, און דאָס קולעכל ציטערט און ציטערט און װערט פֿון באַהאַלטענע טרערן פֿײַכט...

און אינמיטן — עפֿנט זיך די טיר און אין איר באַװײַזט זיך אַ װוּנדערלעכע געשטאַלט... אין אַ הױב אַ הױכער און אַ טערקישער שאַל, די אױגן לײַכטן אַזױ לײַטזעליק זיס, אַז דאָס אײַנגעשרומפּענע פּנימל שטראַלט.

— טאַטע! — װיל זי דעם פֿאָטער װעקן. לײגט אָבער די אַלטע די פֿינגער איבער די לעפֿצן, װערט דאָס מײדל שטיל, בלײַבט זי, װי אין אַ פֿרכישופֿטן חלום שטײן. און די אַלטע גײט צו צום טיש און זעצט זיך, און שטרעקט אױס די האַנט, און ציט דאָס מײדל זיך צום האַרצן צו...

— שרעק זיך נישט, מײדעלע, — זאָגט זי, — שׂרה בת טובֿים בין איך... מײַנע תּחינות האָסטו געלײענט... און עס איז אַ שטילע נאַכט, האָב איך אין מײַן שטילער רו דײַן זיסן קול געהערט, בין איך געקומען צו דיר און האָב דיר אַ מתּנה געבראַכט...

און נעמט פֿון אונטער דער טערקישער שאַל די מתּנה אַפּיר.

— זע, ליב קינד . . . אָט, סאַמעט געשווירענער אַ שטיק . . . אויף אַ בײַטעלע צוגעשניטן . . . און פּול, אַלערליי קאָלירן זײַדענע פּול, צום אויסנייען, דאָס בײַטעלע . . . און פֿעדים נאָך דערצו זילבערנע, און גאָלדענע אויך אַביסל, און פֿליטערלעך דערצו. אויך זילבער און גאָלד . . . און אַזוי, זעסטו, נייט מען, טעכטערל, און אַזוי ווערט געשטיקט . . . האַלט די נאָדל פֿעסט, לויף מיט די פֿינגערלעך געשיקט . . . זעסט, אַ מגן־דוד גייט, און אָט בליען בלימעלעך אַרויס . . . פֿרישע, ווי אין וואַלד אין זומער צײַט . . . אַ תּפֿילין־בײַטעלע ניי, אַ מתּנה מאַך, פֿאַר דײַן באַשערטן אַ מתּנה, ווי דײַן ליבע מאַמע האָט דײַן ליבן טאַטן געשענקט . . .

און די אַלטע לערנט, און דאָס מיידעלע שטיקט און העפֿט . . .

און אַז דער פֿרימאָרגן בליט, כאַפּט זיך דער פֿאָטער אויף, די טאָכטער זיצט אַליין אין שטוב מיט אַ תּפֿילין־בײַטעלע אין די הענט — סאַמעט, זילבער און גאָלד . . .

3.

און אַז דעם שווײַגערס זון איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָט מען אים אַרויפֿגעזעצט אויף אַ וועגעלע און געשיקט אין דער וועלט אַרײַן, זיך אַ כּלה זוכן צו שׂרה בת טובֿימס פֿאַנטאָפֿעלעך . . .

פֿאָרט ער וואַלד־אויס, וואַלד־אײַן, איבער דערפֿער און שטעט. כּלה־מיידלעך ווי זאַמד און ערד — קיין איינער פּאַסן די פֿאַנטאָפֿעלעך נישט . . .

פֿאָרט ער אַ יאָר, פֿאָרט צוויי, נישטאָ און נישטאָ. פֿאַרלירט ער די אמונה דערין, קערט ער אַהיים; ער וועט טאַטע־מאַמע זאָגן: ס'איז אַ חלום געווען; אַזוינע פֿיסלעך קליינע זײַנען נישט פֿאַראַן . . .

פֿאָרט ער אַהיים, און פֿאָרט, און פֿאָרט פֿון וועג אַראָפּ, און פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. דעמבעס מיט דעמבעס, ריזן בײַ ריזן שטייען, נישט אויס און נישט אײַן. בלײַבט ער שטיין; פֿרײַטיק איז, די זון גייט אונטער און לאָזט זיך, אַ פֿײַערדיקע קויל, אַלץ טיפֿער און טיפֿער אַראָפּ. דער אָוונט פֿאַלט צו — שטעלט ער זיך שיר־השירים

זאָגן, און גייט, שיר השירים זאָגנדיק, אין וואַלד אַרום. האַלט זיך נאָר פֿון וועגעלע נישט ווײַט, און פֿון פֿערד, וואָס פּאַשעט זיך . . . און שטיל רוישט, בײַם אָוונט־ווינטל, דער וואַלד, גלײַך ער וואָלט אים שיר השירים נאָכגעזאָגט . . . און שטיל ווערט און טונקעלער, און פּלוצלונג פֿלאַמט צווישן די ביימער אַ פֿענצטערל אויף, לויפֿט ער צו מיט פֿרייד און קלאַפּט אָן :

— ווײנט דאָ אַ ייִד ?

— אַ ייִד !

אַ ייִד קומט פֿון שטיבל אַרויס, באַווײַזט זיך אויף דער שוועל.

— שלום־עליכם, אַ ייִד !

— עליכם־שלום, — ענטפֿערט דער יונגערמאַן, — קאָן מען האַלטן שבת בײַ אײַך ?

— האַלטן יאָ, — ענטפֿערט מיט אַ טרויעריקן שמייכל דער ייִד, — נאָר עסן האָב איך נישט וואָס . . .

— עסן האָב איך,— ענטפֿערט דער יונגערמאַן,— און טרינקען אויך, — קומט מיט מיר צום וועגעלע צו, פֿון אַלעם גוטן אָנגעגרייט.

אין אַ שעה אַרום נאָך קבלת־שבת זיצן זיי שוין ביידע נאָך קידוש בײַם טיש . . . און זינגען זמירות און עסן . . . זעט דער יונגערמאַן ווי פֿון יעדן מאכל נעמט דער אַלטער און איז קוים וואָס טועם אַביסל, און טראָגט באַלד די רעשט פֿאַר דער טיר אַרויס, מיינט ער,— פֿאַר אַ קעלבל צי אַן עוף . . . איז ער דאָך נישט אַזוי אָרעם, דער ייִד, פֿאַרוואָס האָט ער קיין שבת נישט געמאַכט . . . אַ יונגערמאַן, פֿרעגט ער אים :

זאָגט דער אַלטער : — ניין, אַן אָרעמער קוילן־ברענער בין איך . . . קיין קאַלב, קיין עופֿות פֿאַרמאָג איך נישט . . . נאָר אַ זים טעכטערל האָב איך, באָרוועס גייט זי, נעבעך, שעמט זי זיך באָרוועסערהייט אין שטוב אַרײַנצוקומען . . . זיצט זי און עסט פֿאַר דער טיר . . .

נעמט דער יונגערמאַן מיט האַרץ־קלאַפּעניש די גאָלדענע פּאַנטאָפֿעלעך פֿון בוזעם אַרויס און גיט זיי דעם אַלטן איבער :

— גייט, מעסט זיי אײַער טאָכטער אָן . . . צי זיי פּאַסן, זעט . . .

קומט דער אַלטער צוריק : — זיי פּאַסן . . .

4.

און בײַם רײַכן שווײַגער איז אַ חתונה געווען . . . ער האָט מיטן קוילן־ברענער אַ שידוך געטאָן, און די חופּה האָט מען אין שטאָט געשטעלט. און אַז מען איז פֿון דער חופּה געגאַנגען, האָט זיך פּלוצלונג אַ געשטאַלט באַוויזן, אין אַ הויב אַ הויכער, אין אַ טערקישער שאַל, אַ פּנים אָן אַלטס, נאָר אויגן לײַטזעליקע און יונגע, און האָט קעגן חתן־כּלה מיט אַ קוילעטש געטאַנצט . . .

און נישט אַלע האָבן געוווּסט, ווער דאָס איז . . .

)::(

דער ארענדאר

קאפיטל 1

אן ארענדאר א קמצן און תפילות פון אן אשה

אין פוילן דער מדינה, הינטער צויזמער, וואס ביי דער ווייסל, האט געלעבט א ייד אן ארענדאר.

איז דער ארענדאר געווען א גרויסער חשוב ביים פריץ, און דער פריץ איז א גרויסער מאגנאט געווען, איז ער, דער ארענדאר, געקומען צו גרוים עשירות.

האט ער געהאט פאלווארקעס מיט וואלד און פעלד, און הערטשאפטן פון שאף און רינדער, און הייזער, און ברייזער, און מילן — אויף וואסער און אויף ווינט; און מזומנים גאר פיל, א חוץ חובות ביי לייט . . .

מילא, אז זיין ליבער נאמען שענקט מזל, איז אוודאי גוט.

איז אבער דער ייד א גראב נפש געווען, און א קמצן א גרויסער, און נישט געוווסט פון קיין צדקה: נישט מיד־ליד, נישט ר' מאיר־בעל־הנס, נישט מעות־חיטין, גארנישט, — און לאזט נישט קיין אורח איבער דער שוועל.

פאלווארעק, פאלווארקעס — נחלות, גיטער.
ברייזער (ברויז) — פאבריקן פון וויין, בראנפן, ביר.

אַ ווײַב האָט ער געהאַט דווקא אַן אשה צנועה וחשובֿה, פּלעגט ער איר אָנטאָן געברווינטע לייד פֿאַר אַ גראָשן צדקה וואָס זי פּלעגט טאָן אָן זײַן ווײסן; פֿײַניקן פּלעגט ער זי דערפֿאַר.

ווילע קינדער האָט ער געהאַט, — אַפּנים, אין דער מוטער אַרײַן געראָטן, — האָט ער די ייִנגלעך אין חדרים אַרײַן, אין שטאָט אַרײַן נישט געשיקט; עס זײַנען אים די פֿערד אַ שאָד געווען. און בײַ זיך קיין רעכטן מלמד נישט געהאַלטן, נאָר אַ בעלפֿער בחצי־חינם, וואָס האָט זיי קוים עבֿרי אויסגעלערנט.

האָט פֿון דעם די אשה נאָך מער צער געהאַט.

פּלעגט זי גאַנצענע טעג וואַרגן זיך מיט די טרערן אין האַלדז. בײַנאַכט מיט די טרערן, די שטילע, אויסנעצן די קישנס. און ערשט ימים־נוראים, אַז מען פּלעגט קומען אין שטאָט אַרײַן, האָט זי אין עזרת־נשים זיך רעכט אויסגעוויינט דאָס האַרץ, די וועלט אײַנגעריסן.

און אַ תּפֿילה אַן אײנאײנציקע האָט זי געהאַט אויף די ליפּן און אינם צעוויטיקטן האַרץ:

"זאָל זײַן ליבער נאָמען זיך מרחם זײַן אויף איר מאַן און איבערבײַטן זײַן האַרץ צום גוטן. זאָל ער נישט זײַן אַזוי אַרײַנגעטאָן אין דער תּאווה פֿון עשירות און אין עולם הזה פֿון אכילה ושתיה... זאָל ער די נשמה אויך נישט פֿאַרגעסן, — זי זאָל, חס־ושלום, אַז עס וועט קומען די צײַט, נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן אויף כּף הקלע"...

און אַזוי האָט זי געבעטן:

"זע, ריבונו של עולם, גוטער גאָט, האַרציקער גאָט, ער זאָל באַצײַטנס נאָך תּשובֿה טאָן"...

"זאָל ער מיט אַ ברייטער און פֿולער האַנט צדקה געבן, זאָל ער אַ מכניס אורח ווערן, און זאָל מחנך זײַן די קינדערלעך אין גאָטס וועג, און מגדל זײַן לתּורה ולחופּה ולמעשׂים טובֿים"...

וואָס קאָן מער טאָן אַ צעבראָכן האַרץ פֿון אַ ייִדענע?

קאַפּיטל 2

אַ אָרעמער גייער לאַכט און דער אַרענדאַר גייט זיך באָדן

איינמאָל, פֿרײַטיק בײַטאָג.

זומער־לעב געווען, אַ טאָג — אַ גאָלדענער.

זיצט דער אַרענדאַר, מיט דער גאַנצער מישפּחה, אונטערן פֿרײַען הימל, אין גערטל פֿאַרן הויז, בײַם אָנבײַסן.

אַ דעמב אַ ריז, מיטן צעלאָזטע צווײַגן איז אין גערטל געשטאַנען. האָט מען אים שאָטן פֿונם דעמב דעם טיש געדעקט, ריט כל־טוב: פֿיש, פֿלייש און צימעס און אַ שטרודל, — בײַם פּריץ אויסגעלערנט; און אַ פֿלעשל אַלטן מעד בײַם טיש, — כיד הגביר.

זיצט ער זיך אויבן־אָן, דער אַרענדאַר, שעפּט נחת פֿון דער אכילה, פֿאַרטרינקט מיטן אַלטן מעד, און איז מקבל תענוג פֿונם עולם הזה, סמאַטשקעט מיט די פֿעטע ליפּן.

קומט פֿון צווישן די ביימלעך אין גערטל פּלוצלונג אַרויס אַן אָרעמער גייער, מיטן פּעקל אויף די אַקסל . . .

וואָס טראָגט אַרום אַ גייער ? בענדער און בענדלעך, קעמלעך, נאָדלען און האָר־נאָדלען, און שפּילצײַג פֿאַר קינדער . . . וכדומה אַזוינע קלייניקײַטן.

דערזעט ער די מישפּחה בײַם טיש, שטעלט ער זיך שטיל אָפּ, לאָזט אַראָפּ דאָס פּעקל פֿון די פּלייצעס, גלײַכט זיך אַביסל אויס — אַן אַלטער, גרויער ייִד געווען, און אַ שוואַכער, נעבעך.

בעט ער זיך, דער אָרעמער גייער :

— קויפֿט עפּעס, ייִדן, לאָמיך פֿאַרדינען אויף שבת . . .

וויל זיך צו אים די אשה אויפֿהויבן; וואַרפֿט אויף איר דער אַרענדאַר אַ בייזן בליק, בלײַבט זי, נעבעך, זיצן . . .

— זעט, — מאַכט דער גייער, — די זון איז שוין אַזוי הויך, און איך האָב נאָך אויף שבת קיין סימן און קיין צייכן נישט . . .

— אַוועק! — טרײַבט דער אַרענדאַר, טרינקענדיק...

— שענקט מיר כאַטש, — רופֿט זיך אָן דער גייער, — אַ ביסן אין מויל אַרײַן. די נשמה צו דערכאַפּן... כאַטש וואַסער אַ טראָפּן; ס׳ברענט אַזוי די היץ...

שלינגט די אשה די געזאַלצענע טרערן און שווײַגט. קאָנען די קינדער נישט צוזען דער מוטערס צרות און דעם גייערס נויט, און הויבן זיך אויף, און גייען אַוועק פֿון טיש, טיפֿער אין גערטל אַרײַן, און דער אַרענדאַר שפּרינגט אויף מיט גרויס גרימצאָרן:

— בעטלער, קבצנים האָב איך פֿײַנט, הערסט? ! כ׳רוף דעם משרת, ברעכט ער דיר אַ ביין!

הויבט דער גייער צוריק אויף דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס, קרעכצט אָפּ און, האַלטנדיק אין גיין, פֿרעגט ער:

— און פֿאַר גאָט, אַרענדאַר, האָט איר גאַר קיין מורא נישט?

— ניין!

און ער צעפּראַלט זיך, דער עם־הארץ:

— וואָס קאָן אים גאָט טאָן?

וועט ער שיקן אַ פֿײַער פֿון הימל און אַוועקלאָזן די הײַזער, ברײַזער און די מילן, מיט די שפּײַכלערס מיט תּבֿואות מיטן רויך, — בלײַבן אים נאָך אַלץ די פֿאָלווארקעס מיט וואַלד און פֿעלד...

און דער אַלטער מעד שטײַגט אַלץ מער און מער אין קאָפּ אַרײַן, און ער באַרימט זיך ווײַטער:

און זאָל ער יאָרן־לאַנג נישט לאָזן וואַקסן אין פֿעלד, בלײַבט אים נאָך אַלץ די והותר מזומנים אין קאַסע, וועקסלען אין טײַסטער.

און זאָל ער שיקן גנבֿים, זיי זאָלן אויפֿברעכן די קאַסע און צונעמען אַלץ... מאָנט ער אַלץ די חובֿות אָפּ... זײַן פּריץ איז דער שופֿט, און וועט אים גלויבן אויפֿן וואָרט.

צעוויינט זיך די אָרעמע אשה, די ווערטער הערנדיק, אויף אַ קול, און גייט אויך אַוועק פֿון טיש... צעלאַכט זיך פּלוצלונג דער

גייער און נעמט זײַן וועג, און פֿאַרשווינדט צווישן די ביימער. און דעם אַרענדאַר ווערט עפּעס אין אַלע איבֿרים היים.

נעמט ער אַ האַנטוך פֿון שטוב אַרויס און גייט זיך באָדן צו דער ווײַסל...

קאַפּיטל 3

אַ פֿויגל לאַכט און דער אַרענדאַר בלײַבט אַ נאַקעטער

באָדט ער זיך אַזוי און קילט זיך, און שעפּט נחת פֿון קאַלטן וואַסער, און שווימט — אַ יונג מיט ביינער געוועז! — מיטן וואַסער, קעגן וואַסער, און אַרום און אַרום דער קעמפּע, וואָס איז אין דער מיט פֿון דער ווײַסל הינטער צווזמער, און מאַכט קונצן אַלערליי: אויפֿן רוקן און טריט־וואַסער, און לייגט "שטילע הענט"...

דערהערט ער פּלוצלונג פֿון דער קעמפּע, פֿון צווישן די נידעריקע ביימלעך, וואָס וואַקסן דאָרט, אַ פֿויגל־קול. פֿאַרנעמט ער אים. דער קול; ער האָט נאָך אַזאַ שפּילן פֿון אַ פֿויגל נישט געהערט...

האָט ער דאָך תאווה צו אַלעם; מוז ער דעם שפּיל־פֿויגל האָבן, אין שטוב, אין אַ שטײַגל האַלטן. אַזאַ שפּיל־פֿויגל האָט דער פּריץ נישט!

שפּרינגט ער אויף דער קעמפּע אַרויף — דערזעט ער דעם פֿויגל...

אויף אַ צווײַגל פֿון אַ נידעריקן ביימל איז ער. דער פֿויגל, געשטאַנען, און, אחוץ דעם זיסן קול, אַ פֿויגל — אַ פֿאַרנעמעניש: אַ גאָלדענער פֿויגל. און רויק שטייט ער זיך, דער פֿויגל, און זינגט זיך זײַן ליד, גלײַך ער זעט זײַן שונא נישט.

שלײַכט ער זיך, דער אַרענדאַר, צום ביימל צו, און שפּרינגט אונטער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און כאַפּט — לופֿט אין דער פֿויסט אַרײַן. דער פֿויגל האָט זיך איבערגעהיפּט אין דער שטיל, אויף אַ צווײַג — אַן אַנדערן, אויפֿן ביימל פֿון דער צווייטער זײַט...

קעמפּע — אינדזעלע.

גייט ער נאָך, דער אַרענדאַר, אויף די נעגל. שפּרינגט ער ווײַטער אונטער, היפּט דער פֿויגל ווײַטער שטיל אַוועק, און שטייט שוין אויף אַן אַנדער ביימל. שלײַכט ער זיך ווײַטער צו, היפּט דער פֿויגל, בײַ זײַן שפּרונג, צו אַ דריטן אַוועק, און שטייט שוין ווײַטער, און שפּילט! שלײַכט ער זיך אים אַלץ נאָך און נאָך, פֿון צווײַג צו צווײַג, פֿון ביימל צו ביימל . . . ער שפּרינגט, דער פֿויגל היפּט . . . אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דער אַרענדאַר פֿאַלט אין כעס אַרײַן און רופֿט צום פֿויגל אַזוי:

— וואַרט, וואַרט! כאַפּן וועל איך דיך שוין, מיך וועט נישט מיד מאַכן קיין פֿייגעלע; נאָר שוין נישט דײַן זינגען וויל איך אַצינד, איך האָב דיך שוין פֿײַנט! דערוואַרגן וועל איך דיך, פֿייגעלע, און וואַרפֿן פֿאַר מײַן הונט . . .

צעלאַכט זיך פּלוצלונג דער פֿויגל ווי אַ מענטש, און גיט אַ שאָס אַרויף אין דער הייך, און פֿאַרשווינדט אונטערן הימל.

בלײַבט דער אַרענדאַר שטיין פֿאַרטומלט. עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס איז דער זעלבער קול מיט וועלכן דער אָרעמער גייער האָט געלאַכט. לאָזט ער זיך מרה־שחורהדיק צוריק אין וואַסער אַרײַן און שווימט שוין אָן גבֿורות און קונצן צוריק איבער דער ווײַסל, צום אָרט, ווו ער האָט זיך אויסגעטאָן, און געפֿינט די זאַכן נישט!

קאַפּיטל 4

דער אַרענדאַר נעמט בײַ זײַן אייגן הויז קיצבֿה און אַנטלויפֿט צום פּריץ

אַז דער אַרענדאַר האָט דערזען, אַז די זאַכן זײַנען נישטאָ, האָט ער, ווי דער שטייגער איז פֿון אַ גראָב נפֿש, אָנגעהויבן צו פֿלוכן אויף אַ קול.

שילט ער דעם גנבֿ, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט אין איין הויט.

דערנאָך לויפֿט ער אויף־און־אָפּ ביים ברעג פֿון דער ווייסל און שרייט, און רופֿט, — ענטפֿערט אים א צעריסענער דעמפּיקער ווידערקול פֿון נאָנטן שיטערן וועלדל.

די זון האַלט אין זינקען; קיין לעבעדיקע נשמה אויף וויזע און פֿעלד, — לאַנג שוין אָפּגעשטעלט די אַרבעט.

אַ מעסער קומט אָן צו שווימען איבער דער ווייסל; פֿון דאָרט וועט ער קיין הילף נישט באַקומען. און ער וועט דאָך נישט גיין אַ נאַקעטער איבער דער פֿאַרשטאָט, — מען וואָלט געלאָפֿן אויף זיין בייז וווּנדער; געמיינט: משוגע געוואָרן דער אַרענדאַר . . .

דערווייל דערשפּירט ער הונגער: נאָכן באָדן מיטן שווימען, און אַזוי לאַנג אין מויל נישט געהאַט.

און קעלט דערצו: צוגעפֿאַלן אַ קילער אָוונט; עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן . . .

דערמאָנט ער זיך, אַז הונגער און קעלט זיינען צוויי קבצנישע זאַכן; ווערט ער אומרויִק. באַפֿאַלט אים נאָך אַ גרימצאָרן אויף זיך אַליין: ווי לאָזט זיך אַ מענטש אַזוי אַראָפּפֿירן פֿון וועג פֿון אַ נאַרישן פֿויגל; וואַרפֿט ער זיך אויף דער ערד מיט אַ שטומען כעס.

און די אַראָפּגעלאָזטע זון קוקט אַרויס פֿון דער ווייסל מיט אַ ברענענדיקן ראַנד, גלייך זי שפּעט פֿון אים.

די יידישע היַיזלעך אויפֿן רוקן פֿון בערגל הויבן אָן דערווייל אויפֿצושיינען, און די פֿענצטערלעך בליצן שבתדיק, נחתדיק.

אין פֿאַרשטאָט צינדן זיך פּאַמעלעך אָן די קליינע פֿייערישע פֿענצטערלעך און פֿריילעך טאַנצן די פֿייערלעך; פֿייערלעך ווייזן זיך אויך אויף די שווימענדיקע פּאַסן איבער דער ווייסל.

קומט אים אוים, אַז דאָס איז אַלץ אים להכעיס . . .

איז ווייניק, — שווימען נאָך אָן אין דער שטילקייט קלאַנגען פֿון

וויזע — לאַנקע.

מעסער, פּאַס — טראַטווע.

אַלע זײַטן: פֿון שטאָט — "קבלת־שבת"; פֿון פֿאַרשטאָט — דאָס געזאַנג פֿון פֿועריש יונגוואַרג אין גאַס; אויף אַ פֿאָס שפּילט עמיץ מאַנדאָלינע; אַ פֿײַפֿערל העלפֿט אונטער...

און ער מוז דאָ ליגן אין געהאַקטע ווונדן.

צערייצט עס אים נאָך מער.

ליגט ער אויף דער ערד און בײַסט די נעגל פֿאַר כּעס; אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז אַלץ איז שטיל און אויסגעלאָשן געוואָרן, און הויבט זיך אויף און לויפֿט אַהיים אויף הינטער־וועגן, איבער די ווייזן; נעץ אַרום, נעץ אַרײַן...

קומט ער, אָן אָטעם און קוים אַ לעבעדיקער צו צום הויז, איז עס שוין אײַנגעהילט אין חושך: טיר און טויער פֿאַרהאַמערט, די פֿענצטער — פֿאַרמאַכט און פֿון אינעווייניק פֿאַרלאָדנט...

פֿאַלט ער ערשט רעכט אין כּעס אַרײַן:

— כּאָליען שוין; נישט געוואַרט אויפֿן בעל־הבית!

ער וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט אַלע; מיט דער פּלוניתטע דער עיקר... דעם משרת וועט ער אַרויסטרײַבן ווי אַ הונט...

און גיט אַ לויף צו צום טויער, און הויבט אָן קלאַפּן מיט די פֿויסטן.

לויפֿט פֿון קיך אויפֿן הויף אַרויס דער משרת מיט אַ געשריי:

— איי, דו שלעפּער איינער! דאָ איז נישט קיין אורחים־הויז!
דער בעל־הבית וועט דערהערן, הייסט ער דיר ברעכן אַ ביין!

פֿאַלט עס דעם אָרענדאַר ווי בלײַ אויפֿן האַרץ; די ווערטער האָט ער דעם אָרעמען גייער געזאָגט; "ער וועט אים הייסן ברעכן אַ ביין!".

דערווײַל איז דער משרת צוגעקומען און אַרויסגעקוקט דורך אַ שפּאַרע פֿון טויער. דערזעט ער אַ נאַקעטן, כאַפּט ער זיך אָן בײַ די זײַטן פֿאַר געלעכטער:

— אַ נאַקעט משוגעת, כאַ־כאַ־כאַ!

לאַכן דעם אַרענדאַר אין די אויערן: דער משרת, דער גייער און דער פֿויגל צוזאַמען. לויפֿט ער אַוועק צום פֿענצטער פֿון זיין שלאָף־שטוב.

— גיטעלע, — קלאַפּט ער אָן, — גיטעלע, עפֿן מיר אויף...

דערהערט ער, ווי אַ קול פֿון אַ מאַנספּאַרשוין, נאָר עפּעס אַזוי ענלעך צו זיין אייגענעם קול, פֿרעגט אין שטוב מיט גרוים וווּנדער:

— גיטעלע, ווער קאָן עס דיך רופֿן ביינאַכט, און אירצט דיך אַפֿילו נישט?!...

— כ'ווייס נישט, מיין מאַן, — הערט ער גיטעלעס ענטפֿער, — עפֿן אויף לאָדן און פֿענצטער, און גיב אַ קוק, — אפֿשר האָט זיין ליבער נאָמען וואָס האָט דיך איבערגעביטן, דיר אַ מצווה צוגעשיקט.

"איבערגעביטן? ווען? ווי אַזוי פֿאַרביטן?" אַרבעט אומזיסט דעם אַרענדאַרס מוח. עפֿנט זיך דערווייל, פֿון אינעווייניק, דער לאָדן, דערנאָך דאָס פֿענצטער, און עמיץ קוקט אַרויס.

ווערט דער אַרענדאַר שוין גאָר צעטומלט: זיין פּנים, זיין העמד, רויט אויסגעניים, — אויך נאָכגעמאַכט דעם פּריץ! — און זיין שלאָף־מיצל, מיטן זילבערנעם קווייטל.

און "יענער" — הערט ער — זאָגט:

— גיי נישט צו, גיטעלע, עפּעס אַ נאַקעט משוגעת... אַ רחמנות! דערלאַנג מיר פֿאַר אים עפּעס, די חרפּה צוצודעקן; נאָר אַלטוואַרג, גיטעלע, ער וועט אין זיין משוגעת סיי ווי סיי אַלץ פֿון זיך אַראָפּרייסן...

— גיב, גיטעלע, אַ העמד, אַ פּאָר פּלודערן... און אַ היטל, — מיטן בלויזן קאָפּ איז ער אויך! — און אַ חלה, גיטעלע, — ער איז אוודאי אויסגעהונגערט, נעבעך!

בלייבט דער אַרענדאַר פֿאַרשטיינערט, און אין אַ ווייַלע אַרום זעט ער מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, ווי "יענער" וואַרפֿט אים דאָס אַלץ

אַרויס! און דאָס פֿענצטער ווערט באַלד פֿון אינעווייניק פֿאַרמאַכט און פֿאַרלאָדנט...

— אַן אומגליק האָט מיך געטראָפֿן, — ברעכט זיך דער אַרענדאַר די הענט, — עפּעס אַ שווינדלער געקומען, פֿאַרשטעלט זיך און צוגענומען מײַן האָב־און גוטס...

לויפֿט ער צו צום לאָדן פֿון דער קינדער־שטוב, קלאַפּט אָן און רופֿט:

— יענקעלע, משהלה, שיינדעלע! אײַער טאַטע קלאַפּט! עפֿנט אויף! ס׳האָט אים אַן אומגליק געטראָפֿן...

זײַנען אַפּנים, די קינדער נאָך נישט געשלאָפֿן.

ענטפֿערט יענקעלע פֿון בעט אַרויס:

— מאַכט נישט קיין חוזק, ייִד... מײַן טאַטע איז ערשט די רגע דאָ געווען... די קישנס מיר פֿאַרריכט...

משהלע באַרימט זיך:

— מיט מיר קריאַת־שמע געלייענט...

שיינדעלע מיטן קלינגענדיקן קולכל באַשטעטיקט:

— יאָ, יאָ! און אונדז אַלע דרײַ, צום ערשטן מאָל, געקושט... אַ "גוטע־נאַכט" געזאָגט...

— מיט מיר וועט ער אַלע אָוונט קריאַת־שמע לייענען! — באַרימט זיך משהלע ווײַטער.

און יאַנקעלע שיט צו זאַלץ אויף די ווונדן:

— און הײַנט אין שטאָט געווען, דער טאַטע! פֿאַר אונדז אַ מלמד באַשטעלט; ר׳וועט קומען מוצאי־שבת, באַלד נאָך הבֿדלה וועט ער קומען; יאָ, יאָ!

גיט נאָך שיינדעלע, נאָך אַ ישובֿ, צו:

— הערט, ר׳ ייִד, נאַרן דאַרף מען נישט... אויב עס פֿעלט אײַך עפּעס, האָט קיין מורא נישט, קלאַפּט אָן בײַם טאַטעשיס פֿענצ־

טער. ווארום די מאַמע זאָגט, אַז גאָט ברוך הוא האָט אויסגעהערט איר געבעט, און דעם טאַטן איבערגעביטן, — אַ גוטן, ווילן טאַטן האָבן מיר אַצינד!

„שלעכט, דאָ איז אַ שרעקלעכער שווינדל געשען!" — פּלאַמט אויף אין אַרענדאַרס מוח, — אָפּגענאַרט דאָס ווײַב, די קינדער! מען מוז, כאַטש האַלבער נאַכט, לויפֿן צום פּריץ! אין קײַטן וועט ער אים פֿאַרשיקן!"

קאַפּיטל 5

דער אַרענדאַר באַקומט שמיץ און שלאָפֿט אײַן אין ראַוו בײַם וועג

וועט ער דאָך נישט לויפֿן נאַקעט, און די בגדים ליגן אים נישט אויף אײן אָרט; לויפֿט ער צוריק צום ערשטן פֿענצטער, כאַפּט און מאַכט צוויי־דרײַ בים פֿון קוילעטש, ציט אויף זיך אַרויף די בגדים, טראַכטנדיק דערבײַ מיט כעס:

„אַהאַ! דאָס האָט די פּלוניתטע. אַן מײַן וויסן, פֿאַר די שנאָרערס אָנגעגרייט! באַצאָלט וועט ווערן מיטן פּריצס הילף — מיט פּראָצענט!"

און ער לויפֿט.

לויפֿט ער איבערן גערטל און שלאָגט זיך אָן אין אַן אײַלעניש אָן אַ בוים; פּונקט אָן דעם בוים, אונטער וועלכן דער אָרעמער גייער איז געשטאַנען.

— תלין מײַנער! — שרײַט ער אויס, — גלײַך יענער וואָלט נאָך דאָרט געשטאַנען, און לויפֿט אַרויס, מיט שווייס באַדעקט.

צום פּריץ איז אַ מהלך. זומער איז די נאַכט נישט קיין גרויסע, קומט ער צו צום הויף, — הויבט שוין אָן גרויען דער טאָג.

זעט ער דורך די אײַזערנע שטאַכעטן, אַז דער פּאַלאַץ איז באַלײַכט; עס רודערט זיך אין פּאַלאַץ. אין גרויסן ברייטן הויף שטייט געשפּאַנט דעם פּריצס קאַטש, די פֿערד הירזשען און קלאַפּן מיט די

ראַוו — אַ גראַבן, אַ לאַנגער גראַבן בײַם וועג.

פּאָדקאָוועס אָן די שטיינער. — דער פּריץ קומט אַרויס, זעצט זיך אין קאָטש אַריין, מען עפֿנט דאָס טויער . . . אַ קנאַק מיט דער בייטש, די קאָטש רירט פֿון אָרט, — אַרום דער קאָטש רייטן פֿיר פֿון פּריצס קאָזאַקלעך, מיט שטורקאַצן אין די הענט; נאָך דער קאָטש — די רעשט . . .

מען פֿאָרט אַרויס פֿון טויער.

מיין אַרענדאַר קלערט נישט לאַנג, גיט זיך אַ וואָרף פֿאַר די פֿערד אין דער ברייט, דער שמייסער האָט קוים צייט געהאַט איינצוהאַלטן די פֿערד.

— וואָס איז ? — פֿרעגט דער פּריץ פֿון קאָטש אַרויס.

לויפֿט צו צום אַרענדאַר אַ קאָזאַקל און בויגט צו אים אַראָפּ דעם שטורקאַץ, קוקט און ענטפֿערט צו דער קאָטש צו :

— עפּעס, אַן אָרעמער ייִד !

שפּרינגט אויף דער אַרענדאַר :

— פּריץ לעב ! חלילה, נישט קיין אָרעמער ייִד . . . איך, דיין אַרענדאַר, מיט אַ נויטיקן משפּט . . . סכנת־נפֿשות ! אַ גנבֿ, אַ שווינדלער —

— ווער עס איז, — האַקט אים דער פּריץ איבער, בייז, — איך פֿאָר צום סיים.

און אַז דער אַרענדאַר וויל נישט אָפּטרעטן :

— זאָל ער גיין צום רבֿ ! טרייבט אים פֿון וועג !

קאַרגן די קאָזאַקלעך פֿאַר אַ ייִד קיין נאַהייַקעס נישט; קאָלערט זיך דער אַרענדאַר, אונטער די שמיץ, פֿון וועג אַראָפּ, אין ראָוו אַריין.

די קאָטש איז פֿאַרשוווּנדן.

שטורקאַץ — פּאַסל.
נאַהייַקעס — קאָזאַקישע בייטשן.
סיים — פּאַרלאַמענט.

שטיל איז געוואָרן. און דער געשמיסענער, צעוויטיקטער ארענדאַר שלאָפֿט איַין אין ראָוו בײַם וועג . . .

קאַפּיטל 6

פֿון ראָוו צום רבֿ — פֿון רבֿ אין הקדש אַריַין

נישט לאַנג איז דער אַרענדאַר געשלאָפֿן אין ראָוו . . .

קוים האָט זיך רעכט געוויטלט דער מאָרגן, און פֿון די פֿענצטער אין פּאַלאַץ, די געבײַדעס אַרום פּאַלאַץ, און פֿון די ווערבעס אין ביידע זײַטן טראַקט האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿייגל, גאַנצע שאָרן מיט אַמאָל, און געלאָזט זיך מיט גערויש און געפֿילדער אַרויף, אַרויף צום ליכטיקן הימל . . .

האָט עס אים אויפֿגעוועקט. פֿאַרשטייט ער נישט, וואָס ער טוט דאָ; וואָס עס ברעכן אים אַזוי אַלע ביינער. ווי קומט ער צו ליגן און שלאָפֿן אין ראָוו ? וואָס פֿאַר אַ קליידער טראָגט ער עס ? וואָס פֿאַר אַ בייזער חלום חלומט זיך אים ?

פֿליט גראָד אַ פֿייגעלע נידעריק פֿאַרבײַ, מאַכט אַ ראָד אַרום זײַן קאָפּ, קוקט אים מיט די לוסטיק־לאַכנדיקע אייגעלעך אין פּנים אַרײַן; דערמאָנט ער זיך פּלוצלונג אַלץ מיטאַמאָל, און כאַפּט זיך אָן בײַם קאָפּ . . .

מען האָט אים באַגנבֿעט און באַשווינדלט, און דער פּריץ, דער שופֿט איז אַוועק קיין ווארשע צום סיים ! איבערגעלאָזט אים, ווי אַ יתום . . .

פֿאַלט אים אײַן : אַז מען מוז דערווײַל אָפּמאָנען די חובֿות בײַ לײַט.

לויפֿט ער צו דער פֿאַרשטאָט, קלאַפּט אָן בײַם ערשטן בעסטן פֿויערישן בעל־חובֿ.

— איי, וואַסיל, כ'דאַרף גראָד נויטיק געלט, גיב מיר אָפּ דעם חובֿ, אָדער אַ ראַטע אויפֿן חובֿ.

ווערבעס — אַ מין בוים, Willow

קומט וואסיל דורכן פענצטער ארוים און פרעגט:

— ווער ביסטו, ייִד? וואס פאר א חובֿ האסטו בײַ מיר?

— דערקענסט מיך נישט? איך בין דאך דער ארענדאר!

צעלאכט זיך וואסיל אויף א קול און קומט ארוים מיט דער גאנצער מישפּחה פאר דער טיר.

— געפעלט אײַך, — פרעגט ער, — אזא משוגעת? טראג דיך אפּ, איך רייץ אויף דיר אן די הינט...

לויפט דער ארענדאר צום צווייטן בעל־חובֿ, און טרעפט אים שוין פאר דער טיר.

מיט גראבלעס צום היי גייט ער. דערזעט אים דער פּויער, לויפט ער צו צום פענצטערל, פּויקט מיט די פינגער דורך דער שויב אין שטוב אריין און רופט:

— איי, קינדער! קומט ארוים, וועט איר זען א משוגענעם ייִד!

און אזוי איבער דער גאנצער פארשטאט. מען לויפט אויף זײַן בייז ווונדער; מען ווארפט אים נאך שטיינער און שטעקנס; די הינט רײַסן אים די פּאלעס.

קוים א לעבעדיקער איז ער פון פארשטאט ארוים, אין שטאט אריין געקומען, און לויפט צו די ייִדישע בעלי־חובֿות...

און ער האט שוין די עצה נישט צו זאגן, אז ער איז דער ארענדאר. זאגט ער, דער ארענדאר האט אים געשיקט נאך געלט; און גיט סימנים, און ווייסט דאך און קאן געבן אמתע סימנים... טרײַבט מען אים פון טיר צו טיר ווי א סוטה: א ייִד — א משוגעת, קומט שבת נאך געלט!

זעט ער, אז ער איז אינגאנצן פארלוירן, זעצט ער זיך אנידער אינמיטן מארק אויף א שטיין און וויינט אין דער שטיל, מיט טרוקענע אויגן.

דער עולם גייט פארבײַ דאווענען, ווײַזט אויף אים איינער דעם צווייטן:

סוטה — א פארזינדיקטע פרוי.

— נעבעך, אַ משוגענער ייִד . . . ווער ווייסט, פֿון וואַנען . . .

ייִנגלעך שטעלן זיך אָפּ . . . מען וואַרט נאָר, די עלטערע זאָלן אַוועקגיין אין שול אַרײַן, וועט מען זיך נעמען צום משוגעת . . . מען זאַמלט שוין שטיינדלעך אין די טאַשן אַרײַן.

כאַפּט ער זיך אויף און אַנטלויפֿט באַצײַטנס באַרג־אַראָפּ, צום וואַסער צו. דערזעט ער זיך אינם וואַסער, דערקענט ער זיך נישט! גאָט, ווי ער זעט אויס: צעוואָרפֿן די האָר, צעקנייטשט און צעקנוידערט דאָס פּנים, אײַנגעפֿאַלענע ברענענדיקע אויגן . . . און עפּעס גרויער איז ער געוואָרן איבער נאַכט! כאַפּט אים אָן אַ גרויל: עפּעס איז ער אַזוי ענלעך געוואָרן צום אָרעמען גייער, וואָס ער האָט ערשט נעכטן פֿאַרטריבן . . .

לויפֿט ער ווי משוגע בײַם ברעג פֿון דער ווײַסל. אַ גאַנצן שבת, אויף און אָפּ, ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען, — דערמאָנט ער זיך פּלוצלונג, אַז דער פּריץ האָט אים געהייסן גיין צום רבֿ. ער וועט דעם פּריץ פֿאָלגן, ער האָט קיין אַנדער עצה נישט, — לויפֿט ער צוריק דורך הינטער־געסלעך אין שטאָט אַרײַן צום רבֿ; גייט שוין דער רבֿ אַרום איבער דער שטוב נאָך הבֿדלה.

פֿאַלט ער אַרײַן מיט אַ געשריי:

רבי, איר מוזט מיך ראַטעווען!

דערלאַנגט אים דער רבֿ קודם־כּל — "שלום" און פֿרעגט ווער ער איז.

בלײַבט ער שטיין:

— רבי, איך בין דאָך . . . דער אַרענדאַר בין איך דאָך . . . — שטאַמלט ער שוין מיט אַ נישט־זיכערן קול. צווייפֿלט ער שוין אַליין, צי ער איז ווירקלעך דער אַרענדאַר.

קוקט אויף אים דער אַלטער רבֿ אַ לאַנגע ווײַלע מיט גרויס רחמנות, און זאָגט דערנאָך אַזוי:

— דעם אַרענדאַר, — זאָגט ער, — קען איך זייער גוט . . . ייצט דערווײַל ר' ייִד . . .

זעצט זיך דער אַרענדאַר. דער רבֿ — קעגנאיבער.

— פֿאַרשטייט איר מיך, — זאָגט דער רבֿ, נישט אַראָפּלאָזנדיק פֿון אַרענדאַר דאָס רחמנותדיקע אויג, — ער איז ביַי מיר פֿריַיטיק נאָכן אָנבייַסן געווען, דער אַרענדאַר...

הערט ער אין געהאַקטע ווענדן, און דער רבֿ פֿאַרציילט:

— ער האָט זיך, הערט איר, שטאַרק געענדערט, דער אַרענדאַר; גאַר א י ב ע ר ג ע ב י ט ן...

— ווי הייסט ? — וויל אויפֿשפּרינגען דער אַרענדאַר.

לייגט אים דער רבֿ אַ האַנט אויף אַן אַקסל און זעצט אים צוריק, און פֿאַרציילט וויַיטער:

— געווען... גערעדט אין פּשטות אַריַין, אָן גאווה... אַ סך גערעדט... מענטשלעך... ייִדישלעך... און איבערגעלאָזט דערנאָך, אַ היבש ביסל געלט פֿאַר אָרעמע לייַט... און אויף הלבשה פֿאַר תּלמוד־תּורה קינדער... איר הערט ? אַפֿילו צוגעזאָגט צו געבן האָלץ פֿון וואַלד, צו פֿאַרריכטן די שול... און געבעטן, איך זאָל אים מוצאי שבת נאָך הבֿדלה, אַרויסשיקן אַ גוטן מלמד פֿאַר די קינדער...

דערמאָנט זיך דער אַרענדאַר אָן די קינדערס רייד און עס כאַפּט אים אָן אַ ספּאַזם אין האַלדז, און ער קאָן שוין קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען.

און דער אַלטער רבֿ נעמט צונויף אין איין האַנט אַריַין ביידע שפּיצן פֿון דער גרויער באָרד, און קוקט אויף אים אַ לאַנגע וויַילע מיט באַרמהאַרציקע אויגן, און ענדלעך זאָגט ער:

— מילא, דער אַרענדאַר זייַט איר נ י ש ט... אלא מאי, איר האָט אַן איַינרעדעניש... איז עס אַ שטראָף פֿון זייַן ליבן נאָמען, מוז מען אָננעמען פֿאַר ליב... און דעריבער ראָט איך איַיך, מיַין ליבער ייִד, גייט אין הקדש אַריַין... עס האַלט זיך דאָרט אויף אַ חבֿרה אָרעמעלייַט, נעכטיקט מיט זיי איבער אין הקדש — און אין דערפֿרי וועט איר באַקומען קיצבֿה גליַיך מיט אַלע אָרעמע ייִדן, און

וועט אײַך לאָזן מיט זיי צוזאַמען איבער דער וועלט . . . צו ד ע ר פרנסה וועט איר גראָד טויגן . . .

— רביצין ! — רופֿט דער רבֿ, זיך אויפֿהויבנדיק, אין דער צווייטער שטוב אַרײַן, — גיב דעם ייִד אַ גלעזל וואַרעמס . . . און אַז ער וועט דאָס אויסטרינקען, זאָג דעם שמש, ער זאָל אים אָפּפֿירן אין הקדש אַרײַן . . . און זאָל ער, למען השם, זען, ער זאָל האָבן אַ שטיקל געלעגער אויף איבערנאַכט. ער וועט נעכטיקן, דער ייִד . . . זאָל ער האָבן גוט צו שלאָפֿן . . . איך מוז גיין וועגן אַ מלמד פֿאַרן אַרענדאַר . . .

און שפּעטער, אַז דער שמש איז צו אים צוגעקומען, נעמען אין הקדש אַרײַן, האָט זיך שוין דער אַרענדאַר אונטערגעגעבן און געלאָזט זיך פֿירן . . .

קאַפּיטל 7

בײַ אַ חבֿרה קבצנים — אַ חתונה — אַרײַן אין אייגענעם בעט

דער אַרענדאַר האָט זיך אונטערגעגעבן.

ער האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט אים זײַן ליבער נאָמען געשטראָפֿט פֿאַר די רייד . . .

ער האָט טאַקע נישט צוגענומען דאָס פֿאַרמעגן בײַ אים, נאָר — אים פֿון פֿאַרמעגן . . .

— פֿאַרפֿאַלן !

און שוין יאָרן־לאַנג, אַז ער גייט אַרום מיט די קבצנים איבער דער מדינה, פֿון ישובֿ צו ישובֿ, פֿון הויז צו הויז, פֿון טיר צו טיר, מיט אַ בײַטעלע אויף "גדולים" און "פּרוטות" אין קעשענע, און אַ טאָרבע אויף שטיקלעך ברויט און חלה איבער האַלדז.

אין דער התחלה האָט ער די גוטע צײַטן געטריבן פֿון זיך מיט גוואַלד . . . דערנאָך זײַנען די זיכרונות מטושטש געוואָרן . . .

גדולים — גראָשנס.

ער פֿלעגט זיך נאָך אַמאָל אויפֿכאַפּן ערגעץ אין אַן אורחים־הויז און אַ געשריי טאָן:

— משרת! שפּאַן איַין צום פֿריץ!

אָדער:

— גיטל, היַינט מאַך אַ שטרודל!

אָדער אַראָפּשריַיען פֿון געלעגער:

— סאָקאָל! (אַזוי האָט זיַין הונט אַמאָל געהייסן) עמיץ דרייט זיך אַרום הויז!

און לייזן אַ פּסק פֿון חבֿרים:

— האַלט ס'מויל, משוגענער!

משוגענער האָט מען אים גערופֿן...

מיט דער ציַיט אָבער זיַינען די חלומות פֿון די גוטע יאָרן אויך פֿאַרשוווּנדן...

נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, האָבן די אַלטע ציַיטן אים אַליין אויסגעזען, ווי אַ חלום...

און ער האָט אויפֿגעהערט צו גלויבן אין חלום, מאַלע וואָס...

ווער ווייסט, ווער ער איז, פֿון וועמען ער שטאַמט, פֿון וואַנען ער קומט... ער האָט מיט דער ציַיט זיַין נאָמען פֿאַרגעסן; ציַיט ער האָט אויפֿגעהערט צו שריַיען בייַנאַכט, רופֿט מען אים "שטיל משוגעת", איז דאָס זיַין נאָמען... ווען איז אַזוינער עולה־לתּורה?

נאָך אַ ציַיט מיט יאָרן איז אַרום אין דער סבֿיבֿה, ווו די חבֿרה קבצנים האָט זיך געדרייט, אַ קלאַנג, אַז ערגעץ אין אַ וויַיטער שטאָט וועט זיַין זייער אַ רייַכע חתונה, מיט אַ גרויסער אָרעמער סעודה.

קליַיבט זיך די חבֿרה קבצנים אַהין צו דער חתונה; גייט "שטיל משוגעת" אויך מיט דער חבֿרה צוזאַמען.

איז אין שטאָט אַריַין אַ מהלך געווען... און אין יעדער

קהילה שטייט מען אביסל. נעכטיקט מען אין אורחים־הויז, מען נעמט "קיצבה" און עפעס אנצוביַיסן אויפן וועג . . .

קומט מען אביסל שפעטלעך.

קוים צייַט געהאט צו לויפן אין מרחץ אריַין, זיך אויסצוּוואשן, די בערד אויסצוקעמען און אפרייניקן די מלבושים. די ארעמע סעודה איז גרייט, אין א סאליע די טישן געדעקט, מיט אלעם גוטן — צוויי פעסער ביר געעפנט, א פאס מעד, אחוץ פלעשער מיט י"ש . . .

זעצט מען זיך ארום די טישן.

דער מחותן מיט דער מחותנתטע, און די כלה אין דער מיט — אויבנאן; די סעודה איז געווען פון כלה־צד . . .

זיצט "שטיל־משוגעת" און ווארפט אן אויג אויפן טיש: באקאנטע טעלער, באקאנטע מעסער און גאפל, און לעפל . . . ער קוקט זיך בעסער צו: זיַינע אותיות ביַי דער פרגוו . . .

הערט ער, ווי די מחותנתטע זאגט:

—עסט, יידן, און טרינקט געזונטערהייט, און בענטשט מיר די כלה מיַינע, און ווינטשט גוטע יארן דעם זיווג . . .

דערקענט ער דעם קול — גיטעלעס קול.

הויבט ער די אויגן אויף — זיַין טאכטער שיינדעלע איז די כלה.

הויבט דער מחותן אויף א כוס און רופט:

— לחיים, יידן, לחיים!

איז עס זיַין אייגענער קול פון אמאל . . .

דערשרעקט ער זיך, ווערט אים נישט גוט, פאלט ער ארונטער אויפן אנלען פון בענקל.

זאגט דער מחותן צו צוויי פון די סארווערס, וואס דרייען זיך ארום טיש:

— נעמט דעם ייד, וואס עס איז אים, לא עליכם, נישט גוט געווארן, אין דער שטוב אריַין, ווו עס ברענט אין אויוון, און טוט

אים אוים, און ליגט אים אין בעט אריין . . . און איך וועל נאָכקומען זען, צי מען וועט, חם־ושלום, נישט דאַרפֿן אַ מומחה — אַ רופֿא, צי אַ דאָקטאָר . . .

קרימען זיך די סאַרווערס אַבּיסל, — נאָר, אַז דער מחותן הייסט, פֿאָלגט מען . . .

אין אַ מינוט אַרום, ליגט שוין אונדזער אַרענדאַר אין זײַן שטוב, אין זײַן בעט, אויף זײַן קישן, אונטער זײַן איבערבעט, און קוקט פֿאַרדולט אין פֿײַער פֿון אויוון אַרײַן . . . איז עס אַ בייזער, ווײסטער חלום געווען ? . . .

די סאַרווערס גייען, דער מחותן קומט אַרײַן און פֿרעגט :

— נו, פֿעלט אײַך עפּעס, אורח־לעב ?

— ניין . . . און פֿאַרמאַכט די אויגן . . .

און אין אַ ווײַלע אַרום עפֿנט ער זיי ווידער :

— איך וויל אײַך עפּעס בעטן, בעל־הבית ! איר זאָלט אויף מיר קיין פֿאַראיבל נישט האָבן . . .

— חם ושלום ! — ענטפֿערט דער מחותן מיט אַ וווּנדערלעכן שמייכל, — זאָגט נאָר בפֿירוש, וואָס איר ווילט . . . דער גרעסטער נחת פֿון אַ מענטשן איז, אויב ער קאָן עפּעס צוליב טאָן אַ צווייטן . . .

קרעכצט דער בעטלער אָפּ און זאָגט :

— זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך : ווער איז דער חתן אײַערער און וואָס ?

ענטפֿערט דער מחותן, מיט דעם זעלבן שמייכל און גאָרנישט פֿאַרוווּנדערט אויף דער שאלה, — אַ רבֿס אַ זון, אַליין אַ למדן אַ גרויסער, און אַ מזג טובֿ — מיט אַלע מעלות . . .

ציט זיך דער בעטלער אויס איבערן בעט :

— מעג איך שוין שטאַרבן ! — זאָגט ער, און הויבט אָן צו ציטערן אויפֿן גאַנצן לײַב.

— ניין, אורח־לעב, — זאָגט דער מחותן לאַכנדיק . . . — מען שטערט נישט קיין ייִדישע שׂמחה ! מען שטאַרבט נאָך נישט . . . אײַך איז נאָר קאַלט. זעט וואָס איך טו . . .

און ער כאַפּט דעם אורחם אַנטאָן פון בענקל אַראָפּ און וואַרפט עס אין פײַער אַרײַן . . .

דאָס פּעטע אַנטאָן צעפּלאַקערט זיך אויפן פײַער.

— איר, — זאָגט דער מחותן, — וועט נעמען אויף זיך מײַנע, דאָס הייסט, אײַערע מלבושים, — גענוג שוין געליטן . . .

און כהרף עין, וואַרפט ער פון זיך די מלבושים אַראָפּ און ער אַליין פאַרשווינדט . . .

דאָס אַכטע און לעצטע קאַפּיטל

ענדע גוט — אַלעס גוט

איז מיט אַמאָל דעם אָרעמען אַרענדאַר אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין די אויגן . . .

האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין אָפּגעקומען, אַז עס האָט זיך געענדיקט די שטראָף . . .

לויבט ער מיט גרויס פרייד גאָט אין האַרץ . . .

און עס באַנײַען זיך אים פּלוצלונג די כוחות, און ער שפּרינגט אַרויס פון בעט, כאַפּט אויף זיך די איבערגעלאָזטע קליידער, און לויפט אַרויס — אַ מחותן צו די אָרעמע געסט . . .

זאָגט גימעלע מיט אַ ליבן שמייכל :

— נו, מײַן מאַן, נישט גלײַכער אַזוי ?

און שיינדעלע פאַלט אים אויפן האַלדז :

— טאַטעשי ! אוי, אַ גוטער דו ביסט, טאַטעשי !

אָן קראַנקן אָרעמאַן האָבן עפּעס אַלע גאָר פאַרגעסן . . .

דרײַ קיכלעך

בימי

המלך שלמה — אין די צײַטן פֿון מלך שלמה האָט געלעבט אַן אלמנה, אַן אָרעמע, מיטן נאָמען שונמית.

און געלעבט האָט די אלמנה שונמית אין אַ סוכה פֿון אַלטע ברעטער, באַדעקט מיט אַ סכך פֿון צווײַגן און בלעטער פֿון פּאַלמען־ביימער, אין אַ פֿישער־דאָרף, בײַם ברעג פֿון ים הגדול.

און געשפּײַזט האָט זיך די אַלמנה מיגיע כפּיה — מיט שטריקן און פֿאַרריכטן די נעצן פֿאַר די פֿישער אין פֿישער־דאָרף.

ויהי היום — איז געקומען די צייט פֿון ווינטן און שטורעם־ווינטן. קיין שיפֿל גייט נישט אין ים אַרײַן, קיין נעץ ווערט נישט פֿאַרשפּרייט. איז די אַלמנה געבליבן אָן אַ ביסן ברויט.

ווערט זי דאָך נישט גיין אין די אָרעמע פֿישער־הײַזלעך אַרײַן בעטן ברויט; עס פֿעלט אומעטום, ווענדט זי זיך ווײַטער פֿון דאָרף.

עטלעכע מײַל פֿון דאָרף, אין אַ גרויסן הויז מיט אַ גרויסן געהויף, האָט געוווינט אַ רײַכער ייִד, וואָס איז געבענטשט געוואָרן פֿון זײַן ליבן נאָמען מיט פֿעלדער פֿעטע, פֿרוכטבאַרע גערטנער און גאַנצע וועלדלעך אוילבערטן, און מיט הערטן שאָף און רינדער, און מויל־טירן און קעמלען.

הויבט זיך אויף, די אלמנה שונמית, איינמאל אין דער פרי; זעט, אז דער הימל איז א בייזער, די לופט — ווינטיק, פארשטייט זי, אז זי מוז שוין אנקומען צו א מתנת בשר ודם. באדעקט זי זיך מיט אן אלטער שאל, וואס זי טראגט בייטאג און דעקט זיך מיט איר צו ביינאכט, און לאזט זיך פון דארף ארויס אין וועג אריין, צום רייכן ייד.

קומט זי קעגן מיטאג צום געהויף, טרעפט זי דעם רייכן ייד פאר דער טיר, גייט זי צו, בוקט זיך דריי מאל, רירט דריי מאל אן מיטן שטערן די ערד פאר זיינע פיס.

פרעגט ער זי:

— וואס בוקסטו דיך פאר מיר, אשה. שטיי אויף און זאג וועד דו ביסט און וואס איז דיין פארלאנג.

זאגט זי אים: "איך בין די אלמנה שונמית פון פישער־דארף ביים ברעג פון ים", און דערציילט אים וועגן איר נויט. שוין לאנג קיין ביסן ברויט אין מויל נישט געהאט; און בעט א לעבל ברויט.

"די נשמה צו דערהאלטן!"

ווייזט ער איר, וואס אין געהויף טוט זיך.

— זע, אשה, אט שפאנט מען ערשט מיינע קעמלען און מויל־טירן אויס. פון ירושלים קום איך, איך האב שלמה המלכס פאלאץ געזען! א פאלאץ — א פארבלענדעניש! און מען לאזט יעדן אריין. און איך בין אריינגעקומען. אין א גאלדענער קרוין, אויף זיין גאלעדנער שטול איז שלמה געזעסן, ארומגערינגלט מיט שרים און זקנים, און פאלק. און ער האט פאר זיי תורה און חכמה געזאגט. פערל האבן זיך געשיט פון מויל.

— און הער, וואס ער האט געזאגט, אשה!

— "ושונא מתנות יחיה", — האט ער געזאגט.

ווער עס וויל לעבן, נעמט קיין מתנות נישט. ווער עס נעמט אומזיסט, פארקירצט זיך זיינע יארן. וואס זיין ליבער נאמען האט אים באשערט. דו ווילסט זינדיקן, אשה, און איך וויל נישט זיין קיין

שותּף צו דײַנע זינד. גאָט איז אַ דיין אַלמנות, ער וועט עס מיר נישט פֿאַרגעסן, אַז איך האָב מיטגעהאָלפֿן צו פֿאַרקירצן דײַנע יאָרן . . .

אומזיסט גיב איך נישט.

— אויב אַזוי, — זאָגט די אשה, — ג י ב נ י ש ט אומזיסט; ב אָ ר ג מיר אַ לעבל ברויט. אָדער לײַ מיר אַביסל מעל, וועל איך עס מיר אַהיים טראָגן און אָפּבאַקן. און דאָס לעבן דערהאַלטן. און דאַנקען דיר און בעטן פֿאַר דײַן לעבן . . .

— דאָס אויך נישט, אשה ! — ענטפֿערט דער עושר געלאַסן. ״עבֿד לווה לאיש מלווה״, האָט שלמה המלך געזאָגט. ווער עס לײַט, קויפֿט זיך אַ קנעכט. און קנעכט קויף איך מיר פֿ ר ע מ ד ע , נישט מזרע אבֿרהם, יצחק ויעקבֿ . . . איך וויל אייגן פֿלייש און בלוט, בפֿרט אַן אַלמנה פֿאַר קיין קנעכט נישט האָבן . . . איך באָרג דיר נישט, איך לײַ דיר נישט . . .

פֿרעגט די אשה :

— זאָל איך פֿאַלן פֿאַר הונגער פֿאַר דײַנע פֿיס ? דאָס וועט בעסער גאָט געפֿעלן, דעם דיין אַלמנות ?

— הו וועסט, אַלמנה שונמית, — ענטפֿערט ער איר נאָך געלאַסענער, — פֿאַר מײַנע פֿיס פֿאַר הונגער נישט פֿאַלן . . . העלפֿן וועל איך דיר, ווי גאָט איז מיר ליב ! נאָר העלפֿן וועל איך דיר מיט אַן עצה : גיי און זײַ זוכה פֿון הפֿקר !

— וואָס מיינט איר דערמיט? הפֿקר איז אין מידבר, צום מידבר איז דרײַ טעג, און וואָס געפֿינט מען דאָרט? גרעזלעך אויסגעטריקנטע? טרײַבט איר שפּאָס פֿון אַן אָרעמער אַלמנה און פֿאַרכט אײַך נישט פֿאַר דעם וואָס לעבט אייביק, און ווענדט פֿון יתומים מיט אַלמנות קיין אויג נישט אָפּ !

— איך שפּאָס נישט, אשה !— ענטפֿערט ער.— גאָטספֿאָרכטיק בין איך פֿון געבורט, און נישט צום מידבר נאָך גראָזן שיק איך דיך.

— נייג צו דײַן אויער, אשה, און הער ! מײַן קאַמער איז אַצינד לער. די הונדערט זעק מיטן ווײַסן ווייצן־מעל ווי שניי האָב

איך, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, קיין ירושלים אָפּגעפּירט, צום מלך שלמה אין פּאַלאַץ אַרײַן. און די ברעטער, וואָס האָבן זיך אונטער די זעק געבויגן, זײַנען פרײַ. אָבער ווײַס, גאַנץ ווײַס זײַנען די ברעטער; באַדעקט מיטן שטויב מיט וועלכן די זעק האָבן געשוויצט. דער שטויב איז הפקר, דער שטויב איז נישט מײַן. גיי, על־כן, אין קאַמער אַרײַן, וויש דיר די ברעטער אָפּ, זאַמל דעם שטויב פון ווײַסן ווייצן־מעל ווי שניי, נעם אים אַהיים, לייג אָן אַ פײַער, — קלויב שפּענער אויפן וועג — און באַק דיר דײַנע קיכלעך אָפּ. זאָל זײַן ליבער נאָמען אַרײַנשיקן די ברכה אין דײַן שטויב פון מעל, און עס, און דערקוויק דיך, און לויב גאָט . . .

האָט די אַלמנה שונמית געטאָן, ווי דער פרומער און רײַכער מאַן האָט איר געראָטן. האָט זי אָפּגעשאַרט און אָפּגערייניקט דעם שטויב פון מעל פון די ברעטער אין רײַכן פרומענס קאַמער. אויפן וועג צוריק האָט זי פון ווינט פאַריאָגטע צווײַגלעך געפונען; אַהיים געקומען, שוין נאַכט געווען. האָט זי פון די צווײַגלעך פײַער געמאַכט, דאָס מעל מיט וואַסער געמישט און געקנאָטן, זײַנען דרײַ קליינע ברויטעלעך אַרויס. האָט זי די דרײַ ברויטעלעך בײַם פײַער קוים אָפּגעבאַקן. און גאָט פאַר זײַנע חסדים לויבנדיק, וויל זי נעמען דאָס ערשטע ברויטל צום מויל, — עפנט זיך מיט אימפּעט פלוצלונג פון דרויסן די טיר, אין בײַדל פאַלט אַרײַן אַ מענטש מיט אַ געשריי:

—ראַטעווע אַ מענטש פון טויט! שוין דרײַ טעג און דרײַ נעכט אין מויל נישט געהאַט . . .

און ער דערציילט אין שרעק און אײַלעניש:

אַ שריפה איז אויסגעבראָכן אין זײַן דאָרף. אין מיטן דער נאַכט, ווען אַלע זײַנען געשלאָפן, האָט אויסגעבראָכן די בראַנד. אַ פײַער איז פון הימל געפאַלן . . . און דער שטורעם האָט דאָס פײַער איבערן גאַנצן דאָרף צעיאָגט . . . אַלץ איז פאַרברענט, ער איינער איז פון די פלאַמען פײַער און די זײַלן רויך מיטן לעבן אַרויס. אַלץ איז געוואָרן אַ רויב פאַר דער בראַנד: מאַן, ווײַב און קינד, און שאָף און רינד, און האָב, און גאָב. און דרײַ טעג און דרײַ נעכט לויפט ער

אַרום, פֿון פֿײַער געיאָגט, פֿון שרעק געטראָגן און אָן אַ ביסן ברויט.

דערלאַנגט אים די אַלמנה דאָס ברויטל פֿון מויל אַוועק און זאָגט אים:

— גיי אַרויס, איך בין איינע אַליין, און עס . . . און דערהאַלט דײַן נשמה! . . .

גייט דער אָנגעקומענער אַרויס און פֿאַרשווינדט אין דער פֿינצטערניש פֿון דער צוגעפֿאַלענער נאַכט.

דאַנקט די אַלמנה זײַן ליבן נאָמען, וואָס האָט זי מיט ברויט באַשענקט און נאָך אַ מצווה, אַ מענטש בײַם לעבן צו דערהאַלטן, באַשערט. און וויל דאָס צווייטע ווייכע ברויטל נעמען צום מויל.

עפֿנט זיך נאָך אַמאָל מיט אַן אימפּעט די טיר, און אַ צווייטער מאַן פֿאַלט אין דער אַלמנהס בײַדל אַרײַן, מיט דעם זעלבן געשריי:

— ראַטעווע אַ מענטש פֿון טויט! . . .

ער איז אַ רײַכער מאַן געווען, הערטן שאָף און רינדער אין סטעפּ געפּאַשעט, אין רײַכע געצעלטן מיט ווײַב און קינדער געוווינט, און יונגען געזונטע בײַ שאָף און רינד געהאַלטן . . . פּלוצלונג זײַנען בעדוּינען, ווי אויף די פֿליגל פֿון ווינט, אָנגעפֿלויגן אויף זייערע פֿערד, מיט בויגן געשפּאַנט אין די הענט, פֿון אַלע זײַטן זיי אַרומגערינגלט, מיט אַ האַגל פֿײַלן באַשיט, די יונגען מיט ווײַב און קינד געטויט, די הערטן אַפּגעפֿירט, און מיט זיי אין ווײַטן ברייטן סטעפּ פֿאַרשוווּנדן . . . און אַז דער סטעפּ האָט אויפֿגעהערט אָפּצוקלינגען זייערע טריט, האָט ער זיך, איינער אַ לעבעדיקער, פֿון צווישן די טויטע אויפֿגעהויבן, און בלאָנדזשעט שוין דרײַ טעג און דרײַ נעכט אַרום, אָן אַ ביסן ברויט, איידער ער איז צו איר בײַדל געקומען.

— דערלאַנג, האָב רחמנות, אַ ביסן צום מויל, אַנישט פֿאַל איך אַ טויטער צו דײַנע פֿיס . . .

דערלאַנגט אים די אַלמנה שונמית בתשואת־חן דאָס צווייטע ברויטל, גאָט לויבנדיק און דאַנקענדיק פֿאַר דער צווייטער גרויסער מצווה, וואָס ער האָט איר באַשערט. הייסט אים אויך אַרויסגיין עסן

פֿאַר דער טיר, ווײַל זי איז אײנע אַלײן אין בײַדל, און ער טוט אַזוי, און פֿאַרשווינדט אויך אין דער פֿינצטערער נאַכט . . .

נעמט זיך די אַלמנה שונמית צו דריטן ברויטל און וויל עס שוין געגעגנען צו מויל,— רײַסט זיך פֿלוצלונג אויס מיט באַנײַטע כוחות פֿון צפֿון דער ווינט און רײַסט איר בײַדל אײַן. צעפֿאַלן זיך רעכטס און לינקס די ווענט . . . פֿליט ערגעץ אַוועק דער סכך, און דער ווינט רײַסט דער אַלמנה דאָס דריטע ברויטל פֿון דער האַנט אַרויס און שלײַדערט עס אין ים אַרײַן . . .

און ערשט דאַמאָלט שטילט דער ווינט. שטייט די אַלמנה און טראַכט . . .

דער ווינט האָט זיך געלייגט, שטיל איז דער ים. איבער זײַן וואַסער, ווי איבער אַ שפּיגל, גליטשען זיך די ערשטע שטראַלן פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון. באַלד וועט זיך אויפֿכאַפּן דאָס דאָרף, אָפּבינדן מיט פֿרייד די שיפֿלעך בײַם ברעג, פֿאַרשפּרייטן נעצן . . . קינד און קייט זועט אַרויסלויפֿן באַגלייטן די פֿישער. און מיט פֿרײַע געשרייען רופֿן: אויס הונגער, געלויבט זײַן ליבער נאָמען ! עס וועט זײַן ברויט.

אָבער נישט וועגן דעם טראַכט די אַלמנה.

אַן אַנדער געדאַנק עגבערט אין איר מוח.

— וואָס האָט גאָט פֿון איר געוואָלט ? וואָס האָט גאָט מיט איר, דער אַלמנה, געטאָן ?

— וואָס האָט מיר גאָט געטאָן ? — עגבערט איר אין מוח.

איין ברויטל האָט ער איר צוגענומען פֿאַר אַן אַנטלאָפֿענעם פֿון פֿײַער. רעכט, זאָל זײַן געלויבט זײַן נאָמען !

דאָס צווייטע — פֿאַר אַ געראַטעטן פֿון גזלנים. אויך געלויבט זײַן ליבער נאָמען. ער האָט געגעבן, ער האָט גענומען, פֿאַר אַ בילכערן פֿון איר . . .

אָבער דאָס דריטע ברויטל ? אויסצורײַסן בײַ אַן אַלמנה פֿון מויל און שלײַדערן אין ים אַרײַן !

דאָס איז איר אוממעגלעך צו פֿאַרשטיין . . .

און עס פֿאַלט איר אײַן, אַז אפֿשר ווייסט גאָר גאָט נישט דערפֿון, אַז דאָס האָט דער ווינט אַליין, מיט זײַן אייגענעם ווילן, אָן גאָטס וויסן און קעגן זײַן ווילן געטאָן, זײַן ליבן נאָמען, וואָס שפּײַזט אַלמנות און יתומים, להכעיס!

אַנדערש קאָן נישט זײַן!

און זי וועט עס דעם ווינט, דעם גזלן, נישט שענקען, זי וועט דעם ווינט פֿאַרקלאָגן . . .

פֿאַר וועמען?

פֿאַר דעם מלך שלמה.

פֿאַר אים וועט זי אַ דין־תּורה האָבן מיטן ווינט, קיין ירושלים וועט זי גיין.

אָפּגעקלערט, פֿאַרדעקט זי דאָס פּנים מיט דער צעריסענער שאַל און לאָזט זיך אין וועג אַרײַן.

פֿאַרהונגערט איז זי און פֿאַרשמאַכט. נאָר דער גערעכטער צאָרן טראָגט זי אויפֿן ווײַטן וועג און זי איז געקומען — קיין ירושלים.

קומט זי, פֿרעגט זי נאָך, ווײַזט מען איר, וווּ דער מלך שלמה הויזט. לאָזן די שומרים אַרײַן; שלמה המלכס טירן זײַנען אָפֿן פֿאַר אַלע, בפֿרט פֿאַר אַלמנות. קומט זי אין זאַל אַרײַן און פֿאַלט פֿאַרן מלך שלמה, וואָס זיצט אויף זײַן שטול, אויפֿן פּנים!

— אדוני המלך, — זאָגט זי, — אַ דין־תּורה האָב איך.

— מיט וועמען? איך זע, דו קומסט אַליין.

— מיטן ווינט, — ענטפֿערט די אַלמנה, און הויבט צו אים דאָס פּנים אויף, און דערציילט אים איר טענה.

— גוט, — ענטפֿערט דער מלך שלמה, — דײַן פּנים איז דײַן עדות: עס איז מיד, און אין דײַנע אויגן ברענט דער הונגער. וועסטו דיך צו אַלעם ערשטן דערפֿרישן. זעץ זיך דערווײַל, אשה, אין אַ

ווינקעלע; מע וועט דיר דערלאַנגען ברויט און וויַין. עס, טרינק און דערהאַלט דיַין נשמה, דערנאָך וועסטו הערן דיַין פּסק.

גייט זי אָפּ אין אַ ווינקעלע. דערלאַנגט מען איר ברויט מיט וויַין: עסט זי. קומען דריַי פרעמדע מענער אַריַין. דריַי פרעמדע מענער, מיט זעקלעך אויף די אַקסלען צום מלך שלמה דאַרפן זיי.

— וואָס איז איַיער פאַרלאַנג, פרעמדע מענער? און וואָס טראָגט איר אין די זעקלעך אויף איַיער אַקסל?

דערציילן די מענער אַזאַ געשיכטע:

ישמעאלים סוחרים זיַינען זיי. האַנדלען מיט צירונג, טיַיערע כלים, און בשמים די טיַיערסטע, און זיַינען זאַלבעדריט געפאָרן אין אַ שיפל איבערן ים... ווינטן זיַינען געווען. אומרויִק איז געווען דער ים, זיַינען זיי אָבער שטאַרקע און געניטע ליַיט, שרעקן זיך פאַר קיין ווינטן נישט, שווימען זיי וואַל־אַרויף, וואַל־אַפּ...

האָט אָבער, איינמאָל פאַרנאַכט, אָנגעהויבן דאָס שיפל צו נעצן... געלעכערט איז ערגעץ געוואָרן דאָס שיפל, און מיט וואָס צו פאַרשטאָפּן איז נישטאָ. שריַיען זיי, אפשר וועט מען דערהערן פון ברעג און קומען צו הילף. הערט קיינער נישט. דער ווינט כאַפּט זייערע געשרייען און צעוואַרפט זיי איבערן ים, די וואַלן כאַפּן אויף און אַנטלויפן מיט זיי אין דער נאַכט אַריַין...

און דאָס שיפל נעצט און הויבט אָן זינקען...

שריַיען זיי צו גאָט. צו זייער גאָט; ער הערט נישט. רופן זיי צו אַנדערע געטער — צום גאָט פון מואב, צום גאָט פון פלישתים, צו נאָך געטער. קיינער ענטפערט נישט. האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז עס איז דאָ נאָך אַ גאָט, אַ גאָט פון ישראל... פרוּוון זיי און רופן:

— גאָט פון ישראל, ענטפער אונדז אין דער נויט! און אַ נדר טוען זיי: דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס מיר האָבן געלייזט גיבן מיר דיר אַוועק פאַר אונדזערע נפשות. נאָר ראַטעווע אונדז! ראַטעווע, גאָט פון ישראל...

און אין דער רגע האָט זיך דער ווינט אַ וואָרף געטאָן און

עפּעס פֿון ברעג אין שיפֿל אַרײַן מיט אַ גוואַלדיקן כוח אַרײַנגעשלײַ־
דערט, פּונקט אין לאָך פֿון שיפֿל אַרײַן, און האָט עס פֿאַרשטאָפּט . . .

און באַלד האָט זיך געלייגט דער ווינט און מיר זײַנען בשלום
צוגעשוווּמען צום ברעג . . .

האָבן מיר בײַ לײַטן זיך נאָכגעפֿרעגט: ווו הויזט דער ייִדישער
גאָט. מיר ווילן אונדזער נדר מקיים זײַן?

האָט מען אונדז אָנגעוויזן ירושלים . . .

זײַנען מיר מיט אונדזערע זעקלעך קיין ירושלים געקומען
און אין די גאַסן די מענטשן אויסגעפֿרעגט: ווו איז אײַער גאָט?
מיר ווילן אים זען! האָבן לײַט אונדז געענטפֿערט, אַז דעם גאָט פֿון
ישׂראל זעט מען נישט . . .

— מיר דאַרפֿן אים דאַנקען, כּבֿוד אָפּגעבן, און אַ מתּנה
דערלאַנגען . . .

האָבן זיי מיט די אַקסלען געדריקט; אַנדערע האָבן אונדז
אויסגעלאַכט . . .

און עלטערע לײַט, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, זיי זיך פֿאַרטרויט
און אַן עצה געפֿרעגט: וואָס טוט מען מיט אונדזער נדר, ווען מען גיט
מען, עס זאָל פּאַסן צום ייִדישן גאָטס ווילן, די זעקלעך מיט זילבער
און גאָלד, האָבן קיין באַשייד נישט געוווּסט. נאָר אײנער פֿון זיי, דער
עלטסטער, האָט אונדז געראָטן, מיר זאָלן זיך ווענדן, גרויסער האַר
און מלך, צו דיר. דו ביסט, האָבן זיי געזאָגט, דער קליגסטער אויף
דער גאַנצער וועלט, און דו ווועסט וויסן אונדז צו ראָטן, ווי אַזוי
אונדזער נדר מקיים צו זײַן, צו טאָן מיטן גאָלד און זילבער לויט דעם
ווילן פֿון גאָט פֿון ישׂראל.

האָבן זיי געענדיקט און געבוקט זיך, און דער מלך שלמה
פֿרעגט:

— האָט איר, פֿרעמדע לײַט, באַטראַכט, וואָס דער ווינט האָט
אײַך פֿון ברעג אין שיפֿל אַרײַנגעשלײַדערט, מיט וואָס ער האָט דאָס
לעכל פֿאַרשטאָפּט, איר זאָלט נישט אונטערגיין?

— מיר האָבן געזען, גרויסער מלך, גרויסגענומען און גוט באַטראַכט. אַ קליין ברויטל איז עס געווען, אַ ווייך, נישט דערבאַקן ברויטל . . . מיר האָבן עס געבראַכט, דיר צו ווייַזן, מלך . . .

און דער עלטסטער נעמט דאָס ברויטל פון בוזעם אַרויס און ווייַזט עס.

רופט צו דער מלך שלמה די אַלמנה שונמית און פרעגט, צי זי דערקענט נישט, צי איז עס נישט איר ברויטל?

דערקענט זי: איר ברויטל.

פסקנט דער מלך שלמה, מען זאָל איר געבן די דרייַ זעקלעך גאָלד און זילבער. טוען אַזוי די לייַט, דאַנקען און גייען.

און צו דער אַלמנה ווענדט זיך דער מלך שלמה:

— נעם דאָס גאָלד מיטן זילבער. פאַר דייַן דריט ברויטל האָט דיר גאָט באַצאָלט, און זייַ וויסן, אַז קיינער טוט נישט גאָט להכעיס; אַז אַלץ געשעט לויט זייַן ווילן. און אַז נאָר זייַן שליחות טוט דער ווינט.

—————):(—————

דרשה געשאַנק

דאָס

וואָס איך וויל אײַך פֿאַרציילן, איז אין שבחי בעל־שם־טובֿ נישטאָ, אין קיין אַנדער ספֿר פֿון די סיפּורי־מעשׂיות נישט געדרוקט. און דאָך ניכּרים דבֿרי אמת, ווי איר וועט אַליין זען . . .

אָנגעהויבן האָט זיך די מעשׂה גאָר, גאָר פֿריער, בשעת דער שוואַרצער מגפֿה. אַ פּופּצן מײַל הינטער מעזשיבעזש איז פֿאַראַן אַ דאָרף. אָנהויבן הויבט זיך אָן דאָס דאָרף מיט אַ קרעטשמע. האָבן די קרעטשמע צוויי שותּפֿים געהאַלטן. אַלטע ייִדן האָבן געדענקט, אַז די קרעטשמע בײַם כראַביע האָבן געהאַלטן צוויי שותּפֿים. מען האָט נאָך דאַמאָלט געוווּסט די נעמען זייערע: איינער האָט געהייסן דער קרומער אליה — אַ קרומען אקסל געהאַט, דעם צווייטן האָט מען גערופֿן: דער ברייטער מיכל, אַ ייִד — אַ פֿאַרנעם, קוים אַרײַן אין טיר. די ייִדן האָבן געלעבט, געהאַנדלט בשותּפֿות, קינדער געהאַט . . .

איז אַרויס אויף דער וועלט די שוואַרצע מגפֿה, אַרײַנגעכאַפּט זיך אין קרעטשמע, צוגענומען ביידע שותּפֿים מיט די ווײַבער און קינדער אַ סך. געבליבן איז נאָר נאָכן קרומען אליה אַ ייִנגעלע און נאָכן ברייטן מיכל אַ מיידעלע, אין די זעלבע יאָרן, צוויי קליינע קינדער. דער ברייטער מיכל מיטן ווײַב — דאַכט זיך שיינדל האָט

כראַביע — גראַף, דאָ געמיינט — אַ גרויסער פּריץ.

זי געהייסן — זיינען שפּעטער געשטאָרבן און פאַרן טויט האָבן זיי דיביידע קינדער פאַרקנסט . . . די דערמאָנטע שיינדל האָט דאַמאָלסט פון אונטערן קישן אַפּיר גענומען אַ פינגערל אַ זילבערן — איר טבעת קדושין געווען — און איבערגעגעבן דעם יינגל, זאָגנדיק צו אים כמעט ביי יציאת נשמה:

—אָט מיט דעם פינגערל זאָלסטו דערלעבן מקדש צו זיין דיין כלה . . .

אויסער די צוויי קינדער — חתן־כלה — איז געבליבן אַ משרת. האָט דער משרת אָפּגעטאָן אַזאַ מעשה רע. ער האָט מעלים געווען פאַרן פּריץ די קינדער, איבערגענומען די קרעטשמע, געצאָלט אָרענדע דער פּריצה (דאָס האָט איר דער פּריץ איבערגעגעבן, ווי עס הייסט ביי זיי — אויף שפּילקעס), די קינדער געפּייניקט, און ווי זיי זיינען אויפגעוואַקסן, האָט ער אים געמאַכט ביי זיך פאַר אַ משרת, דאָס מיידל—פאַר אַ קעכין. אין מעזשיבעזש האָבן דעמאָלט גערעדט דערפון פיל: נאָר פּופּצן מייל ווייט. דער אָרענדאַר איז געוואָרן אַ גבֿר אלים, אַ חשובֿ ביים פּריץ און ביי דער פּריצה, און דער פּריץ איז געווען אַ כראַביע, פון די שרי־המלכות, קיין ייִד כמעט נישט צוגעלאָזט, — זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט! האָט מען גערעדט און גערעדט און פאַרגעסן. די קרעטשמע האָט מען גלאַט געמיטן: אַן אָרעמען אורח פלעגט ער, דער געוועזענער משרת, נישט לאָזן איבער דער שוועל. פון רייכערע — די הויט געריסן . . .

ארויסגעשוואומען איז די מעשה נאָך אַמאָל ערשט אין פּערצן, פופּצן יאָר אַרום. עפּעס עמיץ איז דורכגעפאָרן מעזשיבעזש. געווען ביים בעל־שם, גלאַט אַזוי, אַריינגעקומען און פאַרציילט, באשר בכן, דער אָרענדאַר פון יענער קרעטשמע, דער געוועזענער משרת, שדכנט זיך צו דער יתומה. אַניט, זאָגט ער, וועט ער ביידע אַרויסטרייבן . . .

עס נעמט אָן ביי דער לעבער. נאָר אַז דער בעל־שם הערט און שווייגט, שווייגט מען. זיפּצט מען אָפּ, מען דערמאָנט אַמאָל, און מען זיפּצט ווייטער און מען פאַרגעסט ווידער . . .

דער בעל־שם, אפנים, האָט נישט פאַרגעסן, ווי איר וועט זען . . .

איינמאָל, ווינטער־צײַט, איז אַ גרויסע זאַווערוכע געווען. שניי און שניי. שבת פאַרנאַכט איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן. מען קוקט אַרויס פאַר הבדלה: אַן אויסגעשטערנטער הימל. גוט. דער בעל שם מאַכט הבדלה. האָדל, כמנהגה, האַלט די הבדלה. די רביצין שטייט אין טיר. אין שטוב — איבער דער וואָך, צוליב די שנייען, קיינער נישט געקומען — קוים אַ מנין.

נאָך הבדלה, מען וואַרט, דער בעל שם זאָל אָנהויבן ויתן־לך. דער בעל שם פאַרטראַכט זיך. דערנאָך צעשמייכלט ער זיך און גיט אַ זאָג:

— ווייסט איר וואָס, רבותים? מיר וועל'מיר פאָרן שפּאַצירן. די רביצין מיט האָדלען פאָרן מיט. ויתן לך וועלן מיר זאָגן אויפן וועג. די אליהום וועל'מיר, אם ירצה השם, זינגען אין וואַלד און מלווה מלכה וועל'מיר פּראַווען אין אַ קרעטשמע. אַ שימחה וועט זײַן! זאָל וואַסיל אײַנשפּאַנען דעם גרויסן שליטן.

לויפט מען אַרויס אָנזאָגן וואַסילן. און ער הייסט די רביצין מיט האָדלען אײַנפּאַקן אַ מלווה־מלכה כיד המלך. נישט פאַרגעסן מיטצונעמען אַביסל לעקעך און בראַנפן. דאָס ביסל ווײַן, וואָס איז פון קידוש והבדלה געבליבן, אויך מיטנעמען . . .

ווי געזאָגט, אַ שימחה וועט זײַן, זאָגט ער. ווערט שוין פריילעך אויפן האַרץ.

דערבײַ איז געווען דער סופר פון שטאָט.

—האָסט נישט בײַ דיר אַ גרייטע כתובה, נאָר אַרײַנצושרײַבן נעמען?

מען ווערט נתפּעל פון דער שאלה. דער סופר דערמאָנט זיך: ער האָט אין דער היים. הייסט ער אים לויפן, ברענגען און מיטנעמען. ווערט מען נאָך מער נתפּעל, נאָר איבערפרעגן פרעגט מען נישט.

עס גייט נישט אַוועק אַ האַלבע שעה, וואַסיל מיטן ברייטן שליטן פאַרפאָרט; אויפן ערשטן געזעס זיצט שוין די רביצין און האָדל, די מלווה־מלכה אין אַ טישטוך געפּאַקט אין דערמיט. אויפן

צווייטן געזעס — דער בעל שם צווישן צוויי עלטערע מקורבים. די רעשט כאַפּט זיך אויף ווו עס איז, מיט די פּיס פון שליטן אַרויס. אַ יונגערמאַן האָט זיך אַרויפגעכאַפּט רייַטנדיק אויף אַ דראָנג... וואַסיל מיט בייַטש און לייצן אין דער האַנט, זיצנדיק, ווי זייַן שטייגער איז געווען, מיט די פּיס אויפן דישל און מיטן פּנים צום עולם, פרעגט:

— וווּ אַהין?

דער בעל שם ענטפערט: — פאָר!

פרעגט שוין וואַסיל נישט איבער, גיט אַ שטעק אַרייַן אין היי אין ווינקל די בייַטש, בינדט צו די לייצן צום ראַנד פון וואַסאַנג, און — אַ הוק אויף די פערדלעך! הויבן די פערדלעך, איבער דער זאַווערוכע־צייַט אויסגערוט, די פיסלעך מיט חשק, יאָגן אויף אַ שנייענעם שטויב פון אונטער זיך, און מען טראָגט זיך, ווי אין אַ ליכטיקן נעפּל, פון געסל אַרויס, פון מאַרק, פון שטאָט, אין ווייַטן, ברייטן שנייענעם רחבֿות אַרייַן, און מען זאָגט ויתן לך...

אָפּגעזאָגט ויתן לך, — הויבט זיך אָן דער וואַלד. דאַמאָלסט אוודאי פופצן מייַל וואַלד געווען... אַ שליאַך אַ ברייטער, גלאַטיק ווי איבערן טיש. און מען זינגט די אליהוס... דער ניגון שטאַרקט זיך. דער אויסגעשטערנטער הימל, זעט מען בחוש, איז מקבל תענוג, ממש די שטערנדלעך טאַנצן אונטער. די אַלטע נאָדל־ביימער — רעכטס און לינקס ציטערן אויף ממש, ווי פון שלאָף, און באַשיטן אונדז מיט שנייעלעך, ממש ווי מען באַשיט חתנים מיט האָפּינקע. אַמאָל שפּרינגט אויף אַ דערוועקטער שוואַרצער פויגל און גיט אַ שאָס ערגעץ אַוועק מיט אַ געשריי אין אויער אַרייַן און ווערט נעלם... אַמאָל וועקן זיך גאַנצע שאַרן קליינע פייגעלעך און — פּיפּץ, פּיפּץ, פּיפּץ — זיי האַלטן אונטער, זינגען מיט... און אַזוי ווי עס ענדיקן זיך די אליהוס, ענדיקט זיך אויך דער וואַלד. ווייַטער אַ רחבֿות, זעט זיך פון ווייַטן אַ דאָרף, פאַרן דאָרף אַ גרויס הויז — די קרעטשמע. דערקענט מען די קרעטשמע מיטן דאָרף, ווייסט מען — פופצן מייַל פון שטאָט. פון דעם אָבער רעדט מען נישט: מיט קפיצת־הדרך. אַז מען פאָרט שפּאַצירן, איז מען געווינט.

— שטיי ! — הייסט דער בעל־שם. בלייבט מען שטיין.

— דאָ, — זאָגט ער. — וועל׳מיר וואַרטן אביסל.

וואַרטן איז וואַרטן. שפּרינגען טייל אַראָפּ פון שליטן אויסגלייכן די פיס.

דערווייל דערהערט מען, עפּעס קאָפּעט זיך אַלץ נענטער אין שניי. מען קוקט זיך צו — אַ פערד מיט אַ שליטל. נענטער — זעט מען — צוויי פאַרשוין פאָרן. אַ ספּאָדיקל מיט אַ שאַל. זיי ווילן פאַרביי, שטעלט זיי דער בעל שם אָפּ.

— הער נאָר דו, בחור איינער ! — נאָר אָן כעס, טאַקע מיט אַ שמייכעלע, — ווי פאָרט עס אַ בחור מיט אַ בתולה אליין ביי דער נאַכט ?

דער בחור קוקט זיך צו, ווער פרעגט עס אים. זעט ער, אפּנים, ווער. און אפשר אָן קול דערקענט, אַז עס איז נישט קיין פּראָסטער בשר־ודם.

— מיר זיינען חתן־כלה, רבי !

— דאָס ווייס איך . . . אָבער פאַר חופה וקידושין . . .

— דער בעל הבית, רבי, האָט אונדז אַרויסגעטריבן, ווי מיר שטייען און גייען. אַ מערכה, אַ פויער, אַ שכן, האָט אויף אונדז רחמנות באַקומען, אַ פערד און שליטל געבאָרגט און פעלצן. און געראָטן, איך זאָל אַריינפאָרן קיין מעזשיבעזש צום ראַבין, צום בעל־שם . . . ער וועט מיר העלפן . . .

— איז דיר, — ענטפערט מען אים אַלץ מיט אַ שמייכעלע, — דער בעל־שם אַנטקעגן געקומען . . .

ער גלויבט קוים זיינע אויערן און אויגן.

— און פאָר צוריק ! — זאָגט דער בעל־שם.

— ער וועט אונדז דערהרגענען . . . ער האָט געזאָגט . . .

— פֿאָר, אַז מען הייסט!

דרייט ער אוים און פֿאָרט צוריק. דער גרויסער שליטן — נאָך. ווער ס'איז אַראָפּ, כאַפּט זיך צוריק אויף אָדער גייט שוין דאָס שטיקל צופֿוס...

און אַז דאָס קליינע שליטל פֿאַרפֿאָרט פֿאַר דער קרעטשמע, לויפֿט אַרוים דער אַרענדאַר מיט אַ דראַנג...

גיט מען אויף אים אַ געשריי פֿון גרויסן שליטן. דערזעט ער אַן עולם, רופֿט ער מיט כעס:

—שלעפּערס געקומען! פֿאָרט ווײַטער! נישטאָ וואָס צו עסן, נישטאָ וואָס צו טרינקען, נישטאָ וווּ צו נעכטיקן, הײַדאָ!

און לויפֿט צוריק און וויל פֿאַרשפּאַרן די טירן.

טאָקע אַ גבֿר דער ייִד, דער גזלן, פּלייצעס, הענט און אַ דראַנג אין דער האַנט. איז דאָך אָבער דאָ וואַסיל, און דער עולם קומט צו־הילף... און אַ מינוט אַרום זײַנען אַלע אין שטוב.

— דאָ נעכטיקן, — זאָגט צו אים דער בעל־שם, — וועלן מיר נישט, עסן און טרינקען האָבן מיר, ברוך השם, מיטגעבראַכט. דו זוך אוים, געפֿין און צינד אָן מער ליכט...

וואַרטשעט עפּעס דער גזלן אונטער דער נאָז, נאָר פֿאָלגן פֿאָלגט ער. עס ברענען שוין עטלעכע ליכט אין מעשענע לײַכטער.

— דערלאַנג נאָך אַ טישטוך!

— זאָל ער דערלאַנגען! — ברומט ער, דער גזלן, מיט אַ בייזן בליק צום אַרויסגעטריבענעם בחור.

— דו ביסט זײַן משרת! — שרײַט אויף אים אָן דער בעל־שם. כמעט דאָס ערשטע מאָל האָט מען אים געהערט אָנשרײַען. און עס האָט אַ פּעולה געהאַט. דער אַרענדאַר איז מיט אַמאָל איינגעצויגן, קליין געוואָרן, ממש איינגעשרומפּן, צוריק משרת געוואָרן. און ער גייט און ברענגט אַרײַן פֿון צווייטן שטוב אַ טישטוך.

— דרענגלעך האָסטו? — פֿרעגט דער בעל־שם.

ער ענטפֿערט שוין ווי אַ משרת:

— אײַנצוהייצן אין אויוון אָדער אויפֿן קוימען?

— נישט צום הייצן. ברענג פֿיר גלײַכע דרענגלעך...

ברענגט ער.

זאָגט דער בעל־שם צום סופֿר:

— נעם אַרויס די כתובה און שרײַב אײַן די נעמען פֿון חתן־כלה...

און דערנאָך:

— זאָל עמיץ פֿון טישטוך מיט די דרענגלעך מאַכן אַ חופּה.

דער סופֿר שרײַבט. די חופּה ווערט געמאַכט. חתן־כלה שטייען שוין אונטער דער חופּה. דער בעל־שם איז שוין מסדר־קדושין... מזל־טוב! מזל־טוב! און מען זעצט זיך צו מלווה־מלכה, וואָס די רביצין מיט האָדלען האָבן דערווײַל אויסגעפּאַקט און צום טיש געגרייט...

מען עסט, מען טרינקט, מען זינגט אונטער... — רופֿט זיך אָן דער בעל־שם:

— אַצינד דרשה־געשאַנק! די נאַכט שטייט נישט. פֿאַר ביידע, חתנס צד און כלהס צד מיט אַמאָל. און ער צעשמייכלט זיך און רופֿט אויס:

— איך, פֿון מײַן צד, גיב דעם פּאַר־פֿאָלק די אַרענדע פֿון דער קרעטשמע!

— די קרעטשמע איז מײַן! — צינדט זיך אָן דער געוועזענער משרת.

— נאַרישער רשע! אַצינד בין איך פּריץ, און די קרעטשמע איז מײַן, און איך גיב זי איבער דעם פּאַר־פֿאָלק.

— און, — ווענדט ער זיך צו דער רביצין, — און דו, רביצין, וואָס גיסטו?

גלײַך מיט אַלע נעמט עס די רביצין אָן פֿאַר אַ שפּאַס, דעם גזלן להכעיס, און רופֿט זיך אָן:

— אַז דער מאַן איז אַ פּריץ, איז דאָס װײַב אַ פּריצה, און אַזױ װי דעם אָפּצאָל פֿון קרעטשמע (אַ דבֿר ידוע געװען) נעמט די פּריצה אױף שפּילקעס, שענק איך זײ דרשה־געשאַנק — דעם אָפּצאָל אױף אײביקע יאָרן!

— אױב אַזױ, — מאַכט האָדל, — אַז דער טאַטע איז אַ פּריץ און די מאַמע אַ פּריצה, בין איך דאָך דעם פּריצס אײנציקע טאָכטער, האָב איך אױך אַ שטיקל דעה.

אַװדאַי, אַװדאַי!

— גיב איך, פֿון מײַן צד, פֿון גאָרעלנע דעם פֿאַר־פֿאָלק דרײַ הונדערט עמער בראַנפֿן.

— רבותי, מיר װעלן בענטשן!

בענטשט מען נאָכן שפּאַס, װי מען האָט געמײנט...

נאָכן בענטשן מאַכט דער בעל־שם צום פֿאַר־פֿאָלק:

— אַצינד מעגט איר שױן פֿאָרן צוזאַמען. װוּ אַהין װילסטו פֿאָרן?

— איך האָב דאָ אַ פֿעטער נישט װײַט, אינם װאַלד... אַ סמאָלע־מאַכער...

שמײכלט דער בעל־שם און זאָגט:

— אַ מענטש פֿאָרט, און גאָט פֿירט... פֿאָרט געזונטערהײט. נאָר די שיריים, — זאָגט ער, — מיטן טישטוך נעמט אײַך מיט. דער עיקר פֿאַרגעסט נישט דאָס איבערגעבליבענע ביסל װײַן. עס װעט אײַך צונוץ קומען...

געשעעט אַזױ. פֿאָרט דער קלײנער שליטן אָפּ אין אײן זײַט, מיר אױפֿן גרױסן — צוריק קײן מעזשיבעזש... מן הסתם װעט זײַן קפֿיצת הדרך. שױן זיצנדיק אױפֿן שליטן, װענדט זיך דער בעל־שם צום אָרענדאַר:

— און דו, גזלן, זאָלסט תּשובֿה טאָן! פֿון קרעטשמע וועסטו אַרויס, זײַן נעז־ונד, פֿאַרוועגן גלות. דערנאָך וועט דיר גאָט העלפֿן, און וועסט אָנקומען צו מיר נאָך תּשובֿה... פֿאַר, וואַסיל...

דער שליטן רירט, דער אַרענדאַר בלײַבט ווי פֿאַרשטיינערט... נאָך בײַם וואַלד אַרײַנפֿאָרנדיק, האָט מען זיך אומגעקוקט און געזען, ווי ער שטייט נאָך אַלץ און רײַבט די אויגן, גלײַך ווי ער וויל זיך אויפֿכאַפּן פֿון אַ בייזן חלום...

און וואָס דער בעל־שם האָט געזאָגט, איז, פֿאַרשטייט זיך, מקוים געוואָרן...

אין עטלעכע יאָר אַרום איז דער אַרענדאַר געקומען און מקבל תּשובֿה געווען... עס איז שוין נישט געווען צו דערקענען. דאָס איז שוין אַן אַנדער מעשׂה. הערט בעסער, וואָס עס איז געשען מיטן דרשה־געשאַנק. מען האָט דאָך געמיינט: אַ שפּאַס...

פֿאָרט דער יונגערמאַן מיטן ווײַבל אין וואַלד אַרײַן, דאָס טישטוך מיט די שיריים פֿון מלווה־מלכּה, מיטן ביסל ווײַן אין פֿלעשל אײַנגעפּאַקט. דאַרפֿן זיי פֿאָרן צום סמאָלע־מאַכער לערך אַ האַלבע שעה. פֿאָרן זיי שוין אַ שעה און אַנדערהאַלבן, און דעם פּלאַץ מיטן שוואַרצן הײַזל זעט מען נישט. קיין וווּנדער נישט, אָנגעפֿאַלן אַזאַ שניי, גיי דערקען אַ וועג! אָבער אומרויִק ווערט מען, און אַביסל שרעקט מען זיך אויך. דערווײַל שטעלט זיך דאָס פֿערדל. זאָל עס אָפּכאַפּן, ס'האָט שוין לאַנג אין מויל נישט געהאַט. זאָגט דאָס ווײַבל:

— אַ צער־בעלי־חיים, אפֿשר געבן אים אַ שטיקל חלה פֿון די שיריים...

— מהיכא־תּיתי...

גייט דאָס ווײַבל אַראָפּ פֿון שליטל, פּאַקט אויף, דערלאַנגט צו אַ שטיק חלה און גיט דעם פֿערד צום מויל! קײַט עס.

שפרינגט דער יונגערמאַן אויך אַראָפּ פֿון שליטל; די פֿים אויסגלײַכן. אגב, מעג מען גיין אַביסל צו פֿוס.

דאָס פֿערד האָט אָפּגעקײַט, אָפּגעטשוכעט זיך. מען וויל רירן פֿון אָרט, דערהערן זיי פֿון הינטער די ביימער אַ טיפֿן קרעכץ און נאָך אַ קרעכץ . . .

— אַזאַ חיה ? — פֿרעגט דאָס ווײַבל.

— ניין, דאַכט זיך, אַ מענטש.

— געוויס אַן אומגליק געשען . . .

— לאָמיר זוכן !

גייען זיי נישט לאַנג נאָכן קרעכץ און טרעפֿן אַ ליגנדיקן מענטש, אַ פֿאַרחלשטן. אַ יונגער מענטש, קענטיק, אַ פּריץ אַ יונגער. לעבן אים — די ביקס. נישט ווײַט — אַ געשאָסענער האָז.

— אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער, פֿאַרחלשטער יעגער, — טרעפֿט דאָס ווײַבל.

— אוודאי אַזוי, ברענג דאָס ביסל ווײַן . . .

דערמאָנען זיי זיך, דער בעל־שם האָט געזאָגט : עס וועט צונוץ קומען . . .

ברענגט דאָס ווײַבל דעם ווײַן, אַ שטיקל לעקעך. דער יונגערמאַן האָט זיך דערווײַל אַנידערגעזעצט און דעם פֿאַרחלשטנס קאָפּ צו זיך אויף די קניען גענומען. דאָס ווײַבל באַשמירט אים די ליפּן מיט ווײַן. ער עפֿנט קוים די אויגן אויף .

— ווו בין איך ?

גיסט זי אים אַרײַן עטלעכע טראָפּן אין מויל אַרײַן, שלינגט ער. דערלאַנגט אים צום מויל אַ שטיקל לעקעך — בײַסט ער אײַן, קומט צו זיך.

ווער איז עס געווען מיינט איר ?

טאַקע דער יונגער כראַביע אַליין. שוין דרײַ טאָג איז ער אַרום מיט יונגע פּריצים אויפֿן געיעג. אַן אַ זײַט זיך גענומען. וואָס ?

ער קען נישט דעם וואלד?—און פארבלאנדזשעט. פריער האט ער נאך געהערט שיסן, דערנאך האט אויפגעהערט, זיי האבן אוודאי באמערקט, אז ער פעלט און געלאפן אים זוכן, און זיינען זיך נאך מער צעגאנגען... הונגעריק און דורשטיק, האט ער זיך, נאך א לאנגן אומזיסטיקן ארומבלאנדזשען, אנידערגעזעצט אונטערן בוים... אוועקגעשליידערט פון זיך דעם געשאסענעם האז. כדאי געווען צוליב אים צו פארבלאנדזשען... אזוי פיל נאכצולויפן!.. דערנאך האט ער שוין שוואך געהערט טרומייטערן ערגעץ ווייט און רופן און הוקען אין וואלד. גיין האט ער שוין נישט געקענט, און זיין שוואך געשריי האט מען נישט געהערט... דערנאך איז שטיל געווארן... ער איז, דאכט זיך, איינגעשלאפן, אפנים, מיט אפענע אויגן... וויל אין א צייט ארום האט ער געזען, ווי מענטשן — פויערים און יעגער מיט ברענענדיקע שטורקאצן אין די הענט לויפן ארום איבערן וואלד, טרומייטערן, רופן, הוקען... ער הערט, זעט, וויל און קאן זיך נישט אויפכאפן...

א מערכה, זיי האבן אים געפונען, ער וואלט שוין מער נישט אויפגעשטאנען.

נעמען זיי דעם יונגן כראביע, וואס איז שוין צו זיך געקומען, מאכן אים אין שליטן א באזונדער געזעס, זעצן אים און זיך אויף צום פארן.

— מערקווירדיק, — מאכט ער, דער יונגער כראביע, — אצינד זע איך באשיינפערלעך, ווו איך בין. אט דארט, — ווייזט ער מיטן פינגער, — איז דער פאלאץ. פארט אהין גלייך צווישן דיביימער...

— עפעס א פארבלענדעניש געווען! — מורמלט ער און בלייבט שטיל, נאכטראכטנדיק, וואס אין דער היים ביי פאטער און מוטער טוט זיך... און זיי פארן, ווי ער האט זיי געוויזן, גלייך צום פאלאץ צו...

נישט ליכטיק איז אין פאלאץ. אין איין פענצטער אינגאנצן שיינט דורך דער פארהאנג. אין דער רעשט — חושך.

מען פארט ארייַן אין טויער. לויפן מענטשן אנטקעגן: ווער קאן עס פארן ביידערנאכט?.. א געבילעריי ווערט פון הינט. איינער

שפּרינגט צו, דערקענט, ווער עס איז אין שליטל, און לאָזט אַרויס גאָר אַן אַנדער ביל, אַ ביל פֿון פֿרייד, פֿון אַ גוטער בשׂורה. לויפֿט נענטער צו אַ דינער:

— דער פּריץ, דער יונגער פּריץ!...

לויפֿט מען צום פּאַלאַץ, טוט מען צו וויסן. לויפֿן אַרויס פֿאָטער און מוטער און געסט...

— מײַן זון, מײַן זון, מײַן ברודער!

— סטאַש, סטאַש, ער לעבט! — שרײַען די יונגע פּריצים, וואָס האָבן נאָך די יעגערישע קליידער נישט אַראָפּגעוואָרפֿן. מען כאַפּט דעם, פּאַן סטאַניסלאַוו אויף די הענט, מען טראָגט אים אין פּאַלאַץ. מיט אַמאָל ווערט ליכטיק אין אַלע פֿענצטער, דער גאַנצער הויף — באַלויכטן.

דער פּאַן סטאַניסלאַוו פֿאַרציילט. אַלע רינגלען אים אַרום און הערן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם... דערווײַל איז שוין געדעקט דער טיש: ווײַן, פֿאַרבײַסעכץ. מען זיצט שוין, מען עסט, מען טרינקט, מען פֿרייט זיך, און דאַמאָלט גיט עמיץ אַ פֿרעג:

— און ווער האָט דיך אויפֿגעהויבן, ווער האָט דיך געבראַכט, טײַערער סטאַש?

זײַנען אַלע פֿאַרשעמט געוואָרן. מען האָט גאָר אַן די, וואָס האָבן דעם בן־יחידם לעבן מציל געווען, פֿאַרגעסן!

— אַזאַ אומרעכט! פֿאַרברעכט דער פּריץ די הענט.

— ווײ מיר! — קרעכצט די פּריצה, — גאָט וועט עס מיר נישט מוחל זײַן...

— אויף אַ שליטל געווען, געמוהט אוועקפֿאָרן. גאָרנישט אין מויל אַרײַן גענומען, דאָס האַרץ נישט אונטערגעלענט, נישט אָנגעוואַרעמט זיך, קיין דאַנק נישט געהערט, — זאָגט מיט שמערצלעכע טרערן די טאָכטער.

סטאַש — צערטלעך פֿאַרקירצט פֿון סטאַניסלאַוו.

דאַמאָלט קומט צו דער קאַמערדינער און ראַפּאָרטירט :

— ער האָט אַלץ געטאָן, וואָס מען דאַרף. דאָס פּערדל אויסגעשפּאַנט און אין שטאַל אַרײַן גענומען, פּרישן האָבער געשיט. זיי — יינגל, דאַכט זיך, און אַ מיידל, אפשר שוועסטער און ברודער, אפשר חתן־כלה . . . זיי האָט ער זיך אין קיך באַשערט, זיי זאָלן זיך אָנוואַרעמען, עסן האָבן זיי זייער אייגנס מיט זיך געהאַט. זיי זײַנען יידישע קינדער, זיי ווילן אונדזערס נישט פאַרזוכן . . .

— אהער ברענג זיי אַרײַן, אַהער ! — רופט אוים דער פּריץ.

— אליין וועל'מיר זיי ברענגען, אליין ! — רופן אוים דעם יונגן כראַביעס מוטער און שוועסטער . . . און זײַנען אַרוים און דאָס יונגע פּאַר־פאָלק געבראַכט אין זאַל אַרײַן . . .

— אַ דאַנק, אַ דאַנק . . . אַ דאַנק . . .

די אַלטע פּריצה פרעגט :

— וואָס זײַט איר : שוועסטער און ברודער, חתן־כלה ? . . בײַ אײַך פאַרט מען דאָך נישט אַזוי . . .

— נייך, — זאָגן זיי, — מאַן און ווייב, ערשט נאָך דער חופה ! צו אַ פעטער אין וואַלד זײַנען מיר געפאָרן . . . צום סמאָלע־מאַכער.

— אויב אַזוי, — רופט מען פון אַלע זײַטן, — מזל־טוב אײַך, מזל־טוב ! זאָל זײַן מיט גליק, הייסט עס, אויף זייער לשון . . .

— קומט דאָך אײַך, — רופט זיך אָפּ דער יונגער כראַביע, — מתנות . . . דרשה־געשאַנק, אויף זייער לשון, חתונה־געשאַנק.

רופט זיך באַלד אָפּ דער אַלטער פּריץ :

— איך גיב זיי אַוועק די בעסטע קרעטשמע אין מײַנע גיטער.

און די פּריצה זאָגט :

— און איך שענק זיי די ערענדע אויף אייביקע יאָרן !

און די טאָכטער רופט זיך אָן :

— אין־איינציקע טאָכטער בין איך, אויסער מײַן ברודער, האָב איך אויך אַ שטיקל דעה!

— האָסט, גיב, — זאָגן פאָטער און מוטער, — וואָס דו ווילסט!

— גיב איך דרײַ הונדערט עמער אָקעוויט פון גאַראַלנע.

וכך הוה... דער יונגער פריץ האָט נאָך עפּעס אַרײַנגעשטופּט אין די הענט אַרײַן...

איך האָב נישט געציילט...

דערווײַל איז אַרײַן מוזיק, מען האָט אָנגעהויבן טאַנצן...

אונדזער פּאַר־פאָלק האָט זיך שטילערהייט אַרויסגעגנבֿעט און געפאָרן צוריק — צו זיך אין קרעטשמע אַרײַן...

דער אַרענדאַר איז שוין דאָרט נישט געווען... שוין געגאַנגען לײַדן גלות.

———):(———

אויב נישט נאָך העכער

און

דער נעמיראָווער פלעגט סליחות־צײַט יעדן פרימאָרגן נעלם ווערן, פאַרשווינדן!

מען פלעגט אים נישט זען אין ערגעץ: נישט אין שול, נישט אין ביידע בתי מדרשים, נישט בײַ אַ מנין און אין דער היים אוודאי און אוודאי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפן. ווער עס האָט געוואָלט איז אַרײַן און אַרויסגעגאַנגען; געגנבעט בײַם רבין האָט מען נ י ש ט; אָבער קיין לעבעדיק באַשעפעניש איז אין שטוב נישט געווען.

ווּ קאָן זײַן דער רבי?

ווּ זאָל ער זײַן? מן הסתם אין הימל! וויייניק געשעפטן האָט אַ רבי פאַר ימים־נוראים צו פאַרזאָרגן? ייִדעלעך, קיין עין־הרע, דאַרפן פרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פרום זײַן, און די זינד זײַנען דאָך גרויס, און דער שטן מיט זײַנע טויזנט אויגן קוקט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער; און ער זעט, און פאַרקלאָגט, און מסרט... און — ווער זאָל העלפן, אַז נישט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק; לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס: פון מוסר־ספרים האַלטן זיי וויייניק,

דערפֿאַר שטאָפּן זיי זיך אָן מיט ש"ס ופּוסקים. ווייַזט דער ליטוואַק א בפּירושע גמרא, — די אויגן שטעכט ער אויס! אַפּילו משה רבינו, ווייַזט ער, האָט בייַם לעבן נישט געקאָנט ארויף אויפֿן הימל, נאָר געהאַלטן זיך צען טפּחים אונטערן הימל. נו, גיי שפּאַר זיך מיט א ליטוואַק!

— וווּ דען קומט אַהין דער רבי?

— מייַן דאגה! — ענטפֿערט ער און ציט מיט די אַקסל; און תוך כדי דיבור (וואָס א ליטוואַק קאָן!) איז ער זיך מיישבֿ צו דערגייין די זאַך.

נאָך דעם זעלבן פֿאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריבֿ, גנבֿעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר אַרייַן, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, וווּ דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט סליחות־צייַט.

אַן אַנדערער וואָלט אפֿשר אייַנגעדרעמלט און פֿאַרשלאָפֿן די צייַט; א ליטוואַק טוט זיך אַן עצה: לערנט ער זיך אויסענווייניק א גאַנצע מסכתא! איך געדענק שוין נישט: חולין, צי נדרים!

פֿאַרטאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפֿן א צייַט. ער הערט אים שוין אפֿשר א גאַנצע שעה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן, ווייס וויפֿל צער פֿאַר כל ישראל, וויפֿל יסורים עס האָט געשטעקט אין זייַן יעדן קרעכץ . . . די נשמה פֿלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצן. א ליטוואַק האָט דאָך אָבער אַן אייַזערן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווייַטער! דער רבי ליגט זיך אויך. דער רבי, זאָל לעבן, אויפֿן בעט, דער ליטוואַק — אונטערן בעט.

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הייבן אָן סקריפּען . . . ווי די בני־בית כאַפּן זיך אַרויס פֿון די בעטן; ווי מען מורמלט א יִדיש וואָרט, מען גיסט וואַסער אויף די נעגל, עס קלאַפּן

זיך אויף און צו די טירן . . . דערנאָך איז דער עולם אַרויס פון שטוב, עס ווערט ווײַטער שטיל און פינצטער, דורכן לאָדן שײַנט קוים אַרײַן א קליין ביסל ליכט פון דער לבֿנה . . .

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן איינער אַליין מיטן רבין, איז אים באַפֿאַלן אַן אימה. די הויט איז אים שיער אויפֿגעבלאָזן פאַר שרעק, די וואָרצלען פון די פאות האָבן אים געשטאָכן אין די שלייפֿן, ווי די נאָדלען.

א קלייניקײַט: מיטן רבין און סליחות־צײַט פאַרטאָג אַליין אין א שטוב.

א ליטוואַק איז דאָך אָבער אײַנגעשפּאַרט. ציטערט ער, ווי א פיש אין וואַסער, און ליגט.

ענדלעך, שטייט דער רבי, זאָל לעבן, אויף . . .

פריער טוט ער, וואָס א ייִד דאַרף טאָן . . . דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס א פעקל . . . עס באַווײַזן זיך פויערשע קליידער: לײַוונטענע פלודערן, גרויסע שטיוול, א סיערמינגע, א גרויס פוטערן היטל, מיט א ברייטן, לאַנגן לעדערנעם פאַס, אויסגעשלאָגן מיט מעשענע נעגעלעך.

דער רבי טוט עס אָן . . .

פון דער קעשענע פון סיערמינגע שטאַרט אַרויס אַן עק פון א גראָבן שטריק . . . פון א פויערשן שטריק!

דער רבי גייט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בייגט זיך אײַן, פון אונטער א בעט נעמט ער אַרויס א האַק, פאַרלייגט זי אונטערן פאַס און גייט אַרויס פון שטוב.

ימים־נוראים שרעקן זיך אַלע פאַרן משפט. "אפילו א פיש אין וואַסער ציטערט".

אַלמער — שאַפע.

סיערמינגע — א פויערישער מאַנטל.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

אַ שטילער, ימים־נוראימדיקער פּחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאַסן. אָפּט רײַסט זיך אַרויס אַ געשריי פון סליחות פון ערגעץ אַ מנין, אָדער אַ קראַנקער קרעכץ פון ערגעץ אַ פענצטער... דער רבי האַלט זיך אַלץ אין די זײַטן פון די גאַסן, אין שאָטן פון די הײַזער... פון איין הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס און דער ליטוואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט ווי זײַן אייגן האַרץ קלאַפּן מישט זיך צוזאַמען מיטן קול פון רבינס שווערע טריט. אָבער גיין גייט ער און קומט צוזאַמען מיטן רבין אויס דער שטאָט אַרויס.

הינטער דער שטאָט שטייט אַ וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַרײַן. ער מאַכט אַ דרײַסיק, פערציק טריט און שטעלט זיך אָפּ בײַ אַ ביימל, און דער ליטוואַק ווערט נבהל ונשתומם, זעענדיק, ווי דער רבי נעמט אַרויס פון פּאַס די האַק און שלאָגט אין ביימל.

ער זעט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט ווי דאָס ביימל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס ביימל פאַלט, און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס... די ליפּעס — אויף דינע שײַטלעך; און ער מאַכט זיך אַ בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פון קעשענע, ער וואַרפט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַרײַן די האַק אינם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פון וואַלד און גייט צוריק אין שטאָט אַרײַן.

אין אַ הינטער־געסל שטעלט ער זיך אָפּ בײַ אַן אָרעם, האַלב־אײַנגעבראָכן הײַזל און קלאַפּט אָן אין פענצטערל.

— ווער איז? — פרעגט מען דערשראָקן פון שטוב אַרויס. דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז אַ קול פון אַ ייִדענע, פון אַ קראַנקער ייִדענע.

— יאַ! (איך) — ענטפערט דער רבי אויף פּויעריש לשון.

— קטאָ יאַ? (ווער איך) — פרעגט מען ווײַטער פון שטוב.

און דער רבי ענטפערט ווייטער אויף מאַלאַראָסיש לשון:

— וואַסיל!

— וואָס פאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסטו, וואַסיל?

— האַלץ, — זאָגט דער פאַרשטעלטער וואַסיל, — האָב איך צו פאַרקויפן! זייער ביליק. בחצי חינם האָלץ!

און נישט וואַרטנדיק אויף תשובה, נעמט ער זיך אין שטוב אַריין.

דער ליטוואַק גנבעט זיך אויך אַריין און, ביים גרויען ליכט פון פריען מאָרגן, זעט ער אַן אָרעמע שטוב, צעבראָכן, אָרעם כלי־בית... אין בעט ליגט אַ קראַנקע יידענע, פאַרוויקלט מיט שמאַטעס. און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול:

— קויפן? מיט וואָס זאָל איך קויפן? ווו האָב איך, אָרעמע אַלמנה, געלט?

— איך וועל דיר באָרגן! — ענטפערט דער פאַרשטעלטער וואַסיל, — אינגאַנצן זעקס גראָשן!

— פון וואַנען וועל איך דיר באַצאָלן? — קרעכצט די אָרעמע יידענע.

— נאַרישער מענטש, — מוסרט זי דער רבי, — זע, דו ביסט אַן אָרעמע, קראַנקע יידענע, און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ; איך בין בטוח, אַז דו וועסט באַצאָלן; און דו האָסט אַזאַ שטאַרקן, גרויסן גאָט, און געטרויסט אים נישט... און האָסט אין אים אויף נאַרישע זעקס גראָשן פאַרן בינטל האָלץ קיין ביטחון נישט!

— און ווער וועט מיר איינהייצן? — קרעכצט די אַלמנה, — איך האָב דען כוח אויפצושטיין? מיין זון איז אויף דער אַרבעט געבליבן.

— איך וועל דיר איינהייצן אויך, — זאָגט דער רבי.

מאַלאַראָסיש — פּראָסט־אוקראַאיניש.

און אַרײַנלייגנדיק דאָס האַלץ אין אויוון, האָט דער רבי, קרעכצנדיק, געזאָגט פֿון סליחות דעם ע ר ש ט ן פּיזמון...

און אַז ער האָט אונטערגעצונדן, און דאָס האַלץ האָט פֿריילעך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַביסל לוסטיקער, פֿון די סליחות דעם צ ו ו י י ט ן פּיזמון...

דעם דריטן פּיזמון האָט ער געזאָגט ווען עס האָט זיך אויסגעברענט, און ער האָט די בלעך פֿאַרמאַכט...

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, איז שוין געבליבן אַ נעמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַמאָל פֿאַרציילט, אַז דער נעמיראָווער הייבט זיך אויף סליחות־צײַט יעדן פֿרימאָרגן און פֿליט אַרויף אין הימל אַרײַן, פֿלעגט שוין דער ליטוואַק נישט לאַכן, נאָר צוגעבן שטילערהייט:

— אויב נישט נאָך העכער!

)::(